STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02805

IN GOLDENEM SHTROM

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָבּרין

אין גאָלדענעם שטראָם

ראמאן

צווייטער טייל

פארלאג ח. בזשאזא

ווארשע 1936

Printed in Poland

Leon Kobrin

In Goldenem Sztrom

Wyd. Ch. Brzoza

Warszawa, 1936

Druk. P. Brzeziński, Warszawa.

ב

דער גליקלעכער אָרע.

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה איז אָרע ארומגעגאַנגען אַזוי ווי פאַרשיכּורט פון גליק. ער האָט ביז אַהער גאָר קיינמאָל נישט גע־ווּסט, אַז עס איז דאָ אַזויפיל גליק אויף דער וועלט, אַזויפיל עולם־הזה... ער איז אויף אַ צענדליק יאָר יינגער געוואָרן, ער האָט זיך געפילט גאָר יונג, יינגער, איידער דער יינגסטער האָט ער זיך גע־פילט. גאָר אַן אַנדער פּנים האָט ער געקריגן, אַן אַנדער בּליק אין די אויגן, און זיין שווערער, בּרייטער גוף איז געוואָרן רירעוודיקער, לייכטער, און אַזוי אויך זיין טריט, וואָס איז פריער געווען אַזוי שווער. די בּאָרד זיינע איז עפּעס אַזוי ווי יינגער געוואָרן און האָט נישט אויסגעזען אַזוי משוגנהדיק־ווילד ווי פריער. אַפילו דאָס קול זיינס איז געוואָרן יינגער, ריינער, הילכעדיקער...

און גוט איז ער געווען אָן אַ שיעור סיי צו גאָט און סיי צו לייט. ער וואָלט כּסדר געטאָן נאָר מצוות פון גאָטס־וועגן און גוטס צו מענטשן פון זייערטוועגן. זיין לאַנדסמאַן, דעם יאַנאָוויצער רב, האָט ער איצט בּמעט אויסגעהאַלטן און דורך אים האָט ער אויך געשטיצט דאָס גאַנצע שטעטל זיינס.

און פאַר רייטשלען אַליין האָט ער שוין גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן. איצט, ווען זי איז געווען זיין ווייב, האָט ער שוין נישט געדאַרפט מער מורא האָבּן צו טראַכטן וועגן איר, ווי ער האָט גע־טראַכט, און צו פילן צו איר, ווי ער האָט געפילט. עס איז שוין מער נישט געווען קיין עבירה. זי איז געווען זיין ווייב. און נאָכאַנאַנד האָט ער געטראַכט: וואָס גיט מען איר? וואָס שענקט מען איר? וואָס פאַר אַ מתּנה בּרענגט מען איר?

און יעדן טאָג, ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער איר עפּעס

געבראַכט: אַ רינגעלע, אַ בראַנסאָלעטעלע, פּאַטשערקעס, קאָראַלן און וואָס נאָר ער האָט געקאָנט געפינען, כּדי זי צו דערפרייען...

עס איז געווען אין חודש דעצעמבער. אינדרויסן איז קאַלט געווען. האָט אָרע איינמאָל, אַן אינדערפרי, בעת ער איז געזעסן מיט איר אינם ביבליאָטעק־צימער, אַרויסגענומען אַ טשעק אויף טויזנט דאָלאַר און איר דערלאַנגט מיט די ווערטער:

— גיי, רייטשעלע, און קויף זיך היינט אַ פוטער. גיי נישט אַליין, גיי מיט דיין שוועסטער.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טשעק און זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט זיך וועלן קויפן אַזאַ פוטער, ווי מרס. בלום האָט געקויפט. זי האָט אים נעכטן געטראָגן, ווען זי איז געווען ביי אונז. דו האָסט געזען?

אָרע האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— ווער קוקט עס אויף פרעמדע ווייבער? ווען איך וואָלט אפילו געהאַט הונדערט אויגן, וואָלט איך אויף קיין אַנדערער נישט געקוקט, ווי נאָר אויף דיר, מאַמינקע מיינע!...

האָט רייטשל באַמערקט האַלב־שטיפעריש און האַלב־שפּאַטיש:

— הער נאָר, הער, דו ווערסט דאָך עפּעס ביי מיר אַ גאַנצער קאַוואַליער! ווי דו רעדסט עס אַביסל!...

— עס איז נישט קיין ליגן, מאַמינקע. אַלצדינג, וואָס איך זאָג, איז הייליק. יעדעס וואָרט איז הייליק. איך וואָלט געקוקט נאָר אויף דיר, מאַמינקע, און נאָר דיר אַליין וואָלט איך אוועקגע־געבן דעם גאַנצן חיות מיינעם!

און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איר, האָט ער צונויפגעלייגט די הענט, ווי צו אַ תּפילה, און מיט התפּעלות צוגעלייגט:

— אָ, וואָס פאַר אַ פּאַרשוין! קיין בייז אויג זאָל דיר גאָרנישט שאַדן, מאַמינקע!

זי איז געזעסן אויף אַ שטול אין איר זיידענעם מאָרגן־קלייד און אויף די פיס האָט זי געטראָגן רויטע שטעק־שיך, און די שוואַר־צע האָר זענען ביי איר געווען צעלאָזן איבער די אַקסלען; און זיצנדיק, האָט זי געהאַלטן אין אַ האַנט דעם טשעק און האָט גע־

קוקט אויף אָרען האַלב־שפּאַטיש און אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— אויב דו האָסט מיך אַזוי ליב, פאַרוואָס זעסטו נישט צו טאָן עפּעס מיט דײַן באָרד? דו ווילסט דען נישט אויסזען שענער בײַ מיר אין די אויגן?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, אוי, אוי, שוין ווידער? איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: אַלצדינג, אַלצדינג, אָבער דאָס נישט. די באָרד טשעפּע איך נישט. אַזוי אַביסעלע אַ פּוץ טאָן מיט דער שער,—פונדאַנען אַביסעלע און פון דאָרט אַ קאַפּעטשקע, — דאָס יאָ, דאָס מעג מען. טו איך דאָך דאָס, שיקסעלע!

— דו טוסט עס נישט, און דו האָסט עס געדאַרפט טאָן. דו וואָלסט אויסגעזען דעמאָלט גאָר אַן אַנדער מענטש.

— רעד נישט אַזוי, מאַמינקע, רעד נישט! — האָט ער זי גענומען גלעטן בײַם אַקסל. — דו קויף זיך בעסער דעם פוטער. דו זאָגסט, אַז דו ווילסט האָבן אַזאַ, ווי מרס. בלום האָט? קויף זיך אַזאַ, קויף זיך אַ בעסערן פוטער, אַ טײַערערן! איך זשאַלעווע דיר עפּעס? און אַ קאַרעטע ועסטו אויך האָבן. קיינער וועט דאָ נישט האָבן אַזאַ קאַרעטע ווי דו, מיט אַזאַ פערד! איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט מיט אימיצן. נו, בין איך אַ גוטער מאַן? דאַרף איך טשעפּען מײַן באָרד?

רייטשל האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן טשעק, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, און האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער מרס. בלומס פוטער קאָסט מער ווי דאָס, קאָסט אַ סך מער ווי טויזנט...

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, און אַז מער, האָסטו מורא, אַז איך וועל דיר נישט געבן? וויפל עס זאָל נישט קאָסטן, איז בלאָטע, אַבי טראָג געזונטערהייט און זײַ צופרידן.

פרומע איז אַרײַנגעקומען. זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר:

— אָרע, אימיצער דאַרף דיך, מײַן זון.

— ווער, מאַמע? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איר.

— אַ לאַנדספרוי מיט איר טאָכטער האָבן געבראַכט געלט איינצוליגן בײַ דיר...

אָרע האָט ווידער פּריילעך אַ לאַך געטאָן:

— פאַרוואָס דווקא בײַ מיר? אַך, וואָסערע נאַרישע מענטשן! דאָס האָט מיך אונזער רב געמאַכט פאַר אַזאַ בטוח בײַ זיי. ער האָט מיך אַזוי פאַרלויבט פאַר אונזערע לאַנדסלייט, אַז זיי גלויבן מיר מער ווי דער באַנק; ליגן איין בײַ מיר נדן פאַר זייערע טעכטער, און וואָס נישט?...

די אַלטע פרומע האָט זיך אָנגערופן:

— זיי ווייסן, וואָס זיי טוען, מיין זון. אַ דאַנק גאָט, זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז בײַ דיר וועט זייער געלט גאַנץ זיין. און נישט בלויז אונזערע לאַנדסלייט, נאָר די גאַנצע וועלט ווייסט עס, און מען ברענגט צו דיר געלט איינליגן פאַר יתומים און פאַר כלות, אַ דאַנק גאָט. גיי, מיין זון, זיי וואַרטן דאָרט.

אָרע איז אַרויסגעגאַנגען. די אַלטע פרומע, וואָס האָט איצט רייטשלען נאָך מער פיינט געהאַט, איידער פריער, נאָר האָט צוליב שלום־בית־וועגן געוואָלט אויסקומען מיט איר גוט, האָט זי פריינט־לעך אָנגעקוקט מיט אירע אַלטע אויגן און באַמערקט:

— זעסט, מיין טאָכטער, ווי די וועלט האַלט איצט פון דיין מאַן?

רייטשל האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— יאָ, איך זע!

און זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אַ שאַפע מיט ביכער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו פרומען. דערבײַ האָט זי דעם טשעק אַריינגערוקט צו זיך אין בוזעם.

זי האָט אויך פיינט געהאַט די אַלטע, ווי די אַלטע זי. זי האָט זיך אָבער אויך נישט געוואָלט קריגן מיט איר און זיך באַמיט אויס־צוקומען מיט איר, הגם גרינג איז דאָס איר נישט אָנגעקומען...

בכלל, איז נאָך דערווייל נישט געווען פאַר וואָס צו קריגן זיך. אין די פאָר וואָכן, זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט אָרען, האָט אין הויז נאָך נישט פּאַסירט קיין זאַך, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ באַזונ־דערע אומצופרידנקייט בײַ פרומען, צי בײַ איר, רייטשלען.

פרומע האָט געזען, ווי אָרע איז פאַרקאַכט געווען אין רייטש־לען און ווי צוליב דעם האָט ער כמעט איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער האָט געהאַט אַן אַלטע מאַמע, — האָט עס איר אודאי וויי געטאָן; זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין טענות דערפאַר האָט זי צו אָרען נישט געקאָנט האָבן; און קיין אַנדער זאַך האָט נישט פּאַסירט, פאַרוואָס זי זאָל זיין באַזונדערס אומצופרידן. דאָס ווייסע הינטעלע, וואָס סעמקע האָט געזאָלט ברענגען רייטשלען, האָט ער איר נישט געבראַכט. רייטשל אַליין האָט שוין נישט געוואָלט קיין הינטעלע, מחמת זי האָט געוווּסט, אַז ווען זי זאָל אַריינגעמען אין הויז אַ הינטעלע, וועלן זיך אָנהויבן טענות און צאַנקערייען, און דאָס האָט זי דערווייל געוואָלט אויסמיידן.

סעמקע איז איצט געוואָרן אַן אייגענער מענטש ביי אָרען אין הויז, אַ שטוב־מענטש. כמעט יעדן אויפדערנאַכט איז ער דאָרט געווען, און ס׳רוב מיט זיין ווייב. זינט רייטשלס חתונה האָט ער זי ווידער גענומען זוכן מיט דער אייגענער עקשנות, ווי אַמאָל, און כּדי דאָס זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן אָרען, אָדער פרומען, איז ער כמעט כסדר געקומען צו זיי מיט זיין ווייב.

אַמאָל זענען זיי אַלע, זאַלבעפערט, געפאָרן אין יידישן טעאַטער, און אַן אַנדערשמאָל איז רייטשל מיט זיי געגאַנגען אָן אָרען, אָבער שטענדיק האָט זי דעמאָלט געמאַכט אַזוי, אַז אָרע האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי איר, אַז זי זאָל גיין מיט זיי אָן אים. און צי אָרע איז געגאַנגען מיט זיי, צי נישט, סעמקע האָט אַלע מאָל געפונען אַ געלעגנהייט צו זאָגן רייטשלען, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן... און זי, רייטשל, ווען זי איז נאָר איצט געווען נאָנט נעבן סעמקען, האָט מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט צו הערן פון אים דאָס, וואָס ער האָט איר שוין נישט איין מאָל געזאָגט.

און געזאָגט האָט ער איר איין זאַך:

זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט אָרען, געפינט ער זיך קיין אָרט נישט. ער ווערט משוגע. דאָס לעבן איז אים נישט ניחא. ער פאַרשעלט זיך די יאָרן. ער איז נישט זיכער, אַז ער וועט אַמאָל פאַר פאַרצווייפלונג יישט טאָן עפּעס אַ שריט, וואָס זי וועט נאָכדעם באַדויערן. זאָל זי דערפאַר רחמנות האָבן איבער אים...

און זי, רייטשל, האָט עס דוקא געוואָלט הערן. מחמת אַזוי האָט זי אַמאָל אַליין אויך געפילט, האָט זיך איר געדאַכט. אָט די ווערטער זיינע זענען ווי פון איר אייגענעם האַרצן אַרויס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זינט זי איז פאַרליבט געווען אין אים, האָט זי קיינמאָל אַזוי נישט געבענקט נאָך אים, ווי זינט נאָך איר חתונה...

אמת, דערווייל האָט זי זיך נאָך געראַנגלט קעגן דעם, געפּרוּווט זיך איינרעדן, אַז ווען אָרע זאָל אַביסעלע אַנדערש אויסזען, וועט ער איר געפעלן און וועגן אַן אַנדערן וועט זי דעמאָלט אפשר נישט טראַכטן; אָבער וואָס ווייטער איז איר בענקשאַפט נאָך סעמקען אַלץ שטאַרקער געוואָרן, און איצט האָט זי געפילט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט עפּעס מוזן געשען צווישן זיי, און זי האָט זיך גע־פרעגט: „ווען?" — און ער, סעמקע, טראַכטנדיק וועגן איר, האָט ביי זיך אויך געפרעגט: „ווען?"...

דערווייל האָט די אַלטע, אַזוי ווי זי איז דאָרט געשטאַנען אין דער טיר, באַמערקט, אַז איינער פון די טעפּיכער, וואָס איז דאָרט געלעגן אויפן דיל, איז איינגעריכט געווען, האָט זי פאַרבראָכן די הענט און זיך אָנגערופן:

— ווי, ווי, שוין צוויי דינסטן אין שטוב און מען מאַכט דאָ נאָך אַלץ אַ תּל פון די זאַכן! זע, רייטשל, — איז זי צוגעגאַנגען צום טעפּיך, — עס קאָסט אַזויפיל געלט, און ווי מען האָט עס צע־פּטרט!

רייטשל האָט זיך אַ קער געטאָן:

— וואָס איז? אָט דאָס? מען וועט איבער דעם דורכגיין מיט אַ שמאַטקע...

אָבער די אַלטע האָט זי שוין נישט געהערט. זי איז אַרויסגע־לאָפן פונעם צימער און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט אַ באַרשט און זיך איינגעבויגן איבערן שטיקל טעפּיך און גענומען מיט אַלע כּחות רייבן מיטן בערשטל, און ווען עס איז שוין מער נישט גע־ווען קיין פלעק אויפן שטיקל טעפּיך, האָט זי געזאָגט:

— געוואַלט, איך וואָלט נאָר וועלן וויסן: טרעט מען ביי אַלע גבירים מיט די פיס אויף אַזעלכע טייערע זאַכן?

— כוען טרעט נאָך אויף טייערערע, — האָט רייטשל גע־ענטפערט.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? דו ביזט דען אַמאָל געווען ביי גבירים אין אַ הויז?

— אודאי.

— נו, אַז דו, מיין טאָכטער, זאָגסט „אודאי”, דאַרף מען דיר גלויבן.

אָרע האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— אַ בעלנות פון ווייבער! אַרויסגענומען אַכט הונדערט דאָלאַר פון דער באַנק און געבראַכט צו מיר. פרעג איך זיי: „פאַרוואָס צו מיר? איך בין עפּעס מער בטוח ווי די באַנק?” ענטפערן זיי מיר, אַז ביי מיר דאַרפן זיי נישט שטיין אין ליין, דאַרפן נישט וואַרטן, דאַרפן נישט רעדן קיין ענגליש, קאָנען קומען, ווען זיי ווילן, און נעמען זייער געלט.

— דאָס איז דאָך אמת, אָרע! — האָט זיך פרומע אָנגערופן.

אָרע האָט צופרידן אַ גלעט געטאָן מיט זיינע ביידע הענט די ביידע זייטן פון זיין באָרד אַרויף און אַראָפּ, און אַראָפּ און אַרויף, און נאָכדעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו רייטשלען:

— אַנו, רייטשל, וואָס זאָגסטו, האָ? מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען דו ביזט געווען מיין „באָרדערקע”, ווען אימיצער זאָגט דיר דעמאָלט, אַז איך וועל אַמאָל זיין שטאַרקער, ווי די באַנק, וואָלסטו דאָס געגלויבט, האָ?

— אַ סך זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט זינט יענער צייט, וואָלט איך דעמאָלט נישט געגלויבט, — האָט זי געענטפערט.

שפּעטער, ווען אָרע איז אַוועקגעגאַנגען צו זיינע הייזער, וואָס ער האָט געבויט, האָט זיך רייטשל אָנגעטאָן און איז אויך אַוועק פונם הויז. איידער זי איז אַוועק, האָט זי געזאָגט פרומען, אַז זי גייט צו מרס. בלום און אַז זי וועט באַלד זיין צוריק.

און זי איז טאַקע געגאַנגען צו מרס. בלום, ווייל זי האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אָנקוקן איר מאַנטל און טאַקע בעטן זי, אַז זי זאָל מיט איר גיין אין אַ פוטערווארג־געשעפט. אין דער אייגענער צייט האָט זי געהאָפט, אַז זי וועט דאָרט טרעפן סעמקען אינדערהיים.

סעמקע בלום האָט געוווינט אויפן בולוואַרד. ער איז געווען פון די ערשטע נייע בראָנזווילער גבירים, וואָס האָט אָפּגעקויפט אַ הויז אויפן בולוואַרד פון אַ קריסטלעכן מיליאָנער און זיך אַריינגעצויגן אַהין.

אַזוי ווי רייטשל איז געוווינט געווען צו נעמען אַ לאַנגן שפּאַציר יעדן אינדערפרי, האָט זי זיך מיישב געווען, אַז זי וועט נעמען אַ שפּאַציר פון איר הויז אויף פּענסילווייניע עוועניו ביז יענעם הויז אויפן בולוואַרד. און עס האָט איר גענומען באַלד אַ שעה צייט, ביז זי האָט דערזען אויפן בולוואַרד דעם רויטן דאַך פון סעמקעס הויז, וואָס איז געשטאַנען אַזוי ווי אינמיטן אַ בלומענגאָרטן, אָפּגערוקט ווייט פון דעם טראָטואַר און אָפּגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן.

אַז זי האָט דערזען דאָס הויז, איז זי געוואָרן נערוועז. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „איז ער אינדערהיים, אָדער נישט?"

אינם האַרצן האָט איר געקלאַפּט און זי האָט מער נישט געטראַכט, נישט פון דעם פוטער און נישט פון מרס. בלום.

די טיר האָט איר געעפנט אַ דינסט מיט אַ ווייסן טשעפּיק. און באַלד האָט זיך באַוויזן די באַלעבאָסטע אַליין, די קליינע, מאָגערע מרס. בלום, און זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט רייטשלען.

— אַ גאַסט. שוין עטלעכע טעג זיך נישט געזען. וואָס מאַכט איר? — האָט גערעדט מרס. בלום און געשמייכלט צו איר פריינטלעך מיט די צוויי פאָדערשטע גאָלדענע ציין.

— וואָס איך מאַך? אָט געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר פון מיין הויז ביז צו אייערן. איך גיי באַלד צוריק.

— צופוס? אַזאַ ווייטן וועג?

— יאָ, איך האָב ליב צו שפּאַצירן. און וואָס מאַכט איר, מרס. בלום?

— וואָס איך מאַך? איך וואָלט נישט געהאַט קיין כח צו שפּאַצירן פון מיין הויז ביז צו אייערן.

און די קליינינקע מרס. בלום האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך איבערגעשלאָגן:

— וואָס האָבן מיר זיך דאָ אוועקגעשטעלט? קומט, זעצט זיך צו, רוט זיך אָפּ אַביסל!

און זי האָט אַריינגעפירט רייטשלען אין אַ גרויסן זאַל, וווּ עס זענען געשטאַנען גאָלדענע, צי באַגילדעטע, גרויסע שטיקער מעבל, און אויף די רויטע סאַמעטענע ווענט זענען געהאָנגען גרויסע אייל-בילדער, צווישן זיי אַן אייל-פּאָרטרעט פון סעמקע בלום אויך, אַלע אין גאָלדענע ראַמען.

רייטשל האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט איר העלן, לאַנגן מאַנטל, האָט אים אָבער נישט אויסגעטאָן. און אַזוי האָט זי זיך אַוועקגע-זעצט מיט מרס. בלום אויף אַ ווייכער זאָפע.

— אייגנטלעך בין איך געקומען איצט צו אייך, ווייל איך וויל נאָך אַמאָל אָנקוקן אייער פוטער, — האָט רייטשל זיך ווידער אָנ-גערופן, — איר ווייסט, מרס. בלום, אייער פוטער געפעלט מיר אַזוי, אַז איך האָב אַליין חשק צו קויפן אַזאַ.

— פאַר אַזויפיל געלט, מרס. כּיריג, קאָנט איר זיך קויפן אפשר נאָך אַ בעסערן...

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָי, מרס. בלום, איך בעט אייך, רופט מיך נישט „מרס. כּיריג", רופט מיך בעסער רייטשל. אַ נאָמען אַביסל — „כּיריג"! ביי מיר קלינגט עס אַזוי ווי הערינג!...

מרס. בלום האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איר וועט זיך שוין צוגעוווינען, מרס. כּיריג. אָט, איך ברענג אייך גלייך אַריין מיין פוטער.

און זי איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

רייטשל האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אַ פאַרשוין אַביסל. אינאיינעם מיט איר טייערן פוטער וועגט זי אפשר אַן 80 פונט. אַ ווייב פאַר סעם בלום!..."

און זי האָט נערוועז און שפּאָטיש געשמייכלט.

מרס. בלום איז צוריק אַריינגעקומען אין איר שוואַרצן קאַראַ-קולענעם פוטער מיטן קראַגן אויפגעשטעלט און זי האָט זיך גענו-מען דרייען פאַר רייטשלען און געוויזן דאָס פוטער פון אַלע זייטן.

— זייער שיין, און אויף אייך פּאַסט עס, ווי אויסגעגאָסן. איך זאָג אייך, מרס. בלום, אַז מען צאָלט פּאַר עפּעס געלט, איז דאָס ווערט געלט.

מרס. בלום האָט אַ צי געטאָן מיט די שמאָלע, שפּיציקע אַקס־לען און געזאָגט:

— פונמיינעטוועגן האָט דער פוטער געמעגט זיין נישט אַזאַ טייערער. איך האַלט נישט דערפון, אַז ווי באַלד „מרס. די און די" האָט אַ טייערן פוטער, מוז איך אויך האָבן נאָך אַ טייערערן.

— און ווי געפעלט עפּעס מר. בלומען אייער פוטער?

— וואָס הייסט, ווי אים געפעלט? ער האָט דאָך דאָס אויס־געקליבן. ווען נישט ער, וואָלט איך דען געקויפט אַזאַ טייערן פוטער?

— ער גאָר?

— מיין מאַן איז דווקא אַ מבין אויף טייערע זאַכן און ער וויל, אַז איך זאָל טראָגן די בעסטע, די טייערסטע.

ביי רייטשלען האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אַזאַ באַנדיט, געהרגעט זאָל ער ווערן! מיר פאַרקלאָגט ער די יאָרן מיט זיין ליבע, און זיין ווייב, אָט דעם אויסגעטריקנטן הע־רינג, קויפט ער אַזעלכע פוטערס!"

און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איר האָט אַ ווילן מאַן, מרס. בלום!

— יאָ, מיין סעם איז זייער אַ ווילער.

„אַזאַ מזל אויף זיין קאָפּ", האָט רייטשל אַ טראַכט געטאָן, און גערעדט וויטער צו מרס. בלום:

— מסתמא איז ער שטאַרק פאַרליבט אין אייך.

מרס. בלום האָט גליקלעך אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— ער איז אין מיר פאַרליבט אָן אַ „מסתמא".

— איז אייך טאַקע גוט.

מרס. בלום האָט דערפילט אין איר טאָן אַ נישט־פאַרגינען און דאָס האָט איר פאַרדראָסן. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, ווער רייטשלס מאַן איז געווען, און זי האָט אויף איר רחמנות געקריגן.

אין אָט דער צייט האָט זיך דערהערט סעמקעס קול:

— דאָרא!

מרס. בלום האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, סעם, וואָס ווילסטו?

— ווער איז דאָרט געקומען? — האָט זיך דערהערט ווידער זיין קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אן אויבערשטן צימער.

— מרס. כּיריג איז דאָ. זי איז געקומען זען מיין פּוטער. זי וויל זיך אויך קויפן אַזאַ פּוטער.

זיין קול האָט זיך מער נישט געהערט.

— ער נעמט דאָרט אַ וואַנע. ער וועט באַלד אַרונטערקומען. האָט געשלאָפן ביז אַהער, — האָט מרס. בלום זיך אַ קער געטאָן צו רייטשלען.

זי, מרס. בלום, איז פאַרליבט געווען אין איר מאַן און זי איז געווען זיכער, אַז ער אין איר איז נאָך מער פאַרליבט געווען. פאַר זייער חתונה האָט ער געוווינט ביי אירע עלטערן. זי האָט געהאַט פאַרמעגלעכע ברידער, און איין ברודער גאָר אַ רייכן, אַ פאַבריקאַנט. ביי אָט דעם ברודער אין אָפיס האָט זי געאַרבעט אַלס בוכהאַלטערין. סעמקען איז דאַן איינגעפאַלן, אַז זי וואָלט געווען אַ גוטער שידוך פאַר אים. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ געבילדעטע און טאַקע אין זינען געהאַט אירע רייכע ברידער אויך. און ער, דער אָדעסער קאַוואַליער, איז איר אויך געווען געפעלן. און אַזוי האָבן זיי דערנאָך חתונה געהאַט.

— אפשר זאָל איך, האַ? — האָט זיך רייטשל פּלוצים אָפּגערופן פאַרטראַכט.

— וואָס?

— אויב אייער מאַן איז אַזאַ מבין אויף פּוטערס, זאָל איך אים אפשר בעטן, אַז ער זאָל מיט מיר מיטגיין?...

— פאַרוואָס נישט? ער קאָן גיין מיט אייך. ער האָט גענוג צייט. ווייסט איר גאָר וואָס? מיר וועלן גיין אַלע זאַלבעדריט. און טאַקע אין דעמזעלבן געשעפט, ווו איך האָב געקויפט מיינעם. וויפל ווילט איר אויסגעבן אויף אַ פּוטער?

— פון געלט איז קיין מניעה נישט. מיר דאַרף נאָר געפעלן.

זאָל נאָר זיין אַ ליטוישער פּוטער, איז פופצן־זעכצן הונדערט דאָלאַר נישט קיין געלט.

סעמקע איז אַריינגעקומען, אַן אָפּגעראַזירטער, אַ פּאַרקעמטער, אַ געפּודערטער, מיט די שפּיצן פון די בלאָנדע וואָנצעלעך, אַזוי ווי שפּיזלעך, און אין אַ זיידענעם שלאָפראָק מיט גאָלדענע קווייטן, וואָס אַזאַ האָט ער אַמאָל געזען ביים יידישן סטאַר אויף דער בינע, און אין רויטע שטעק־שיך.

— האָ דו יו דו! — האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר רייטשעלען מעשה עכטער קאַוואַליער. — וואָס מאַכט איר, מאַדאַם?

זיין ווייב האָט זיך אַריינגעמישט:

— זי וויל, סעם, אַז דו זאָלסט מיט איר גיין קויפן אַ פּוטער.

— איך? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — ניין, דאַרא! וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטראַכט, ווען איך טו דאָס? און וואָס וואָלטן אַנדערע געטראַכט? ניין, חלילה!...

— אָבער איך אַליין זאָג דאָך דיר, אַז דו זאָלסט גיין.

— אָבער עס וואָלט אויסגעקוקט מאָדנע. ווייסט דאָך, מענטשן האָבן בייזע צינגער, רעדן לשון־הרע. קאָנען נאָך עפּעס אָנרעדן איר מאַן. מען דאַרף נישט. גיי דו בעסער מיט איר.

— גוט, איכל אויך גיין.

— אָ, סיידן, אַז דו וועסט אויך גיין. דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש!

רייטשל, וואָס איז בטבע געווען אַן ערלעכע און אויפריכטיקע נאַטור, איז געוואָרן אויפגעבראַכט פון זיינע ווערטער, און זי האָט זיך אָפּגערופן מיט שפּאָט אינם קול:

— און איצט, מר. בלום, אַז אייער ווייב וועט מיטגיין, האָט איר שוין מער קיין מורא נישט פאַר קיין בייזע צינגער און פאַר קיין רכילות? איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר היט זיך אַזוי...

מרס. בלום האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל, אַרויסשטעלנ־דיק ביידע פאָדערשטע גאָלדענע ציין:

— וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז עס איז אמת, וואָס בייזע צינגער רעדן וועגן מיין מאַן? אודאי היט ער זיך. איך קען מיין

סעמען און איך וויים, אז ער איז אַ סך אָרנטלעכער פון יענע, וואָס באַרעדן אים!...

„אָי, קענסטו דיין מאַן!" — האָט רייטשל אַ טראַכט געטאָן.

דערנאָך איז סעמקע אַוועק עסן פרישטיק און מרס. בלום מיט רייטשלען זענען אַריין אין ביבליאָטעק־צימער, וואָס איז נאָך גרעסער געווען איידער אָרעם און ווי מער שאַפעס מיט ביכער האָבן זיך געפונען און ווי אַפילו שעקספּירס אַ ביוסט איז געשטאַנען אויף אַ ווייסן מאַרמאָרנעם פּיעדעסטאַל. אויפן שרייבטיש דאָרט זענען געשטאַנען צוויי פאָטאָגראַפישע בילדער, איינס פון סעמקען אַליין און דאָס צווייטע פון זיין ווייב.

און ווידער איז רייטשל געוואָרן אויפגערעגט, בעת זי האָט דערזען מרס. בלומס בילד נעבן זיינעם, און זי האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַהערשן, און מיטאַמאָל האָט זי גענומען אויסגיסן איר כעס אויף מענער, אויף מענער סתם אין דער וועלט אַריין, פאַר מרס. בלום. די ערגסטע ברואים אין דער וועלט זענען זיי געווען. קיין איין רעכטער מאַן, קיין איין מאַן, וואָס אַ פרוי זאָל אים מעגן גלויבן, איז צווישן זיי נישט געווען, — איז פון רייטשלס רייד אַרויסגעקומען.

מרס. בלום האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף איר. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס רייטשל איז מיטאַמאָל אַזוי באַפאַלן די מענער.

— וואָס האָט איר צו זיי, מרס. כיריג? וואָס האָבן די מענער אייך געטאָן?

— מיר? מיר גאָרנישט. נישט דערלעבן וועלן זיי מיר עפּעס צו טאָן. איך האָב זיך נאָר דערמאָנט, וואָס איין באַנדיט האָט אָפּגעטאָן, און אַזוי ווי ער, זענען כמעט אַלע מענער!...

— ווער? וואָס? ווען? וועגן וועלכן באַנדיט רעדט איר, מרס. כיריג?

האָט זיך פּלוצים רייטשל צעלאַכט און געענטפערט מיט גאָר אַן אַנדער טאָן:

— אָי, טאַקע, עפּעס רעד איך נאַרישקייטן! דאָס רעד איך וועגן אַ באַנדיט פון אַ ראָמאַן, וואָס איך האָב געלייענט.

מרס. בלום האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז סעמקע איז אַריינגע־לאָפן מיט די ווערטער:

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז דאָ אַזוי פריילעך?

זיין ווייב האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט:

— אָי, אַזוי קאָמיש, סעם! — האָט זי נאָכדעם זיך אָפּגע־רופן און געלאַכט ווייטער. — דו האָסט געדאַרפט הערן. מרס. כיריג איז מיטאַמאָל באַפאַלן די מענער. ווייזט זיך נאָכדעם אַרויס, אַז זי האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל דער העלד פון דעם ראָמאַן, וואָס זי האָט געלייענט, איז געווען אַ גרויסער באַנדיט. איז דאָס נישט קאָמיש?

סעמקע האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר, אַ קוק געטאָן פונדערזייט אויף רייטשלען, וואָס איז געזעסן דאָרט אין אַ שאָקל־שטול און זיך געוויגט, און נאָכדעם האָט ער געענטפערט:

— ווען עס קומט די פראַגע וועגן באַנדיטן־מענער, בין איך נישטאָ. וועגן אַזעלכע וויל איך אַפילו נישט טראַכטן. פע!

רייטשל האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע שוואַרצע אויגן אין זיין פנים און זי האָט שפּאָטיש געשמייכלט. זי האָט אָבער גאָר־נישט געזאָגט. מיטאַמאָל איז זי אויפגעשטאַנען און האָט גענומען אויסטאָן פון זיך דעם מאַנטל.

סעמקע איז צוגעלאָפן צו איר און האָט איר געוואָלט העלפן. זי האָט זיך אָבער אָפּגעוועהרט פון אים מיט ביידע הענט.

— אַ דאַנק, איך קאָן אַליין. אוי, ווי מיר איז עפּעס היים גע־וואָרן! — און זי האָט אַרונטערגעשלעפּט פון זיך דעם מאַנטל און אים אַ וואָרף געטאָן איבער דעם ווענטל פון דער שטול, וווּ זי איז געזעסן.

זי איז געבליבן שטיין אין אַ טונקעלן קלייד, וואָס, ווי זי האָט געוווּסט, איז געפעלן געוואָרן אים, סעמקען. דאָסדאָזיקע קלייד האָט שאַרף אָפּגעצייכנט די קאָנטורן פון איר רייצנדיקער פיגור — דעם הויכן, שטאַרקן בוזעם אירן, און די שטאַרקע היפטן און אָרעמס. איצט, ווען זי איז אויפגערעגט געווען, האָבן די אויגן ביי איר גע־ברענט און דאָס פנים האָט זיך גערויטלט.

מרס. בלום האָט זיך אָפּגערופן:

— ווי דאָס קלייד פּאַסט צו אייך. אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף אייך.

רייטשל האָט נערוועז אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אַ דאַנק.

אַ דינסט אין אַ ווייסן טשעפּיק איז דערנאָך אַריינגעקומען און געזאָגט עפּעס דער מרס. בלום. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַנטשולדיקט, מרס. כיריג, מען רופט מיך אין קיך. איך מוז זען וועגן דינער פאַר מיין מאַן. און איר מאַכט דאָ אָפּ מיט אים, ווען צו גיין וועגן אייער פוטער, און אויב איר וועט וועלן, וועל איך אויך גיין מיט אייך.

און זי איז אַרויס מיט דער דינסט פונם צימער.

— דו זעסט, — האָט סעמקע דערנאָך אַרויסגעכאַפּט דעם סי־גאַר פונם מויל און געקוקט מיט באַגייסטערונג אויף רייטשלען, — איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז אָט דאָס קלייד מאַכט דיך נאָך טויזנט מאָל שענער.

— איר האָט אַ סך זאַכן געזאָגט, — האָט זי נערוועז זיך אָפּ־גערופן.

— און אַלצדינג, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, איז הייליק. אמת, איך קאָן אַמאָל זאָגן אַ זאַך, וואָס איז נישט אינגאַנצן ריכ־טיק, אָבער נישט דיר. פאַר דיר בין איך אָפן, אַן אָפענער בוך פאַר דיר, אַ נישט זאָל איך שטאַרבן אָט דאָ אויפן אָרט!

רייטשל, וואָס האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן.

— אַז איר שווערט זיך אַזוי, מיינט איר, אַז איך גלויב אייך? קיין איין וואָרט נישט! איך קען אייך שוין, מיסטער בלום. איר וואָלט געקאָנט זיין אַ פיינער „עקטאָר"!

— שוין ווידער, רייטשל? — האָט ער אַרויסגערעדט, און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַן אומגליקלעכע מינע. — פאַרוואָס פּייניקסטו מיך אַזוי?

— איך פּייניק אייך? ביי אייך איז דאָך דאָס אַ שפּיל און ביי מיר... ביי מיר הויבט זיך דער מוח, איך ווער משוגע... אָי,

וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס איז געווען, וואָס איך האָב אייך גע־טראָפן!...

זי האָט פאַרבראָכן די הענט און גענומען גיין איבערן ווייכן טעפּיך אַהין און צוריק.

סעמקע, מיטן סיגאַר אין מויל, איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט געגרעדט שטיל פון אונטערן סיגאַר אַרויס:

— איך וואָלט וועלן וויסן, פאַרוואָס זידלסטו מיך? מיט וואָס האָב איך זיך איצט פאַרזינדיקט קעגן דיר? סתם מיך באַפאַלן, סתם זיך געבונדן צו מיר, פאַרוואָס, רייטשל, פאַרוואָס?

זי האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן פּנים. ער איז אויך געבליבן שטיין און האָט געקוקט אויף איר — אַ בילד פון טרויער אַליין!

— איר זאָגט, אַז איר האָט נאָר מיך אין זינען, נאָר מיך? און ווען קויפט מען אַ פוטער, און וועמעס בילד שטייט אָט דאָ? — איז זי נערוועז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און געוויזן מיט דער האַנט אויף די צוויי פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס זענען דאָרט גע־שטאַנען. — וועמעס בילד שטייט אָט דאָ נעבן אייערן?...

סעמקע האָט ווידער אַרויסגעכאַפּט דעם סיגאַר פון מויל און פאַרוווּנדערט זיך אָפּגערופן:

— רייטשל, דו רעדסט דאָס אַזוי? האָלי מאָזיס, פּע, דו ביזט דאָך אַזאַ קלוגע!

— איך בין אַ נאַר, אַן אידיאָטקע בין איך! זינט איך האָב אייך געטראָפן, בין איך געוואָרן אַ גולם. אַה, וויים איך וואָס, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, — עס איז אַן עבירה גאָר מיט אייך צו טענהן! איכל גיין אַהיים...

און זי האָט געוואָלט נעמען איר מאַנטל פונם שטול. סעמקע אָבער האָט זי צוריקגעהאַלטן. ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און גערעדט:

— ניין, איר וועט איצט נישט אַוועקגיין, ביז וואַנען איך וויים נישט, פאַרוואָס איר זענט היינט אַזוי אויפגעבראַכט אויף מיר.

— נאָר היינט? און נעכטן? און די גאַנצע צייט? נישט איין

מאָל האָב איך אייך געווונטשן דעם טויט. אייך און מיר מיט אייך צוזאַמען!...

טרערן האָבן זיך דערהערט אין איר קול.

סעמקע האָט אַוועקגעלייגט דעם סיגאַר אויף אַן אַשניצע און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— נו, נו, באַרואיק זיך, — האָט ער זי ווידער אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און זי אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די דערבייאיקע פאָטעלן, — גלויב מיר, אַז איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט ליידן. איך לייד אפשר נישט ווייניקער פון דיר, אָבער, ווען מיר וועלן האָבן שׂכל און געדולד, וועלן מיר אויספירן דאָס, וואָס דו ווילסט. איך בין אַ דזשענטעלמאַן און איך קאָן נישט האַנדלען גראָב קעגן אַ פרוי, וואָס איך בין מיט איר פאַרהייראַט און וואָס איז אין מיר אַזוי פאַרליבט...

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט טרערן אינעם קול:

— אָבער גוט, גוט. איר זענט אַ דזשענטעלמאַן, דערפאַר זענט איר אַזוי גוט צו אייער פרוי. אָבער לאָזט מיך צופרידן, קיין אַנדער זאַך וויל איך נישט פון אייך. זאָלן מיר זיך נישט זען, זאָלן מיר זיך נישט טרעפן. זאָלן מיר אויסמיידן איינע די אַנדערע, ווי אַמאָל, ווי פריער... איך בעט אייך, טרייבט מיך נישט צו משוגעת!...

ער האָט גענומען רעדן צו איר ווייך, צאַרט, און בשעת דעם געגלעט זי איבערן אַקסל, איבערן קאָפּ, איבער די באַקן:

— דו ווייסט דאָך אָבער, אַז דאָס קאָן נישט זיין. דו ווייסט דאָך, אַז איך מוז דיך זען, אַז דו ביזט מיין איינציק גליק. און איך וואָלט וועלן איבערהויפּט ווּיסן, וואָס איז היינט מיט דיר? אָט די פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס שטייען אָט דאָ אויפן טיש, האָסטו דאָך לעצטן מאָל אויך געזען, פאַרוואָס האָסטו מיר דעמאָלט גאָרנישט נישט געזאָגט?

— לעצטן מאָל, ווען איך האָב עס געזען, האָב איך אויך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן...

— נו, וואָס קאָן מען זיך העלפן? אַז איך קאָן נישט שלאָפן זינט דו האָסט חתונה געהאַט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט: מ׳דאַרף האָבן שׂכל און טאַקט און אויסדויער ביז צו דער ריכטיקער צייט.

— ביז יענער צייט, האָב איך מורא, וועל איך משוגע ווערן!

— האָט רייטשל אַרויסגעפּליסטערט. — עס ווערט מיר שווער אַריי־בערצוטראָגן דאָס לעבן מיט...

— מיט דיין מאַן?

— ער איז סם... ריצנאַייל... — האָט זי געפּליסטערט וויי־טער, מיט אַ מינע פון עקל אויפן פּנים. איך האָב זיך גאָר אַזוינס נישט פאָרגעשטעלט. וואָלט ער כאָטש געוואָלט אַרונטערנעמען אָט דעם הלשות פון זיך, אָט די באָרד זיינע, אַז עס זאָל פון איר נישט שלאָגן אַזאַ נישט־גוטסקייט, איז ער נאָך, צו מיינע צרות, אַזוי פרום... אוי, איך בין געווען משוגע! מיין כעס אויף דיר און אויף עטלען האָט מיך געטריבן דערצו. וואָס טויגן מיר די אַלע גוטע זאַכן, מיטן געלט, מיט די טייערע פוטערס, מיט די קאַרעטן, מיטן גאַנצן רייכן הויז, אַז ער איז דאָרט און דו ביזט דאָ!...

— רייטשעלע, געטין מיינע, — האָט זיך סעמקע אַרונטער־געלאָזט פאַר איר אויף די קני, — ענגעל מיינער, גליק מיינער!

ער האָט זיך אומגעקוקט צו זען, אויב אימיצער קומט נישט אָן, און נאָכדעם האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אירס אַ האַנט און זי גענו־מען קושן, און דערביי גערעדט וויטער:

— ענגעל מיינער, איך פאַרשטיי דיך, און גלויב מיר, אַז איך לייד נישט־ווייניקער פון דיר. אַך, גאָט, גאָט, ווי איך האָב דיך ליב און ווי דו האָסט מיך ליב, און דאָך קומט אונז אויס ביידן דאָס צו שטיקן אין זיך. און בשום־אופן קאָן איך דיר נישט געבן צו פאַר־שטיין, אַז איך און דו...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צערייצט:

— שוין ווידער? הערט אויף!

— פאַרוואָס שטיקן אין זיך, פאַרוואָס, רייטשל? געוואַלט, פאַרוואָס?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— ניין, איך וועל קיין צעלאָזענע נישט זיין. דאָס וועט איר אפילו ביי מיר נישט דערלעבן!

— פאַרוואָס עפּעס אַ צעלאָזענע? האָסטו מיך נישט ליב? האָב איך דיך נישט ליב?

— אויב איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, מעג איך אים ווי פיינט האָבן, וועל איך מיט קיין פרעמדן נישט גיין לעבן.

— אוי, געוואַלט, דו רעדסט דאָך אַזוי ווי אַ קליינשטעטלדיקע יידענע! און דאָס, וואָס איך בין גרייט צו שטאַרבן פאַר דיר? און דאָס, וואָס דו ביזט גרייט צו שטאַרבן פאַר מיר?

רייטשל האָט ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, ניין, ניין! קיין צעלאָזענע וועל איך נישט זיין. דאָס וועט ביי מיר קיינער נישט פּועלן...

איז סעמקע דעמאָלט צוגעפאַלן מיטן פּנים צו איר שויס און האָט אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, וואָס פאַר אַן אומגליק, רייטשל! וואָס פאַראַ לײַדן! ניין, איך גלויב נישט!

און ער האָט גענומען סאָפּען מיט דער נאָז און געדריקט זיין פּנים אַלץ פעסטער צו איר אין שויס.

זי האָט געקוקט אויף זיין בלאָנדן קאָפּ און אויף זיין שטאַרקן נאַקן, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן קאָלנער פון זיין זיידענעם שלאָפראָק, און זי איז זיכער געווען, אַז ער, סעמקע, האָט זיך געשטיקט מיט זיינע טרערן, וואָס די ליבע צו איר האָט ביי אים געוועקט. און מיטאָמאָל האָט זי מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו זיין נאַקן.

סעמקע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, באַפרייט זיין קאָפּ פון אירע הענט און איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס.

אַזוי איז ער געשטאַנען אַ וויילע און האָט געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט צעפינקלטע אויגן. און זי איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט און האָט געקוקט אים אויך אין פּנים אַריין פאַרלוירן.

און פּלוצים האָט ער זי אַ ריס געטאָן פונם אָרט און זי צוגעצויגן צו זיך. זי האָט זיך נישט געוועהרט. אַן אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט איז אויף איר פּנים אַרויסגעטרעטן און ווידער איז זי צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו זיינע.

און באַלד איז ער געזעסן אין דעם פאָטעל, ווו זי איז פריער געזעסן און זי ביי אים אויף די קני, מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן ביי אים אויפן אַקסל.

— ווילסט אַרויספאָרן מיט מיר היינט? — האָט ער גע־פליסטערט.

רייטשל האָט געשוויגן.

— פאָר מיט מיר אַהין. אַ שיינער פּלאַץ. קיינער וועט אונז דאָרט נישט זען. דו וועסט זיין גליקלעך, איך וועל זיין גליקלעך...

רייטשל האָט אַלץ געשוויגן.

מרס. בלומס קול האָט זיך דערהערט פון אַ ווייטן צימער. זי האָט צו אימיצן דאָרט גערעדט. סעמקע איז אויפגעשטאַנען און דערביי האָט ער אויך אויפגעהויבן רייטשלען, ווי שווער זי איז נישט געווען, און האָט זי אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט אין דעם פאָטעל.

— מיר מוזן זיין אַביסל מער פאָרזיכטיק, — האָט ער שטיל געזאָגט און זיך איבערגעשלאָגן, — מיין ווייב קומט...

2

סעמקעס עצה

מרס. בלום איז אַריינגעקומען מיט די ווערטער:

— נו, מרס. כּיריג, גייט ער מיט אייך?

סעמקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, מיר האָבן שוין אָפּגעמאַכט. אַז דו ווילסט, דאָראַ, קאָנסטו אויך גיין מיט אונז.

— מוז איך?

האָט רייטשל דעמאָלט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— ניין, איר מוזט נישט. דער מבין איז דאָך אייער מאַן, וועל איך זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין מבינות. ווען גייען מיר, מיסטער בלום?

— איך האָב דאָך אייך פריער געזאָגט. ווען איר ווילט, אפילו היינט.

רייטשל האָט אַ טראַכט געטאָן. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— איך וועל זען, ווען איך וועל האַלטן ביים גיין, וועל איך אייך רופן. איצט גיי איך אַהיים.

און זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואַרט, איך וועל אייך צופירן מיט מיין וועגל, — האָט סעמקע זיך אָנגערופן.

רייטשל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.

— איר זענט דאָך נאָך נישט אָנגעטאָן?

— ביי מיר נעמט עס איינס־צוויי מינוט, — האָט ער געענט־פערט און שטיפעריש אַרויסגעטאַנצט פונם צימער.

זיין ווייב האָט צופרידן אַ לאַך געטאָן:

— אַט אַזוי ווי אַ שטיפער אַ יינגל איז ער ביי מיר! — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו רייטשלען. — ער וואָלט נאָר געטאַנצט און געשטיפט!

— יאָ, ער איז אַ שטיפער! — האָט רייטשל באַמערקט, און זי האָט נישט געפילט, ווי זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

נאָכדעם האָט מרס. בלום מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מרס. כיריג, האָט איר שוין געשפּילט אין פּאָוקער מיט אונזערע ליידיס?

— יאָ, איך האָב שוין געשפּילט מיט זיי אַ פּאָר מאָל. מער אָבער האָב איך קיין געדולד נישט פאַר דעם. די ווייבער צעקאָכן זיך, שרייען, ליאַרמען, און פאַרלירט איינע אַ פּאָר דאָלאַר, איז אַט אַזוי ווי אַ געבוירענע שלעפּערקע!...

— איר האָט דאָך מסתמא געהערט, אַז זיי האָבן געגרינדעט איצט אַ קלוב? און נישט יעדע פרוי וועט מען אַהין אַריינגעמען. אַריסטאָקראַטקעס, פאַרשטייט איר מיך! — האָט מרס. בלום אַ מאַך געטאָן.

— און ביי מיר האָבן זיי זיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט זיי באַלאַנגען, זיי האָבן מיך אַפילו געוואָלט מאַכן פאַר סעקרעטערקע. נאָר, אַז חיים־זיסע פליוכס ווייב איז פרעזידענטקע, איז וואָס פאַר אַ יחוס צו זיין דאָרט אַ סעקרעטערקע?

סעמקע איז אַריינגעלאָפן אָן אָנגעטאָענער און מיט אַ פּאַר־האָוועטער מינע.

— לעידי, לעידי, גיכער, איך האָב קיין צייט נישט! — האָט ער אויסגעשריגן און אַ כאַפּ געטאָן רייטשלס מאַנטל פונם שטול און געהאָלפן איר אים אָנטאָן. נאָכדעם האָט ער אַ קוש געטאָן זיין ווייב איילנדיקערהייט, און איז אַוועק מיט רייטשלען.

אינדרויסן פאַר זיין הויז האָט שוין געוואַרט זיין פערד און וואָגן, וואָס אַ שוואַרצער האָט דאָרט געהיט.

— פאַרביִיפאַרנדיק, וועל איך זיך אויף אַ ווײַלעטשקע אָפּ־שטעלן נעבן מיינע „בילדינגס", — האָט סעמקע זיך אָנגערופן, ווען ער מיט רייטשלען זענען שוין געזעסן אויפן וועגל, — אַגב, דאָרט דערביי בויט דיין מאַן אויך אַ ריי הייזער, דו וועסט זיי קאָנען אָנקוקן, אַז דו וועסט וועלן.

— מוחל, הלואי וואָלט איך אים אויך נישט געדאַרפט אָנ־קוקן, — האָט רייטשל אַרויסגערעדט אונטער דער נאָז.

סעמקע האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד אין דאָס וועגל האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבערן בולוואַרד צו בראָנזוויל צו.

— מיט דיין מאַן קאָנסטו זיך וואַרפן, — האָט סעמקע ווידער אָנגעהויבן, — אָבער נישט מיט זיינע הייזער. דאָס זאָלסטו שטענ־דיק האָבן אין זינען. דערפאַר איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט דווקא אָנקוקן זיינע הייזער און דווקא וואָס מער זיך מישן אין זיינע אַלע געשעפטן. דעמאָלט וועסטו ביי עפּעס בלייבן, ווען דו וועסט זיך שפּעטער גטן מיט אים. דו פאַרשטייסט?...

— וואָס דען, איך פאַרשטיי נישט? איך אַליין האָב נישט איינמאָל שוין געטראַכט דערפון; אָבער כדי דאָס צו טאָן, מוז איך זיין בסדר מיט אים. און איך וויל זיין וואָס ווייניקער מיט אים און וואָס ווייטער פון אים, וואָס ווייטער, — האָט רייטשל געענטפערט.

— רייטשל, דו בעסער זיי נישט קיין נאַר. אַז דו האָסט שוין התונה געהאַט מיט אים...

רייטשל האָט אַרויסגעזיפצט:

— איך האָב זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל עס אַזוי אויסקרענקען... אָבער עפּעס טאָן וועל איך מוזן. מיין שוועס־טער זאָגט עס מיר אויך...

— זי ווייס אויך, אַז דו האָסט אים נישט ליב?...

— אודאי ווייס זי. נו, זאָגט זי, אַז איך בין משוגע. מחמת זי האַלט, אַז איך האָב געטאָן דעם גליקלעכסטן שידוך. זי וואָלט גאָר וועלן, אַז איך זאָל האָבן אַ פּאָר הייזער זיינע אָפּגעשריבן אויף מיין נאָמען און איבערהויפּט, פאַרזאָרגן זיך ביי אים...

— דיין שוועסטער איז גאָרנישט אַזוי אומגערעכט... דו קאָנסט ביי דיין מאַן אַלצדינג אויספירן...

האָט זיך רייטשל דעמאָלט צערייצט אַ כאַפּ געטאָן:

— ווי רואיק איר רעדט דאָס וועגן מיין מאַן, מיסטער בלום!

ער האָט זיך אָנגערופן:

— רואיק, האַ? אָט גיי רעד מיט ווייבער! נישט רואיק בין איך, נאָר שכל האָב איך. פאַרשטייסט? און מיין עצה איז אַ ריכ־טיקע און דיין שוועסטער מיינט אויך דיין טובה, ווען זי זאָגט דיר, אַז דו זאָלסט זיך פאַרזאָרגן...

רייטשל האָט אַ זיפץ געטאָן און סעמקע האָט נאָך טיפער, איידער זי, אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אוי, נאַריש קינד, ווען דו וואָלסט וויסן, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך דערמאָן דיין מאַן...

נאָכדעם האָבן זיי אַ שטיקל צייט געשוויגן. זיי זענען אריינגע־פאָרן אין פּיטקין עוועניו און פון דאָרט האָבן זיי זיך פאַרנומען אויף דער רעכטער האַנט און זענען אוועקגעפאָרן איבער סאַראַ־טאָגאַ עוועניו, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פאַרבויען. דאָרט איז די גאַס נאָך נישט געווען ברוקירט און מען האָט נאָך געקאָנט זען פונדערווייטנס וואַלד און אַ פּאָר ווייסע הייזער פון פאַרמערס.

יעדע ווייַלע איז זיי אָנגעקומען אַנטקעגן אויף אַ פערד און וואָגן אימיצער פון די יידן, וואָס האָבן געבויט אין אָט דער געגנט, און מיט יעדן פון זיי האָט זיך סעמקע באַגריסט, און אַמאָל זיך אַפילו אָפּגעשטעלט און געכאַפּט אַ קורצן שמועס, ס'רוב מכּוח ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו די הייזער, וואָס זיי האָבן געבויט.

און וועגן יעדן פון אָט די יידן, וואָס איז זיי אָנגעקומען אַנט־קעגן, האָט סעמקע דערציילט רייטשלען:

— דער און דער האָט געבויט אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו; יענער

אויף האָווארד עוועניו, צי אויף סענט מארקס עוועניו, צי אויף בלעיק עוועניו, אָדער אויף סאַטער עוועניו. דער און דער האָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געאַרבעט אין אַ שאַפּ, געהאַט אַ קרעמל, אַ קוילן־קעלער, און היינט פאַרמאָגט דער צענטליקער טויזנטער און יענער הונדערטער טויזנטער...

און רייטשל האָט דערביי געטראַכט:

נאָר איר שוועסטערס מאַן משה־בער בלייבט אַן אָרעמאַן. מען דאַרף זען צו טאָן עפּעס פאַר אים. זי וועט זיך דורכרעדן מיט אָרען. נישקשה, ער איז נישט חולה צו העלפן אַ שוואָגער!

אַ מאַשין איז זיי אָנגעקומען אַנטקעגן, אַן אָפענע, גרויסע, שוואַרצע מאַשין, וואָס האָט אינגאַנצן געבליאַסקעט, מיט אַ שאָפער אין פאָרנט און מיט צוויי מענער פון הינטן.

— העלאָו, מיסטער בלום!

— העלאָו. מיסטער סאַמועלסאָן!

די מאַשין איז שטיין געבליבן און אויך סעמקעס וועגל.

איינער פון די צוויי מענער אין דער מאַשין איז געווען סאַ־מועלסאָן. די מאַשין איז געווען זיינע. בלויז נאָר עטלעכע פון די נייע בראָנזווילער גבירים האָבן געהאַט דעמאָלט מאַשינען און ער איז געווען איינער פון זיי.

דער אַנדערער, וואָס איז געזעסן נעבן אים, איז געווען אַ באַ־קאַנטער בראָנזווילער יידישער סאָציאַליסט, נישט קיין „ריעל־עסטייטניק". אָט דער איז בייטאָג געווען אַ לערער אין אַ „פּאַבליק סקול" און ביינאַכט פאַרנומען אויף די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמ־לונגען.

— איך זוך אייך ווי אַן אוצר, מיסטער בלום! — האָט זיך אָנגערופן סאַמועלסאָן, שמייכלענדיק מיט זיינע ווייסע ציין און מיט זיינע שוואַרצע, הייסע אויגן. — איך קום דאָך ערשט פון אייערע הייזער...

ער איז אַרונטערגעקראָכן פון דער מאַשין און סעמקע פון זיין וועגל און זיי ביידע זענען אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט און האָבן זיך אוועקגעשטעלט.

— וואָס דאַרפט איר מיך, מיסטער סאַמועלסאָן?

— איך אויף כפרות, נאָר אייער געלט דאַרף איך.

— ווידער? איר האָט דאָך ביי מיר נישט לאַנג גענומען פאַר דעם ,,בונד'' און פאַר נאָך עפּעס?....

— וואָס איז, איר זענט קראַנק צו געבן? איר פאַרהולטייעוועט טויזנטער אויף שלעכטע זאַכן, טאָ גיט כאָטש הונדערטער אויף גוטע זאַכן.

סאַמועלסאָן האָט אַרויסגעשלעפּט אַ רייסטער פון אונטערן בוזעם און אים אויפגעעפנט.

— אייער נאָמען איז ביי מיר דאָ נישטאָ, — האָט ער גערעדט ווייטער, — דאָס איז פאַר דעם לייבאָר ליסעאום, וואָס מיר גייען בויען.

— ווער דאַרף דאָס? — האָט סעמקע זיך אָנגערופן.

— די יידישע אַרבעטער דאַרפן עס. נו, זייט נישט קיין חזיר. וויפל זאָל איך פאַרשרייבן?

סאַמועלסאָן האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער.

— פאַרוואָס זאָל איך אויף דעם געבן? איך בין נישט קיין סאָציאַליסט; דאָס ווייסט איר, מיסטער סאַמועלסאָן.

— אָ, יאָ, דאָס ווייס איך. איך זאָג נישט, חלילה, אַז איר זענט אַ סאָציאַליסט. אָבער געלט אויף דעם לייבאָר־ליסעאום וועט איר געבן.

— פאַרוואָס? — האָט סעמקע געפרעגט.

— מחמת די אַרבעטער דאַרפן האָבן אַזאַ סאָרט הויז. מחמת צו האָבן אַ לייבאָר־ליסעאום אין בראָנזוויל איז שטענדיק געווען דער חלום פון יעדן אָנשטענדיקן מענטשן דאָ ביי אונז. נו, זייט נישט קיין חזיר, איר האָט דאָך געגעבן אויף דעם נייעם קלויסטער אויך...

— איך האָב געגעבן אויפן קלויסטער, מחמת איך האָב געוואָלט, אַז די היגע קריסטן זאָלן האָבן אַ גוטע מיינונג וועגן זייערע יידישע שכנים. און דערפאַר האָבן אויך די אַנדערע יידן געגעבן. איר דאַרפט עס אַליין פאַרשטיין, מיסטער סאַמועלסאָן!

— איך פאַרשטיי דאָס דווקא נישט, מיסטער בלום. איך פאַרשטיי אָבער, אַז איר דאַרפט און איר וועט געבן אויפן לייבאָר־

ליסעאום. אונזערע בראַנזווילער יידן מוזן געבן געלט אויף יעדער שיינער זאַך. וויפל זאָל איך פאַרשרייבן, מיסטער בלום?

סעמקע האָט נישט געענטפערט און געקוקט אויף סאַמועלסאָנען מיט אַ שמייכל. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַלזאָ, גוט. איך זע דאָך, אַז איר וועט זיך פון מיר נישט אָפּטשעפּען. פאַרשרייבט אַ פּופּציקער.

— פאַר אַ פּופּציקער האַנדל איך נישט מיט קיין חזירים. איר גיט אַ העלפט, וואָס אייך האָט געקאָסט די פּאָריקע נאַכט, בעת איר זענט אַוועק הוליען מיט די אַנדערע פון דעם „סמוקער", — האָט סאַמועלסאָן געזאָגט שטיל, און ער האָט זיך אומגעקוקט, אויב די אַנדערע, אַ חוץ סעמקען, האָבן נישט געהערט, וואָס ער האָט גערעדט.

— ש־ש־ש! — האָט סעמקע אַרויסגעפּליסטערט.

— וואָס איך האָב געזאָגט, האָט קיינער נישט געהערט. אָבער קיין סוד איז עס נישט. אין רעסטאָראַן אויף פּיטקין עוועניו האָבן אַלע היינט גערעדט דערפון. מען האָט שטאַרק געלויבט, ווי איר האָט נעכטן געטאַנצט מיט די פּאָר נאַקעטע נקבות. עך, זאָלט איר צום טייוול גיין, ווי איר, און אַזעלכע ווי איר, פאַרפּאַסקודען אונזער שטאָט! נאָך גוט כאַטש, וואָס אַזעלכע ווי איר זענען ביי אונז נישטאָ קיין סך. אָבער איך בין נישט אויסן פאַר אייך צו פּריידיקן מאָראַל. פונמיינעטוועגן קאָנט איר זיך הענגען אויף דעם צאָפּ פון איינער פון אייערע נקבות! איך פאַרשרייב צוויי הונדערט.

— מער פון הונדערט וועל איך נישט געבן.

— איך קריג צוויי הונדערט, אַנישט כאַפּט איר פון מיר אַ גאַב, אַז אייך וועט פינסטער ווערן אין די אויגן!

— נו, כאַפּט עס דער טייוול! פאַרשרייבט שוין צוויי. איר האָט מיר מער אַמאָל געגעבן! וואָס קאָסט אייך די מאַשין, מיסטער סאַמועלסאָן?

— צוויי און דרייסיק. פאַרוואָס קויפט איר נישט קיין מאַשין?

— איך רעכן, אַז איך וועל זיך קויפן. איך האָב שוין געטראַכט דערפון.

סאַמועלסאָן האָט אים מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן:

— ווער איז די יונגע, שיינע דאַמע דאָרט ביי אייך אויפן וואָגן?

— דאָס איז דאָך אָרע כיריגס ווייב. נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט איר.

— זיין ווייב, אַט די בילד־שיינע דאַמע? — האָט סאַמועל־סאָן אַרויסגעמורמלט. — ווײ, ווײ! אַט דאָס איז איינע פון די טראַגישע זייטן פון אונזער בום!...

ער איז אַוועק צוריק צו זיין מאַשין און סעמקע צו זיין וואָגן. נאָכדעם, אַז סאַמועלסאָן איז שוין געזעסן אין זיין מאַשין, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו סעמקען:

— איך וויל אייך זען ביי מיר אין אָפיס אויך. איך האָב אַ פּאָר פּאַרסעלס פאַר אייך. גוד־באַי!

און זיין מאַשין האָט זיך אַוועקגעטראָגן.

סעמקע האָט זיך צוריק געזעצט אין זיין וועגל.

— דאָס איז סאַמועלסאָן, — האָט ער זיך אָנגערופן צו רייטשלען. — אַ ייד אַ מיליאָנער, נאָר אַ משוגענער סאָציאַליסט, פון אים האָב איך דאָס געכאַפּט די ערשטע פּאָר טויזנט דאָלאַר, און דיין מאַן אויך.

— אַ שיינער דזשענטעלמאַן, — האָט רייטשל פאַרטראַכט באַמערקט. — מיר געפעלן זיינע אויגן. איר האָט באַמערקט זיינע אויגן?

סעמקע האָט אַ טרייב געטאָן זיין פערד און אויסגעשריגן:

— וואָס מיר אויגן־שמויגן? מיר געפעלט זיין מאַשין און איך מוז זיך קויפן אַזאַ. און אפשר נאָך די וואָך וועסטו מיט מיר פאָרן אין אַ מאַשין!

און מיטאַמאָל איז רייטשלען איינגעפאַלן: פאַרוואָס זאָל זי אויך נישט האָבן אַן אייגענע מאַשין? קראַנק איז איר מאַן צו קויפן איר אַ מאַשין, וואָס?

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז חיים־זוסע פּליוכס ווייב איז געווען די איינציקע פון די אַלע בראָנזווילער רייכע ווייבער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע מאַשין מיט אַ שאָפער.

אויב אַט די אַלטע פּאַרזעניש, — האָט רייטשל געטראַכט

וויטער, — האָט יאָ אַ מאַשין, היינט פאַרוואָס זאָל זי, רייטשל, וואָס זי האָט לכתחילה חתונה געהאַט מיט דעם אַלטן, כּדי צו קאָנען האָבן פון אַלדאָס גוטס, נישט האָבן קיין מאַשין?

און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— און אפשר וועט איר גאָר פאָרן אין מיין מאַשין? מיין קאַוואַליער וועט מיר מוזן קויפן אַ מאַשין. ער וויל קויפן פאַר מיר אַ קאַראַט מיט פערד, וועל איך אים היינט זאָגן, אַז איך וויל האָבן נאָר אַ מאַשין.

— און ער וועט קויפן, אויב דו וועסט נאָר האָבן שכל, רייטשל. טאַקע, פאַרוואָס זאָלסטו נישט האָבן קיין מאַשין? ער איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, דיינער!

און דאָ איז ער צוגעפאָרן צו זיינע הייזער, וואָס מען האָט געבויט איין ריי אויף איין זייט גאַס און אַן אַנדער ריי איבערן וועג.

ער און רייטשל זענען אַרונטערגעקראָכן פון דעם וועגעלע.

דאָ האָט זיך געטומלט. מענטש און פערד האָבן דאָ געפּראַ־צעוועט, און מאַשינען האָבן געפּילדערט, בויענדיק איינע פון די נייע גאַסן, פון די נייע קוואַרטאַלן אין בראָנזוויל. אַרבעטער, יידי־שע און נישט־יידישע, אין פאַרקאַלכטע אָווערעאָלס מיט פאַר־קאַלכטע הענט און פּנימער, האָבן געשלעפּט פון פורן זעקלעך זאַמד, זעקלעך צעמענט און זיי אויסגעלייגט איינע אויף די אַנדע־רע אַרום די הויכע קופּעס ציגל, וואָס זענען דאָרט געלעגן אַרום די הייזער, וועלכע מען האָט געבויט.

איבער די רושטאָוואַניעס האָבן זיך געהויבן מולאַרעס מיט ציגל אויף טראָג־ברעטלעך, און אַנדערע מולאַרעס זענען געשטאַ־נען אויבן און האָבן איינגעמויערט די ציגל אין די ווענט.

און דאָרט האָבן אַרבעטער געשטופּט עפּעס אויף טאַטשקעס איבער ברייטע ברעטער. און ווייטער אַביסל האָט מען געאַספּאַל־טעוועט די גאַס און שווערע וואַלץ־מאַשינען האָבן זיך דאָרט גע־קייקלט איבער דעם פרישן אַספאַלט און אים איינגעקוועטשט און איינגעפּרעסט.

פון די מאשינען האט געשלאגן א גערדיכטער, שווארצער רויך און אין דער לופט האט געשמעקט מיט צעווארעמטן פעך.

סעמקע איז נישט געווארן. ער איז אריין אין איינעם פון די הייזער, וואס מען האט געבויט, און רייטשל האט אים מער נישט געזען. און מיטאמאל האט זי דערהערט זיין קול. ער האט דארט עפעס געשריגן און זיך געבייזערט אויף אימיצן.

באלד האט ער זיך באוויזן מיט איינעם, וואס האט אכטונג געגעבן אויף דער ארבעט, און מיט א געשריי:

— אויף פייער טויג דאס! מען וועט עס מוזן איבערמאכן. דערציילט מיר נישט קיין מעשיות. איר פארשטייט נישט, וואס עס הייסט א הויז מיט אלע אימפרוווּמענטס. איך פארשטיי שוין גאר! איר האט נישט אזויפיל האר אויף אייער קאפ, וויפל הייזער, פאלאצן איך האב אויף מיין לעבן אויסגעבויט!

און ער איז א פארהאוועטער פארבייגעלאפן מיט דעם אויפזעער פארביי רייטשלען, אזוי ווי ער וואלט אינגאנצן פארגעסן אן איר, און ער איז באלד ווידער נישט געווארן. ערשט צען מינוטן שפעטער האט זי ווידער דערהערט זיינע געשרייען פון א הויז אויף דער אנדערער זייט גאס, וווּ מען האט אויך געבויט זיינע הייזער. און דעמאלט האט זי באשלאסן נישט צוווארטן מער אויף אים און גיין אהיים.

און דא האט זי פלוצים דערזען פונדערווייטנס איר מאן. דארט, אביסל ווייטער, אויף דערזעלבער סאראטאגע עוועניו, ווו עס האבן געארבעט די וואלצמאשינען איבערן פרישן אספאלט, האט ער, איר מאן, אויך געבויט הייזער.

רייטשל האט געזען, ווי אזוי ער איז דארט געשטאנען מיט א פארריסענעם קאפ און זיך צוגעקוקט, ווי מען האט דארט געבויט זיינע הייזער. און מיט שפאט האט זי א טראכט געטאן:

„ער, מיין נחת, זאגט דארט, מסתמא, אויך דעות ווי אזוי צו בויען".

זי האט זיך גענומען מיישב זיין, צי זי זאל צוגיין צו אים אדער זיך נישט ווייזן פאר אים און גיין אהיים.

און מיטאמאל האט זיך סעמקע באוויזן. ער איז געלאפן צו

איר פון די הייזער אַ צעטראָגענער און נאָך פונדערווייטנס צו איר געשריגן:

— דו מוזט מיר אַנטשולדיקן, פאַרוואָס איך האָב דיך גע־לאָזט וואַרטן. זיי האָבן מיר דאָ אָנגעטאָן צרות.

ער איז צוגעלאָפן צו איר און ווייטער גערעדט:

— דעם גאַנצן בלאָק מיינעם האָבן זיי מיר דאָרט צעדרייט. דו זיצסט אָפּ טעג גאַנצע און דו מאַכסט־אויס אַ פּלאַן, וואָס דער גרעסטער אַרכיטעקט אפילו וועט קיין בעסערן נישט אויסמאַכן, און אַז דו האָסט אַליין מיט דיינע אייגענע אויגן נישט אַכטונג געגעבן, מאַכט מען אַ תּל דערפון!

רייטשל האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איכל גיין צו מיין מאַן. איכל שוין פאָרן מיט אים אַהיים.

— ביזט נישט בייז אויף מיר?

— און אַז בייז, איז וואָס? אויף זיך אַליין בין איך נאָכמער בייז. גוד־באַי, מיסטער בלום!

— זאָל איך דיך אפשר אָפּפירן אַהיים אין מיין וועגל? — האָט סעמקע זיך אַ כאַפּ געטאָן. — אָדער, אַז דו ווילסט, וועל איך אָפּפירן דיך מיט דיין מאַן.

— מוחל. איך מיט מיין מאַן וועלן שוין קומען אַהיים אַן אייך. גוד־באַי.

— גוד־באַי.

און דערנאָך, אַז רייטשל איז אַוועק, האָט זי געהערט הינטער זיך סעמקעס קול:

— געדענק, וואָס מיר האָבן גערעדט... שכל... טאַקט...

אָרע האָט נישט באַמערקט, ווי רייטשל איז צו אים צוגעגאַנ־גען. ער איז נאָך געשטאַנען דאָרט מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ אַרום די הייזער, וואָס ער האָט געבויט, און האָט זיך צוגעקוקט, ווי מען האָט געאַרבעט.

— העלאָ, אָרע! — האָט ער פּלוצים דערהערט איר קול.

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און זיך אומגעדרייט.

— דו? — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, און זיין פּנים האָט זיך מיט פרייד צעלויכטן. — ווי קומסטו עפּעס אַהער?

— איך בין געקומען זען, וואָסערע הייזער מיין מאַן בויט,— האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— טאַקע? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט התפּעלות. — טאַקע צוליב דעם געקומען? אויף אַן אמת? זייער שיין. זעסטו, דערפון בין איך צופרידן. אַ געטריי ווייב דאַרף אַלעמאָל וועלן וויסן, וואָס איר מאַן מאַכט און וואָס ער טוט.

— וויפל הייזער בויסטו דאָ?

— ניינצן. הייזער צאַצקעס, קאַרטינקעס! — האָט ער ווייטער גערעדט מיט התפּעלות. — דו האָסט געדאַרפט זען אינעווייניק: געפּאַרבטע בריקן (דילס), און וואָס נישט? דו ווילסט אַ קוק טאָן?

— אודאי וויל איך אַ קוק טאָן. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין געקומען זען, וואָסערע הייזער דו בויסט.

— קום! — האָט ער איר אַ רוף געטאָן סיי מיטן מויל און סיי מיטן קאָפּ און סיי מיט אַ האַנט, און ער איז מיט אַ מאָדנער פלינקייט און לייכטקייט פאַר זיין שווערן קערפּער אַוועק פריער פאַר איר, האָט געשפּרייזט איבער די אָנגעוואָרפענע ברעטער און קופּעס ציגל, וואָס זענען דאָרט געלעגן אין וועג, און איבערגעשפּרונגען פון איין קופּע אויף דער אַנדערער גאָר מעשה יונגערמאַנטשיק. מען האָט געקאָנט זען, אַז ער האָט זיך געפּלייסט צו ווייזן זיין יונג ווייבל, אַז ער איז נאָך געוועזן יונג, מיט אַלע אברים.

ער איז מיט איר אַריין אין איינעם פון די הייזער. היינט וואָלט אַזאַ הויז מיט פינסטערע שלאָפצימערן נישט געפּעלן געוועזן, אָבער אין יענער צייט האָט עס געהייסן אויף דעם לשון פון די בראָנזווילער „ריעל עסטייטניקעס״: „אַ הויז מיט אַלע אימפּרוווּמענטס״ (איינריכטונגען).

ערע האָט געפירט רייטשלען פון איין צימער אין דעם אַנדערן און זיי געוויזן איר מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט איר געוויזן דעם גרעסטן וווּנדער.

— זע נאָר וואָסערע בריקן, אַזש אַזוי ווי אַ שפּיגל! און דאָס איז פאַר געז. און דאָס איז פאַר עלעקטריק. און זע נאָר וואָסערע אַלמערס! דאָס איז פאַר געשיר. און דאָס איז פאַר קליידער און

פאַר אַלצדינג. און זע נאָר, מאַמעלע, אָט דער קראַן איז פאַר הייס וואַסער און דער פאַר קאַלטס. היינט די וואַנע! זע אַ וואַנע, — האָט ער איר אַריינגעפירט אין וואַנע־צימער,—פון אמתן מירמל־שטיין. ווינען די גבירים דאָרט ביי אונז אין אַזעלכע פּאַלאַצן, האַ?

— באמת זייער שיין, — האָט רייטשל באַמערקט.

— שייך שיין! אמתע ליאַלקעס, קאַרטינקעס. און וואָלסטו געגלויבט, מאַמעלע, אַז דאָס האָב איך אַליין אַלצדינג אויסגע־פּלאַנט, דאָס אַלצדינג מיט אַנאַנדער, האַ? זאָלן מיר ביידע אַזוי געזונט זיין! און פונוואַנען דאָס קומט צו מיר, ווייס איך אַליין נישט.

און מיטאַמאָל, ווי ער האָט גערעדט צו איר אַזוי שטייענדיק אין וואַנע־צימער, האָט ער איר אָנגעקוקט מיט שיינענדיקע אויגן און גליקלעך אַ לאַך געטאָן.

— געוואַלט! — האָט זיך נאָכדעם ביי אים אַרויסגעריסן. — קיין עין־הרע נישט, צען מאָל קיין עין־הרע נישט, הונדערט מאָל קיין עין־הרע נישט. דו ביזט דאָך היינט אַזוי שיין, אַז... אַז... אַז איך האָב גאָר קיין ווערטער נישט דיר אַזויפיל צו זאָגן! אָי, גע־וואַלט, געוואַלט, מאַמעלע!

און ער האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

זי האָט זיך געלאָזן באַפרייט פון זיינע אָרעמס און זיך אָנ־גערופן מיט אַ שמייכל:

— אָי ווערסטו מיר צעלאָזן, אָרע! מען וואָלט געקאָנט מיי־נען, אַז דו ביזט אַ יונגערמאַנטשיקל.

— וואָס מיר יונגערמאַנטשיקלעך. איך לאַך פון זייער הי־טעלע! וויפל מיינסטו יונגערמאַנטשיקלעך וואָלט איך געקאָנט צע־קוועטשן צווישן מיינע פינגער? — האָט ער געלאַכט און זיך גע־גלעט די באָרד מיט אַ האַנט פון אויבן אַראָפּ און פון אַראָפּ אַרויף, און דערביי געקוקט מיט לאַכעדיקע אויגן איר אין פּנים אַריין. — דו הערסט, מאַמעלע מיינע? אָי, געוואַלט, — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן, — ווו נעמט מען דאָס לשון?...

רייטשל האָט אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן. זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך ווייס, איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. איך האָב דאָס פון דיר נישט איין מאָל געהערט. דו האָסט מיך האָלד, איך בין דיר איינגעבאַקן אין האַרצן. ווייניק מאָל האָב איך עס פון דיר געהערט, וואָס? איך האָב פון דיר אַפילו געהערט, אַז דו וואָלסט פאַר מיר אויפגעבויט א פּאַלאַץ פון ריינעם גאָלד און וואָס נישט? פונדעסטוועגן פון זאָגן ביז טאָן איז אַמאָל א גרויסער מהלך...

ער האָט פאַרוווּנדערט א קוק געטאָן אויף איר.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין: צוזאָגן איז גרינג, אָבער האַלטן דעם צוזאָג — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש.

— איך פאַרשטיי נישט, רייטשל, וואָס דו רעדסט. איך האָב דיר עפּעס צוגעזאָגט און נישט געהאַלטן דעם צוזאָג?

זי האָט א ווײַלע געשוויגן און עפּעס אַרומגעטראַכט. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— גוט, מיר וועלן זען.

— וואָס זען?

— אָט איך וועל דיר שוין זאָגן.

זיי זענען אַרויס אויפן גאַניק. דאָרט זענען געלעגן ברעטער און עמערס מיט פאַרב זענען דאָרט געשטאַנען.

— גיב אַכטונג. פאַרפּאַטשקע זיך דאָ נישט מיט דער פאַרב! — האָט אָרע געזאָגט.

— קום, — האָט רייטשל אים גערופן, — מיר וועלן א ווײַלינקע זיך דורכגיין. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

אָרע איז אַוועק מיט איר הינטער זיינע הייזער, וווּ עס האָט זיך געצויגן א גרויסער ליידיקער פּלאַץ ביז צו די ווייסע פאַרמס דאָרט.

זי, רייטשל, האָט שוין ביי זיך אין מוח איצט אָפּגעמאַכט, וואָס אים צו זאָגן, אַז עס זאָל זיין „מיט שכל און מיט טאַקט"...

און אין א ווײַלע אַרום האָט זי אַזוי אָנגעהויבן:

— דו ווייסט, איך שלאָג זיך אַלץ מיט דער דעה, צי זאָל איך מיט דיר רעדן דערפון, אָדער נישט.

— וועגן וואָס רעדן?

— איך ווייס נישט. איך האָב מורא, טאָמער וועסטו עס נישט וועלן טאָן. עס דאַרף אפשר קאָסטן צופיל געלט. און איך וואָלט נישט וועלן, אַז איך זאָל ביי דיר עפּעס בעטן און דו זאָלסט מיר אָפּזאָגן...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָפּזאָגן דיר? און אפילו דאָס טעלערל פון הימל, אַז איך וועל דיר קאָנען געבן?

— טאַקע? — האָט רייטשל אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט איר גאַנצן חן. — דו מיינסט עס אויף אַן אמת?

— וואָס הייסט? און אַליין ווייסטו דאָס נישט? דו זאָג נאָר, מאַמינקע, וואָס דו ווילסט. פאַר מיר דאַרפסטו זיך גאָרנישט שעמען. רעד!

— פאַרשטייסט, אָרע: איך קום נאָר־וואָס פון מרס. בלום. איך בין געגאַנגען צו איר נאָכאַמאָל אָנקוקן איר פוטער, מחמת איך וויל זיך קויפן אַזאַ. דערווייל האָט זי מיר דערציילט, אַז מיסטער בלום גייט איר קויפן אַ מאַשין, און מיסטער בלום האָט זיך נאָך באַרימט, אַז דערפאַר קויפט ער איר אַ מאַשין, ווייל ער איז אַ גוטער מאַן. האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז מיין מאַן איז נישט קיין ערגערער ווי מיסעס בלומס, און אַזוי רייך ווי ער איז מיינער אויך. און אויף דעם ערגסטן פאַל, טאָמער דאַרף די מאַשין קאָסטן אַביסעלע צופיל, בין איך צופרידן צו קויפן נישט אַזאַ טייער פוטער, און דעם קאַראַט מיט די פערד וועסטו אויך נישט דאַרפן קויפן. וואָס זאָגסטו אויף דעם, האַ, אָרע?

האָט איר אָרע גלייך נישט געענטפערט, נאָר איז געגאַנגען נעבן איר און האָט געהאַלטן פאַרטראַכט אַ האַנט אויף זיין באָרד. דערנאָך האָט ער פאַרטראַכט געזאָגט:

— דו מיינסט, פייגעלע מיינס, אַז איך אַליין האָב דאָס שוין נישט געהאַט אינזינען? געהאַט. זאָלן מיר ביידע אַזוי געזונט זיין. אַז איך האָב דערזען, ווי חיים־זוסע פּליוכס יידענע פאָרט אויף

א מאַשין, האָב איך בײַ זיך געטראַכט: „אויב זי, פּאַרוואָס נישט מײַן גרויסער פּאַרשוין?"... און ערשט דאָ נישט לאַנג, אַז איך האָב דערזען סאַמוּעלסאָנען אין זײַן מאַשין, האָב איך ווידער בײַ זיך געטראַכט: געדאַרפט קויפן פאַר דעם שוואַרצאַפּל פון מײַנע אויגן אַט אַזאַ מאַשין און זאָל זי אַרומפאָרן געזונטערהייט און הנאה האָבן פון איר לעבן...

— נו, און וואָס איז די מניעה? — האָט רייטשל זיך אָנגערופן מיט איר שמייכל, וואָס איז אַזוי פול געווען מיט חן.

— די מניעה? — האָט אָרע געענטפערט. — כ'וויים? איך וויל נישט אויפרייסן זייערע מײַלער...

— וועמעס מײַלער, אָרע?

— אָט, כ'וויים? דער מאַמעס, דעם דאָקטאָרס, פּיניעס, שרהקעס, עטלס. עס וועלן זיך אָנהויבן טענות, אַז איך גיב־אויס אויף דיר אוצרות, און איך האָב עס פײַנט, קאָן עס נישט הערן...

— און איך האָב עס אויך פײַנט! — האָט רייטשל פּלוצים אויסגעשריגן מיט כּעס. — און איך קאָן עס אויך נישט הערן. און איך וויל עס נישט הערן!

אָרע האָט אַ לאַך געטאָן:

— זע נאָר, ווי זי איז בייז געוואָרן!

האָט רייטשל גערעדט ווייטער, און נאָך מיט מער כּעס, און די באַקן האָבן זיך צעפלאַמט און די אויגן צעברענט.

— דו האָסט מורא פאַר זייערע טענות? אויב אַזוי, איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז איך האָב מיט דיר נישט געדאַרפט חתונה האָבן און אַז אַלע דײַנע רייד וועגן דעם, ווי טייער איך בין דיר, האָבן אַזויפיל ווערט, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי! און גענוג. איך וויל נישט רעדן מער דערפון!

האָט ער זיך נאָך העכער צעלאַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופן גוטמוטיק:

— טאַקע ברוגז, מאַמעלע?

זי האָט געשוויגן.

— ברוגז אויף אַן אמת? — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן די באַק.

— אוי, הער אויף! קריך נישט צו מיר איצט!

— נו, שא, שא, שיקסעלע. דו ווילסט טאקע א מאשין?

— יא! — האט זי זיך א כאפ געטאן פארעקשנט. — אזוי וואלט מיך אפשר שטארק נישט געארט, צי דו וואלסט מיר יא געקויפט א מאשין אדער נישט. אבער איצט וויל איך דוקא, דו זאלסט מיר קויפן א מאשין. מחמת איך וויל זען, אז דיין ווייב איז דיר אויף אן אמת טייער און אז דו שרעקסט זיך נישט פאר קיין טענות!...

נאך א קורצן שווייגן האט ארע געזאגט:

— מילא, דו ועסט שוין האבן א מאשין, שיקסעלע. צופרידן?

רייטשל האט זיך דעמאלט ווידער צעשמייכלט און צעלויכטן. זי האט געזאגט:

— אט אזוי־א ועסטו דעמאלט וויזן, אז דיין ווייב איז דיר טייער!

ער האט געזען, ווי זי האט זיך צעלויכטן און האט געשעפט נחת פון איר.

— און אזוי האב איך דיר ווייניק געוויזן, ווי טייער דו ביזט מיר? — האט ער זיך אפגערופן מיט א סך ליבע אין קול.

— אט די מאשין וועט זיין דער בעסטער סימן. ווען וועל איך זי האבן?

— אין א צוויי־דריי טעג ארום. איך וועל אימיצן בעטן, אז ער זאל גיין מיט מיר.

— בעט מיסטער בלומען. ער גייט אנקוקן א מאשין פאר זיך אליין אויך.

— דו מיינסט, אז מען קאן זיך פארלאזן אויף אים? צווישן אונז גערעדט, איז ער דאך א זשוליק. דו אליין האסט דאך מיר אמאל געזאגט, אז ער איז א זשוליק.

— א, ארע, זינט דעמאלט האב איך אינגאנצן געביטן מיין מיינונג וועגן אים. ער איז אן איידעלער מענטש, א דזשענטעלמאן. דו קאנסט זיך אויף אים פארלאזן.

— כ'ווייס? אפשר, — האט ארע א צי געטאן די אקסלען. —

איך אַליין האָב אודאי צו אים גאָרנישט. ווען נישט ער און יאַב־נעטשיק, וואָלט איך נאָך היינט געווען אַן אָרעמאַן. גוטע שליחים פון גאָט זענען זיי געווען.

אָרע מיט רייטשלען זענען געווען נישט ווייט פון די פאַרמס.

פּלוצים האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם און זיך אָנגערופן:

— גיי נישט ווייטער, רייטשל.

— וואָס איז? — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט דאָרט, ביי יענעם פאַרמער, איז פאַראַן אַ גרויסער הונט. ווען איך האָב געפּעדלט, האָט ער מיר אַמאָל אָפּגעריסן אַ פּאָלע.

רייטשל האָט אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— הלואי וואָלט ער דיר אָפּגעריסן דיין באָרד.

— שוין ווידער מיין באָרד? — האָט ער געזאָגט גוטמוטיק, ווען ער מיט רייטשלען האָבן זיך צוריקגעקערט און גענומען גיין צו די הייזער צוריק. — וואָס האָסטו צו מיין באָרד, שיקסע?

זי האָט אים געענטפערט האַלב אין אַן ערנסטן און האַלב אין אַ שטיפערישן טאָן:

— ווען דו פאָלגסט מיך און דו גאָלסט זיך מיט דיין באָרד; איך זאָג דיר, אַז דו וואָלסט הונדערט מאָל שענער געווען.

— און אַזוי, שיקסע, געפעל איך דיר נישט?

— דו וואָלסט מיר דעמאָלט הונדערט מאָל מער געפעלן גע־ווען. דו פּרוּוו נאָר...

— אוי, גיי שוין, גיי, שיקסעלע! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט. אַ ייד טאָר אַ באָרד נישט אַרונטערנעמען. אַן עבירה.

— וויפל יידן טראָגן אינגאַנצן נישט קיין באָרד?

— יידישע שקצים, יידישע הולטאַיעס. אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט, אַז איך זאָל אַראָפּנעמען די באָרד, — האָט אָרע גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן. — מאָל זיך אויס: היינט ביינאַכט איז דאָרט אַ שטיקל שמחה ביי מיר אין דער תלמוד־תורה. קום איך אַהין, דער פּרעזידענט פון דער תלמוד־תורה אַליין, אָן אַ באָרד. פרעג איך דיך: וואָסער פּנים וואָלט איך דעמאָלט געהאַט? איך

רעד שוין נישט דערפון, וואָס דאָס איז אַן עבירה פאַר גאָט...

רייטשל האָט געענטפערט:

— איך פאַרזיכער דיר, אָרע, אַז ווען דו וועסט קומען אַהין אפילו אַן אַ באָרד, וועט מען ביי דיר דאָרט אויך צונעמען דאָס געלט, וואָס דו וועסט געבן...

— האַ? דאָס דווקא קאָן זיין, — האָט אָרע מיטאַמאָל אַ זיפץ געטאָן און האָט ווייטער גערעדט שוין מיט אַ טרויעריקער מינע: — דאָס קאָן שוין גרייכלעך זיין. אַמעריטשקע, פאַרשטייסטו מיך! איך אַליין טראַכט אַמאָל דערפון מיט הארצווייטאָג. באמת, רייטשעלע, צווישן אונז גערעדט, ווי קום איך צו זיין אַ פּרעזידענט פון אַ תּלמוד־תּורה? אָדער היינט ביינאַכט, ווען מען וועט פאַרהערן דאָרטן די תּלמידים, וועל איך זיצן סאַמע אויבנאָן און וועל זיי דאַרפן פאַרהערן אין תּורה. איז דאָס נישט חוזק? וואָס איז, זיי ווייסן נישט, אַז איך בין אַן עם־הארץ? האָב איך אַליין צו זיי נישט געטענהט, בשעת זיי איז איינגעפאַלן מיך אויסצוקלייבן פאַר פּרעזידענט: „יידן, געוואַלט, איך וויל נישט! יידן, איך האַלט, אַז עס איז אַ בזיון פאַר דער תּורה, אַז איך, אַן עם־הארץ, זאָל זיין פּרעזידענט פון אַ תּלמוד־תּורה!" האָב איך אַליין זיי דאָס נישט געזאָגט? איין תּירוץ איז אָבער דאָ אויף דעם: אַמעריקע! אין אַמעריקע קומט אַלצדינג אין דער וועלט דעם־יעניקן, וואָס האָט די באַר דאָלער. אַזאַ איינעם שטאָפּט מען דעם כּבוד אין האַלז אַריין, מעג ער זיך אפילו דערמיט ווערגן...

— ווער ווערגט זיך דאָס מיט כּבוד? — האָט רייטשל באַ־מערקט.

— איך, מאַמעלע, ווערג זיך. יאָ! ביי מיר איז דאָס נישט קיין כּבוד, נאָר אַ הארץ־יאָדעניש. איך וואָלט וועלן געבן אַזוי־פיל, וויפל איך גיב איצט אויף דער תּלמוד־תּורה, און מען זאָל מיך נישט מאַכן פאַר קיין פּרעזידענט. מחמת איך ווייס, אַז איך האָב נישט געטאָרט זיין קיין פּרעזידענט פון אַ תּלמוד־תּורה. זיי האָבן אָבער, אפּנים, מורא, טאָמער וועל איך נישט געבן אַזויפיל געלט, ווען איך וועל נישט זיין קיין פּרעזידענט. אָט דערפאַר שעם איך זיך און איך האָב דערפון הארצווייטאָג.

רייטשל האָט זיך אָנגערופֿן:

— עס איז דאָך בעסער צו זיין אַ פּרעזידענט ווי אַ גאָרנישט.

— דו פֿאַרשטייסט מיך נישט, מאַמעלע, — האָט אָרע גע־זאָגט, — איך קאָן דיר עס נישט אַרויסגעבן אַלצדינג ווי דאָס איז. דאָס איז דאָך תּורה. דאָס איז דאָך קדושה. מען דאַרף דאָך זיין אַ ייד אַ למדן, כּדי צו פֿאַרהערן די תּלמידים פֿון אַ תּלמוד־תּורה. אַט, למשל, אַ רב צו זיין איז אודאי שיין, נישט אמת? איצט מאָל זיך אויס, אַז צוליב דעם, וואָס גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, מאַכט מען מיך פֿאַר אַ רב און מען קומט צו מיר, אַז איך זאָל פּסקענען שאלות. נו, ווי רעכנסטו, וואָלט עס נישט געווען קיין בזיון?

רייטשל האָט באַמערקט:

— אָך, ווער רעכנט זיך עס מיט אָט די זאַכן אין אַמעריקע!

— אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך טענה, רייטשעלע! און אַזוי האָט נישט געטאָרט זיין. גאָט האָט דיר געהאָלפֿן און דו ביזט אַן עושר געוואָרן? טאָ גיב צדקה, העלף דעם אָרעמאַן, אָבער פֿאַר קיין רב זאָל מען דיך דערפֿאַר נישט מאַכן, אָדער פֿאַר קיין פּרע־זידענט פֿון אַ תּלמוד־תּורה, ווען דו ביזט אַן עם־הארץ. איך האָב שוין אַ סך מאָל זיך געוואָלט אָפּזאָגן דערפֿון, רעדט מען מיר אָבער אַלץ איין, אַז איך זאָל דאָס נישט טאָן.

רייטשל האָט אַ לאַך געטאָן:

— געוואָלט, דו ביזט דאָך נאָך גאָר אַ קינד, היינט ווי קומט צו דיר אַזאַ לאַנגע באָרד?

ער האָט גוטמוטיק אַ מאַך געטאָן צו איר מיט זיינע ביידע הענט:

— שוין ווידער די באָרד? אוי, גיי שוין, גיי, שיקסע!

רייטשל האָט מיט גאָל אַ טראַכט געטאָן:

„ווי מחיהדיק ער מאַכט דאָס מיט זיינע הענטלעך! מיין מאַן, וואָס איך דאַרף זיך מיט אים קוויקן, וויי צו מיינע יונגע יאָרן!“...

און מיטאַמאָל האָט סעמקע פֿאַר איר אַ שוועב געטאָן און זי האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן, איצט כּמעט שוין מיט פֿאַרצווייפֿלונג:

„איך האָב מורא, אַז איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!“...

עס איז געווען באַלד מיטאָג־צייט. פֿאַר די הייזער איז געשטאַ־

נען דאָס פערד און וועגל, וואָס האָט יעדן טאָג געפירט אָרען אַהיים צו מיטאָג.

אָרע מיט רייטשלען האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם וועגל און זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים.

3

רייטשלס מאַשין

יענעם טאָג, ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען רייטשלען די נייע מאַשין, האָט אָרע באַלד ווי ער האָט אינדערפרי אָפּגעגעסן, זיך געווענדט צו זיין מאַמען, וואָס איז אויך געזעסן ביים טיש (רייטשל אַליין איז נאָך דעמאָלט געשלאָפן), און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל דיך עפּעס בעטן: מען דאַרף דאָ עפּעס ברענגען פאַר רייטשלען, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך נישט מישן.

פרומע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרוווּנדערט מיט אירע אַלטע אויגן.

— וואָס מיינסטו, מיין זון?

— איך מיין... איך האָב געקויפט עפּעס פאַר איר... לכתּחילה האָב איך געוואָלט קויפן פאַר איר אַ קאַרעטע מיט פערד, נאָר נאָכדעם האָב איך זיך מיישב געווען און האָב געקויפט פאַר איר אַ מאַשין, וואָס פאָרט אַליין, אָן פערד. קיין סך געלט, מאַמע, האָב איך נישט באַצאָלט...

די אַלטע האָט אַזש פאַר פאַרוווּנדערונג געעפנט איר מויל. נאָכדעם האָט זי אַ קוועטש געטאָן מיט אירע איינגעבויגענע, אַלטע אַקסלען און זיך אָנגערופן פון אונטער דער נאָז:

— געוואַלט, געוואַלט, וויפל ער גיט איר נאָך. ער וועט זיך פאַר איר בדלות שטעלן! וואָס איז, אָרע, זי איז אַ פּאַניענקע געוואָרן, דיין רייטשקע?...

— אָי, מאַמע, ווי רעדסטו? — האָט אָרע זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז געוואָרן אומרואיק. — איך בעט דיך, מאַמע, פאַרגעס נישט, אַז זי איז מיין ווייב און איך וויל, אַז זי זאָל האָבן ביי מיר אַלע ווילטאָגן אין דער וועלט. איך בעט דיך, מאַמע, נאָך אַמאָל: קיין איין שלעכט וואָרט זאָלסטו איר, חלילה וחס, נישט זאָגן, ווען מען וועט ברענגען די מאַשין. דו הערסט, מאַמע? חלילה וחס!...

און ער האָט צוגעלייגט מיט געבעט אין קול:

— טו מיר די טובה, מאַמע, זע, אַז ביי אונז אין שטוב זאָל זיין שטיל.

— נו, נו, — האָט די אַלטע געענטפערט מיט צער, — גוט. איך וועל קיין וואָרט נישט זאָגן. קאָפּ אָן דער וואַנט, דו ווילסט אַוועקפּטרן אויף איר דיין גאַנצן אייגנס? געזונטערהייט! איך האָב נאָר מורא, אַז פּיניע און שרהקע זענען גערעכט, אַז זיי טענהן, אַז ווען מען זאָל אויף דיר נישט גוט אַכטונג געבן, וועט זי פון דיין גאַנצן אייגנס מאַכן אַ תּל.

אָרע איז געוואָרן בייז. ער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז קיינעמס עסק נישט. און פּיניען און שרהקען זאָלסטו זאָגן, אַז זיי האָבן ביי מיר גאָרנישט איינגעלייגט. און זאָלן זיי זיך בעסער אויפהערן צו מישן. אַנישט וועלן זיי נישט טאָרן איבערטרעטן די שוועל פון אונזער שטוב.

און נאָכדעם, ווי אָרע איז אַוועק צו זיינע הייזער, האָט די אַלטע פרומע מיט הארצווייטאָק געטראַכט:

„נאָר איין רייטשקע איז אים טייער. אַלץ פאַר רייטשקען. כּסדר זי און זי און רק זי. אָי וואָס זי האָט געמאַכט פון אים. אַזוי ווי זי וואָלט אין אים אַריינגעטאָן עפּעס אַ קליפּה!"

ווען מען האָט געבראַכט די מאַשין, אַ גרינע און אַ בליאַסקענדיקע — האָט זי, פרומע, קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט אויף אירע ליפּן. זי האָט זיך נאָר אַוועקגעשטעלט אין פראָנטצימער ביי אַ פענסטער און פון דאָרט אַרויסגעקוקט אויף דער גרינער מאַשין, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם הויז מיט אַ יונגנמאַן אַ שאָפער ביים רעדל, און זי האָט געזיפצט.

ערשט נאָך דעם, ווי רייטשל, אין אַ קאַראַקולענעם פוטער און הוט, איז אַרויסגעקומען פון הויז און האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער מאַשין, וואָס האָט זיך תּיכּף אַוועקגעטראָגן מיט אַ גערויש און פייפעריי, האָט זיך ביי דער אַלטער פרומען אַרויסגעריסן, ווי זי וואָלט צו אימיצן גערעדט:

— נו, האַ? רייטשקע, האַ? פאַרט און פייפט, האַ?...

גראָד דעמאָלט זענען אָנגעקומען פיניע און שרהקע, וואָס זענען געווען שטענדיקע געסט ביי אָרען אין הויז. האָט די אַלטע זיי דערציילט וועגן רייטשלס מאַשין, און שרהקע האָט פאַרבראָכן די הענט און אויפגעהויבן אַ געוואַלט, אַז מען טאָר נישט שווייגן, אַנישט וועט רייטשל אַרומנעמען דעם אַלטן, אַז קיין פעדעמל אַפילו וועט ביי אים נישט פאַרבלייבן.

דאָ אָבער האָט די אַלטע פרומע זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס אָרע האָט איר געזאָגט, און זי האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— שאַ, שאַ, שרהקע, דו שריי נאָר נישט. דיין טאַטע גיט נישט אַוועק דיינע, חלילה. און ער וויל נישט, אַז דו אָדער פיניע זאָלן זיך אײַנגאַנצן מישן אין דעם. און ער איז גערעכט. זאָל זיין שטיל אין שטוב און זאָל ער נישט האָבן קיין האַרצווייטאָק. שאַ!...

האָט פיניע איצט מיט איר מסכּים געווען. מחמת מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אים האָט זיך געלוינט בעסער אויסצו־קומען מיט זיין שווערס יונגער ווייבל — אַלנפאַלס נישט אַרויסווייזן צו־אָפן זיין קעגנערשאַפט צו איר.

ער האָט איצט געזאָגט:

— אַוודאי, באָבע. דער שווער האָט געגנוג געלט. ער מעג קויפן, נישקשה, אַ מאַשין פאַר זיין ווייב.

און ער האָט אַ ווונק געטאָן צו זיין ווייב, אַז זי זאָל שווייגן.

אָבער שרהקע איז נישט געווען אַזאַ, וואָס מיט אַ ווונק האָט מען געקאָנט מאַכן איר שווייגן. זי האָט געפרעגט:

— וואָס איז, פיניע, וואָס איז? פאַרוואָס מיטאַמאָל אַזאַ גוטס־קייט צו דעם טאַטן און צו רייטשלען?

— ווייל זי פאַרט שוין אין אַ מאַשין. און כּדי מיר זאָלן נישט בלייבן אינגאַנצן פונהינטן, דאַרפן מיר האָבן שכל. שרהקע, מיין

נחת, — האָט ער ווידער אַ ווונק געטאָן צו איר און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיינע ליפּן, — שאַ־אַ!...

— וואָס, שאַ? — האָט שרהקע זיך אָנגעצונדן. — וואָס איז, דו מיינסט, אַז איכל זיך שעמען צו זאָגן דעם טאַטן, וואָס איך דענק וועגן דעם?

— וועט ער דיך אַרויסטרייבן פון שטוב, — האָט די אַלטע פרומע איר איבערגעשלאָגן. — דו בעסער זאָג גאָרנישט.

פיניע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו הערסט, שרהלע, דו הערסט, האַ? אָט אַזוי האַלט עס ביי דיין טאַטן און זיין יונג ווייבל. דערפאַר בעסער שאַ! וואָרום אַ קלייניקייט, וואָס דער אַלטער יצר־הרע איז קאַפּאַבל צו טאָן צו־ליב אַ יונג ווייבל!

דער סוף איז געווען, אַז וועגן רייטשלס מאַשין האָט קיינער פון אָרעם משפּחה קיין וואָרט נישט געזאָגט, נישט אים אַליין און נישט רייטשלען. צווישן זיך נאָר האָבן זיי אַלע, אַ חוץ דער אַלטער פרומען, געזידלט און געשאָלטן רייטשלען און געלאַכט פון אָרען און אים גערופן „דער אַלטער עובר בטל"...

* *
*

ווען רייטשל האָט געקריגן איר מאַשין, איז זי די ערשטע צייט נאָכאַנאַנד אַרומגעפאָרן. דער שאָפער, אַ יידישער יונגערמאַן, האָט גוט געקענט די פאַרשידענע געגנטן פון אַרום ברוקלין און לאָנג איילאַנד און רייטשל האָט יעדן אינדערפרי, באַלד נאָך פרישטיק, געהייסן אים זי פירן ערגעץ אין אַ שיינער געגנט.

אין דידאָזיקע אַרומפאָרעכצן איבער די פאַרשידענע אומבאַ־קאַנטע געגנטן האָט זי געזוכט צעשטרייאונג פאַר איר אומעט און בענקשאַפט, פאַר איר אומצופרידנקייט מיטן לעבן. דורך דעם אימ־פּעט און דעם רוישיקן געלויף פון דער מאַשין האָט זי געזוכט צו שטילן דעם טומל פון אירע געפילן, דעם געשריי פון די הונגעריקע אינסטינקטן, וואָס די אומבאַפרידיקטע ליבע צו סעמקען האָט ביי איר אויפגעוועקט.

און אַ געווויסע צייט האָט זי אַזוי הנאה געהאַט פון אָט די

אַרומפּאָרעכצן אין דער מאַשין, אַז איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז געווען גאָר צופרידן.

אין אָט דער צייט, ווען זי איז געזעסן ווי אַ שררהטע, אָנגע־שפּאַרט מיטן רוקן אָן דעם ווייכן קישעלע פון דער מאַשין, וואָס האָט זיך מיט אַן אימפּעט געטראָגן פאַרביי אַ שיינעם געגנט, האָט זי אַמאָל זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן, אַזוי ווי פון אַן אָנגענעמען חלום, און ביי זיך געפרעגט: צי איז דאָס טאַקע געווען אויפן וואָר? איז זי, רייטשל, טאַקע דאָס געזעסן איצט אין אָט דער מאַשין, אין איר אייגענער מאַשין, און האָט אַזוי הנאה געהאַט?

אין אַזעלכע רגעם האָט זי אַמאָל אויך געטראַכט, אַז, באמת, איז איר שוועסטער גערעכט געווען; אומזיסט איז זי נישט צופרידן מיט איר מערכה! וואָלט זי געקאָנט האָבן דאָס ביי אַן אַנ־דערן, וואָס זי האָט און קאָן האָבן ביי איר מאַן? מיט וועמען וואָלט זי געקאָנט חתונה האָבן? אין בעסטן פאַל מיט אַן אָרעמען אַר־בעטער. ווייסט זי, ווי די אָרעמע אַרבעטער לעבן, וויפל ווילטאָג אַ ווייב פון אַן אָרעמען אַרבעטער קאָן זיך פאַרגינען! אין קיין מאַשינען פאָרן זיי נישט אַרום. פערצן הונדערט דאָלאַרדיקע קאַ־ראַקולענע פוטערם טראָגן זיי נישט, און קיין הייזער פון אַכט צי־מערן מיט כל־טוב פאַרוווינען זיי נישט...

אמת, איר מאַן איז גאָרנישט קיין פאַרשוין. איר איז אָפּט ממש מיאוס געווען צו קוקן אויף אים, אָבער מיט דער צייט וועט זי זיך צוגעוווינען צו אים. מען געוווינט זיך צו צו אַלצדינג, אַז מען מוז...

און זי האָט געמוזט זיך צוגעוווינען צו אים, — האָט זי אַמאָל געטראַכט דעמאָלט, — כדי זיך צו ראַטעווען פון סעמקען, וואָס מיט איר האַרצן האָט זי זיך געריסן צו אים און מיט איר מאַראַ־לישן ווען — אַ פּראָדוקט פון דורות־לאַנגן שטרענגן יידישן פאַמיליען־לעבן — האָט זי זיך געריסן פון אים.

אין אַזאַ צייט האָט זי געטראַכט דאָס אייגענע, וואָס זי האָט פריער נישט איין מאָל געזאָגט סעמקען:

— ניין, נישט דערהאַרן וועט דאָס ביי איר קיינער נישט, אַז זי זאָל ווערן אַ צעלאָזענע!...

און דעמאָלט האָט זי אָפּט צוגעפירט איר מאַן אין דער מאַשין צו דער באַנק, צי צו די הייזער, און מיטאָג־צייט איז זי געקומען נאָך אים מיט דער מאַשין צו נעמען אים אַהיים; איז מיט אים שפּאַצירן אַרויסגעפאָרן, צי זי איז נאָר מיט אים אַליין, אָן סעמקען, הייסט עס, געפאָרן קיין ניו־יאָרק צו זען אַ פאָרשטעלונג אין אַ יידישן טעאַטער, און האָט אויף אַנדערע אופנים זיך געצווונגען צו זיין גוט צו אים און אַרויסווייזן צו אים איר ווייבערישע גע־טריישאַפט. און ביי אים, אָרען, האָט דאָס האַרץ אָנגעקוואָלן פאַר נחת און גליק, און אַפילו ביי דער אַלטער פרומען האָט זיך גע־נומען וועקן אַ וואַרעמער געפיל צו איר, רייטשלען, און זי האָט גע־זאָגט אַמאָל אָרען, אַז רייטשל ווערט גאָר אַ לייטיש ווייבל.

אָבער לאַנג האָט אַזוי נישט אָנגעהאַלטן, ווייל רייטשל האָט זיך אַזוי געפלייסט צו זיין גוט צו אָרען און ווייל זי האָט זיך געצווונגען צו אויפנעמען מיט ליבע זיינע ליבשאַפטן, איז ער נאָכ־דעם איר נאָך מער דערווידער געוואָרן איידער פריער.

דאָס האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו בענקען שטאַרקער נאָך סעמקען און זוכן וואָס ווייניקער צו פאַר־בלייבן אויג אויף אויג מיט איר מאַן. און אויף כלערליי אופנים האָט זי גענומען אויסמיידן זיינע ליבשאַפטן, ווען נאָר זי האָט געקאָנט...

דעמאָלט, ווען ביי אָרען האָט זיך אַמאָל צו־שטאַרק צעברענט די ליבשאַפט, האָט איר, רייטשלען, דער קאָפּ פּלוצים גענומען וויי־טאָן, צי איר האָט גאָר אונטערן לעפעלע גענומען שפּאַרן, צי זי האָט עפּעס סתם גענומען פילן שלעכט. און אָרע, אַן אומרואי־קער, האָט דעמאָלט אַרום איר אַרומגעטאַנצט מיט אַ גלאָז וואַסער, צי מיט אַ קאָמפּרעס און האָט שוין פון קיין אַנדער זאַך נישט גע־טראַכט, ווי נאָר פון איר געזונט...

אין יענער צייט איז אים איינמאָל איינגעפאַלן, אַז זי האָט דערפאַר שלעכט זיך געפילט, מחמת זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. דעמאָלט האָט ער זיך שטאַרק געפרייט און אין האַרצן גאָט גע־בעטן, אַז עס זאָל זיין נאָר אַ יינגל, נאָר אַ קדיש... נאָכדעם אָבער, אַז אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, איז ער

אומרואיק געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער איז זי, חס־וחלילה, קראַנק געווען, אַזוי ווי זיין פריערדיק ווייב, און ער איז צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר. (צו דאָקטאָר הודקינען האָט ער זי נישט געשיקט, מחמת ער האָט גוט געוווּסט, אַז יענער, אַזוי ווי די אַנדערע פון זיין משפחה, האָט רייטשלען פיינט געהאַט).

אָבער זי האָט נישט געוואָלט גיין צו אַ דאָקטאָר. מיט פּלערליי תּירוצים האָט זי געזוכט זיך אַרויסצודרייען דערפון. צום סוף אָבער, אַז זי האָט זיך מער נישט געקאָנט אַרויסדרייען דערפון, איז זי איינמאָל געקומען צו אָרען און האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געווען ביי דעם און דעם דאָקטאָר, וואָס זיין נאָמען האָט אָרע אויך געהערט, און יענער האָט איר קיין רעצעפּט נישט פאַרשריבן, נאָר האָט איר געהייסן רוען, אָבער טאַקע רוען, לכל הפּחות אַ צוויי־דריי חדשים.

אָרע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס האָט געמיינט. אים איז פינסטער און ביטער געוואָרן אויפן האַרצן, אָבער אַז דער דאָקטאָר האָט געהייסן, מוז מען פאָלגן!...

דאָס אַלצדינג האָט רייטשל דורכגעפירט מיט „שכל" און מיט „טאַקט". זי האָט גוט געדענקט סעמקעס עצה. זי האָט גע־שמייכלט דערביי צו אָרען מיט איר גאַנצן חן, נישט געזשאַלעוועט אים אַ גלעט צו טאָן איבערן אַקסל און באַזונדערס ווייך אַרויסגע־רעדט דעם נאָמען „אָרע"...

אין דער איינגענער צייט האָט זי זיך אָנגעהויבן צו טרעפן מיט סעמקען נאָך אָפטער איידער פריער.

זיי האָבן זיך געטראָפן אַמאָל ביי איר אינדערהיים און ס'רוב ערגעץ־ווו אין אַ רעסטאָראַן, צי אין אַ „לאָבי" פון אַ ניו־יאָרקער האָטעל, פונוואַנען זיי זענען נאָכדעם געפאָרן צו אַ פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער, אָדער צו אַ קאָנצערט ערגעץ.

זי האָט אים געמוזט זען און ער אַליין האָט זי אויך געזוכט צו זען אַזוי ווי פריער. זי האָט זיך נאָך געוווּרט קעגן אים, אָבער אין איר פאַנטאַזיע האָט זי אים שוין לאַנג נאָכגעגעבן. און צייטנ־וויז, ווען ער איז געזעסן מיט איר אַליין און האָט זי צעצונדן מיט

זיינע רייד און זיינע קושן, האָט זי זיך שוין נישט געוועהרט און נאָר געוואַרט, אַז דאָס זאָל געשען...

ער האָט אָבער געשפּילט זיין שפּיל מיט „שכל'' און „טאַקט''. ער האָט זי גוט געקענט, האָט נאָך נישט פאַרגעסן אירע אַמאָליקע פּעטש. מחמת דעם האָט ער אויסגערעכנט, אַז זיכער מיט איר וועט ער נאָר דעמאָלט זיין, ווען זי וועט וועלן פאָרן מיט אים אין אַ געוויסן פּלאַץ, וווהין ער האָט די גאַנצע צייט זי גע־רופן פאָרן מיט אים. זי וועט דעמאָלט לכתחילה וויסן, וווהין און צוליב וואָס זי פאָרט מיט אים אַהין...

ער וועט נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר אירע פּעטש...

אַגב, ווען נישט אָט די פּעטש, וואָס ער האָט פון איר דע־מאָלט געקריגן, וואָלט ער שוין לאַנג, קאָן זיין, מיט איר מער קיין עסקים נישט געהאַט. אָבער יענע פּעטש האָבן אים נישט געלאָזט זי צו פאַרגעסן. זיי האָבן די גאַנצע צייט ביי אים די תאווה צו איר געצונדן. זיי האָבן געוועקט ביי אים אַ פייערדיקן פאַרלאַנג איר גוף צו באַהערשן. און דערדאָזיקער פאַרלאַנג האָט זיך ביי אים אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט...

ער האָט איצט אויך געהאַט זיין מאַשין און זי אַליין גע־טריבן. און אַז רייטשל האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט אים ערגעץ־ווו אין ניו־יאָרק, האָט זי אַלעמאָל איבערגעלאָזט איר מאַשין אינ־דערהיים. מחמת אַפילו איר שאָפער האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט סעמקען אין ניו־יאָרק.

אַהיים איז זי דעמאָלט געקומען נאָך איינס ביינאַכט און האָט דערציילט אָרען, אַז זי איז געווען מיט אימיצן אין טעאַטער. און זי האָט שטענדיק דערביי אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם אי־מיצן וואָס מיט יענעם איז זי זיכער געווען, אַז אָרע וועט זיך קיינמאָל נישט טרעפן...

און אָרע איז אַלעמאָל צופרידן געווען, וואָס זי האָט כאָטש אים מיט זיך נישט געשלעפּט אַף „טרייאַטער'', וואָס איז אין זיי־נע אויגן געווען נישט מער ווי אַ פּלאַץ, ווו מענטשן האָבן זיך גע־מאַכט משוגע, און ער האָט איר געגלויבט. ער, דער פרומער און נאַאיווער אָרע, איז אַזוי ווייט געווען פון אַ חשד, אַז זיין ווייב

רייטשל זאָל האָבן אינזינען אַ פרעמדן מאַן, בפרט נאָך, אַז זי זאָל זיך טרעפן שטילינקערהייט מיט אַזאַ איינעם ווי סעמקע איז גע־ווען, און זאָל שפּילן מיט אים אַ ליבע!...

אָט אַזוי איז פאַרלאָפן נאָך אַ שטיקל צייט, ביז צווישן רייטשלען און סעמקען האָט פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט געמוזט פּאַסירן פריער אָדער שפּעטער...

4

„דער קליינער גן־עדן"

זיי זענען געזעסן ביי אַ פאָרשטעלונג אין אַ יידישן טעאַטער. אויף דער בינע האָט מען געשפּילט אַ ליטעראַרישע פּיעסע פון אַ באַרימטן יידישן דראַמאַטורג. די הויפּט־העלדין אויף דער בינע איז געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס האָט פיינט געהאַט איר אייגענעם מאַן און ליב געהאַט אַ פרעמדן.

דער דראַמאַטורג האָט פאַרטיידיקט יענע פרוי און איר רעכט אויף גליק. און ער האָט שאַרף קריטיקירט די צבועקעס, וואָס האָבן באַרעדט און באַשמוצט און פאַרפאָלגט יענע אינם נאָמען פון מאָראַל.

רייטשל איז באַגייסטערט געווען פון יענער פרוי אויף דער בינע. זי האָט געליטן מיט יענער און זיך געפרייט מיט יענער, און זי האָט אויפן קול געשאָלטן די אַנדערע אויף דער בינע, וואָס האָבן געוואָלט שלעכטס טאָן יענער און וואָס האָבן באַרעדט יענע.

זי האָט מיטגעפילט דערדאָזיקער פרוי, מחמת די געשיכטע פון איר אייגענער ליבע איז אַזוי ענלעך געווען צו יענער. און מיט באַגייסטערונג האָט זי אַפּלאָדירט, ווען יענע האָט דערקלערט, אַז עס איז אַ סך אַ גרעסערע זינד צו לעבן מיט אַן אייגענעם מאַן, וואָס מען האָט אים פיינט, ווי מיט אַ פרעמדן, וואָס מען האָט אים ליב.

— דאָס איז דאָך מיין צרה! — האָט זי געפּליסטערט צו סעמקען נאָך די אַפּלאָדיסמענטן און זי האָט געזיפצט.

סעמקע האָט אָנגעטאַפּט אין דער אַרומיקער טונקלקייט איר האַנט און זי אַ דריק געטאָן און איר אויפן אויער איינגערוימט:

— זי איז מער מענטש, ווי דו. זי האָט שכל, פאַרשטאַנד, נישט קיין קליינשטעטלדיקע יידענע!

און אינם האַרצן האָט זי איצט מיט אים מסכּים געווען. זי האָט געטראַכט:

„ער איז גערעכט. איך מוטשע אים נעבעך, און איך מוטשע זיך אַליין, און וואָס? אוי ווען איך קאָן האָבן אַלעמען און אַלץ אין דר'ערד אַזוי ווי זי. דאָס וועט אַמאָל מוזן זיין, אַז נישט, וועל איך משוגע ווערן!"

— אַ ריכטיק בילד, — האָט ער געפּליסטערט ווייטער, — יעדעס וואָרט איז אמת.

— יאָ, יאָ, — האָט רייטשל געזיפצט.

און ווען די פרוי האָט דאָרט אויף דער בינע זיך געטראָפן מיט איר געליבטן, און ער האָט זי געקושט, האָט סעמקע זיך ווידער איינגעבויגן צו רייטשלען און ווידער איר איינגערוימט:

— אַ מכּה קען ער קושן אַזוי ווי איך! אַ לאָקש און נישט קיין ליבהאָבער!

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר האָט אַריינגעדריקט איר אַקסל אין זיינעם און נאָכדעם האָט זי ווידער אַ זיפץ געטאָן.

דער פאָרהאַנג איז דערנאָך געפאַלן. אינם טעאַטער איז ליכטיק געוואָרן.

מיט צעפלאַמטע באַקן און אויגן איז רייטשל געזעסן אין איר טונקעלן קלייד, מיט די פינקלדיקע בריליאַנטן אין אירע אויערן און אויף אירע פינגער, און זי האָט געשמייכלט צעטראָגן.

סעמקע, אַן אויסגעפּראַנטעוועטער אויף זיין שטייגער, מיט אַ ווייסער בלום אין דער לאַץ, האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיינמאָל נאָך איז זי נישט געווען אַזוי שיין, ווי אָט אין דעם אויפדערנאַכט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„געוואַלט, וואָס פאַר אַ געשמאַק ווייבל!"...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און זיך אָנגערופן צעטראָגן:

— קומט, מיסטער בלום.

— וווּהין? באַלד הויבט מען אָן ווייטער צו שפּילן.

האָט זי זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט און גאָרנישט נישט געזאָגט, נאָר האָט ווייטער געשמייכלט צעטראָגן.

— וווּהין האָסטו געוואָלט גיין, רייטשל?

— אינערגעץ נישט, אַזוי נאָר, — האָט זי פאַרטראַכט גע־ענטפערט, און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן, — אָ, מיר געפעלט אַזוי די „פּלעי". יעדעס וואָרט דאַרף מען קושן!

— דו בעסער קוש מיך, — האָט ער זיך איינגעבויגן צו איר.

— אַי, גייט שוין, גייט! — האָט זי אַ מאַך געטאָן צו אים מיט אַ האַנט.

— וווּהין זאָל איך גיין? אפשר, דאַרלינג, זאָלן מיר היינט נאָך דער פאָרשטעלונג טאַקע גיין, כ'מיין פאָרן, אַהין אין יענעם פּלאַץ? דו האָסט נאָך אַלץ מורא, האַ?

רייטשל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים צעטראָגן און זי האָט נישט געענטפערט.

— נו, וואָס זאָגסטו, האַ? אָנשטאָט צו פאָרן ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן, וועלן מיר פאָרן אַהין. האַ, וואָס זאָגסטו?

זי האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט, רייטשל?

האָט זי נאָכדעם שטיל געענטפערט, און מען האָט געקאָנט באַמערקן, ווי זי איז געוואָרן נערוועז און אומרואיק:

— איך האָב שוין אַליין געטראַכט דערפון. איך האָב גע־וואָלט זען דעם פּלאַץ, וואָס עס געפעלט אייך אַזוי.

ער האָט זיך ווידער צוגעבויגן צו איר און אַרויסגעפּליסטערט:

— ער וועט דיר אויך געפעלן, אויב דו וועסט היינט פאָרן מיט מיר, דו פאָרסט?...

— אויב נאָר... צו איבערבייסן, — האָט זי שטיל געענט־פערט, און דערביי האָט זי געהאַלטן די אויגן אַוועקגעדרייט פון

אים, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל אין זיי נישט באַ־מערקן, וואָס בײַ איר אינם האַרצן איז איצט פאַרבאָרגן געווען.

— גוט... צו איבערבײַסן... פאַרסטו?...

— איך וועל פאָרן, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַלטן אַלץ די אויגן אָנגעקוקט אָפּגעדרייט פון אים.

זײַנע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און אַ פרייד האָט אים מיט־אַמאָל אָנגעכאַפּט, ווי עס כאַפּט אָן אײנעם, בשעת מען זאָגט אים אָן, אַז זײַן ווונטש, וואָס ער האָט לאַנג־לאַנג אין זײַן האַרצן גע־טראָגן, ווערט מיטאַמאָל מקוים.

מחמת ער איז זיכער געווען, אַז ווען זי זאָל נאָר פאָרן מיט אים אַהין, וועט דאָס מקוים ווערן.

און דאָ איז אינם טעאַטער ווידער טונקל געוואָרן און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן.

אָבער נישט סעמקע און נישט רײַטשל האָט איצט געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער בינע. רײַטשל האָט געטראַכט וועגן איר פאָרן מיט אים נאָך דער פאָרשטעלונג אין יענעם פּלאַץ, וואָס איז איר אומבאַקאַנט געווען, און זי איז נערוועז און אומרואיק געווען, ווײַל זי האָט זיך געריכט אויף דעם, אַז עס זאָל דאָרט פּאַסירן דאָס, וואָס זי האָט אַי שטאַרק געוואָלט, אַז עס זאָל פּאַסירן, אַי פאַר וואָס זי האָט זיך געשראָקן; און סעמקע האָט געטראַכט פון יענעם פּלאַץ, וואָס ער איז אים גוט באַקאַנט געווען און וואָס ער האָט זיך איצט געטראָגן פאַר זײַנע אויגן מיט רײַטשלען דאָרט.

אין יענעם פּלאַץ האָט ער נישט אײנמאָל פריער פאַרבראַכט מיט אַנדערע ווייבער.

ווי ער וואָלט שוין דאָרט געוואָלט זײַן מיט איר! ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז נאָך דער פאָרשטעלונג.

זיי זענען אַרויס פונם טעאַטער. קיין וואָרט האָבן זיי איצט נישט אויסגערעדט. בײדע האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן דעם גרויסן עולם, סעמקע פריער, רײַטשל הינטער אים, ביז זיי האָבן דערגרייכט די מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַטיקער גאַס. סעמקע האָט זיך געזעצט בײַם רעדל און רײַטשל נעבן אים.

ער האָט מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן, צי עפּעס פרעגן ביי איר, מורא געהאַט, טאָמער וועט ער מיטאַמאָל דערהערן, אַז זי האָט חרטה און וויל נישט פאָרן מיט אים אַהין...

און ער האָט אַ טרייב געטאָן די מאַשין.

אין אַ צוואַנציק מינוטן שפּעטער האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין פאַר אַ הויז אויף דער אַכטער עוועניו און עטלעכע און פופציקסטער גאַס.

פון דרויסן האָט דאָסדאָזיקע הויז אויסגעזען, אַזוי ווי די אַלע אַרומיקע הייזער. אַ ברוין, דריי־שטאָקיק הויז, אָן וועלכע נישט איז שילדן, מיט דריי ברייטע, שטיינערנע טרעפּ ביים אַריינגאַנג, מיט אַ שווערער, צוגעשלאָסענער, שוואַרצער טיר און מיט אַרונטער־געצויגענע, טונקעלע שטאָרעס איבער די פענסטער.

אַ מין נאַכט־קלוב איז דאָרט געווען, געהאַלטן פון אַן איטאַ־ליענער, אַ באַקאַנטן פּאָליטישען. אַריינקומען אַהין האָט מען גע־קאָנט נאָר דורך אַ רעקאָמענדאַציע. סתם געסט האָבן אַהין קיין צו־טריט נישט געהאַט. די באַזוכער פון אָט דעם פּלאַץ זענען געווען רייכע מענטשן, האָבן געמוזט זיין רייך. מחמת צו פאַרברענגען אַן אויפדערנאַכט אין דעם „קליינעם גן־עדן‟, ווי מען האָט דעם־דאָזיקן פּלאַץ גערופן, האָט געקאָסט געלט. סעמקע איז דאָרט נישט איינמאָל געווען און מען האָט אים דאָרט זייער גוט געקענט.

אין אַ ווייַלע אַרום איז ער דאָרט געזעסן מיט רייטשעלען אויפן צווייטן שטאָק אין אַ צימער, וואָס איז איינגעוויקלט געווען אין אַ וואָלקן פון לבנה־ליכט. דאָסדאָזיקע ליכט האָט זיך צעגאָסן פון אויבן און צוגעגעבן דעם גאַנצן אַרום אַ פאַנטאַסטישן, פאַר־חלומטן אויסזען. זעלטענע ווונדערלעכע בלומען זענען געשטאַנען אויף טישלעך און האָבן אַרויסגעהויכט אַ שטאַרקן פּאַרפום. די ווענט זענען באַשלאָגן געווען מיט טייערע פּערסישע שטאָפן, אַזוי אויך דער סופיט.

אויף איין גרויסער וואַנט איז געהאָנגען אַ ריזיקער שפּיגל, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי אָפּטיילונגען, אַזוי אַז מען האָט זיך געקאָנט אין אים באַטראַכטן אין איין צייט פון פאָרנט, פון הינטן און אין פּראָפיל. דערדאָזיקער שפּיגל האָט זיך מיט די זייטן אָנ־

געשפּאַרט אויף אַ ברייטן, טערקישן דיוואַן, וואָס האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעטונקט מיט זיינע קישעלעך און פּערסישע דעקעס אין אַט דעם שפּיגל.

זיצנדיק, אָדער ליגנדיק אויפן דיוואַן, האָט מען זיך אין דער איינענער צייט געקאָנט זען פון אַלע זייטן.

אויף די אַנדערע ווענט זענען געהאָנגען בילדער און צייכענונגען, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט ליבע צווישן די פאַרשידנסטע חיות און מענטשן.

דיראָזיקע אַלע בילדער האָבן מיט זינד געבּרענט.

מעבל איז דאָרט געווען ווייניק: דריי רונדע טישלעך, וואָס איינס פון זיי איז געדעקט געווען פאַר סעמקען און זיין דאַמע, און אויף די אַנדערע צוויי זענען געשטאַנען די זעלטענע בלומען מיטן שטאַרקן דופט. חוץ דעם, האָבן זיך דאָרט געפונען אַ פּאָר שטולן און נאָך אַ נידעריקע טערקישע סאָפע.

סעמקע האָט ספּעציעל באַשטעלט אָט דאָס צימער, מחמת ער האָט געוואָלט רייטשלען איבערראַשן.

און זי, ווען זי איז אַריינגעקומען אַהין, אין אָט דעם פאַנטאַסטישן צימער, איז טאַקע איבעררראַשט געוואָרן.

— ווי מאָדנע דאָ זעט אויס! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. נאָכדעם אָבער, ווי דער קעלנער אין דעם פראַק מיטן ווייסן האַלזטוך האָט זיך וואַזשנע פאַרנויגט פאַר איר און אַרונטערגענומען פון איר דאָס פוטער און צוגענומען ביי איר דעם הוט, איז זי געקומען צו זיך און האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער און דערנאָך מיט באַגייסטערונג זיך אָנגערופן:

— גאָט, ווי שיין! נישט אומזיסט איז אייך דאָ אַזוי געפעלן.

— דו ווייסט, ווי מען רופט אָט דעם פּלאַץ?

— ווי?

— דער קליינער גן־עדן.

— טאַקע אַ גן־עדן, — האָט זי געזאָגט.

— און דאָרט איז פאַר אונז דער טיש געגרייט.

— פאַר אונז? אַזוי גיך? מיר זענען דאָך ערשט אַריין!

— יאָ. אַזוי ווי דו זעסט! וואָס פאַר אַ וויין זאָל איך באַ־שטעלן? אפשר שאַמפּאַניער?

— ווי איך זע, מיסטער בלום, ווילט איר מיך היינט אָנ־שיכּורן. מילא, זאָל זיין שאַמפּאַניער!

און זי איז מיט טאַנצנדיקע טריט צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט האַסטיק, נערוועז, מיט ביידע הענט פאַרריכט אירע האָר. און פּלוצים האָט זי אויסגעשריגן:

— גאָט, איך זע זיך פון אַלע זייטן!

סעמקע איז אין דער צייט פאַרנומען געווען מיטן קעלנער, וואָס האָט אין אַ נאָטיץ־ביכל פאַרצייכנט זיינע באַשטעלונגען. דערנאָך, ווען דער קעלנער איז פאַרשוווּנדן, איז ער, סעמקע, צו־געגאַנגען צו רייטשלען מיט אַ גרויסער, ווייסער בלום, וואָס ער האָט גענומען אויף איינעם פון די טישן, און געזאָגט מיט אַ ליבנס־ווירדיקן שמייכל:

— איך האָב איך געבראַכט אייערע אַ שוועסטער! אַזוי העל און אומשולדיק און ליב, אַזוי ווי איר.

און ער האָט צוגעשפּיליעט די בלום צו רייטשלס יונגן, שטייפן בוזעם.

— אַ דאַנק! — האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן און אויס־געזען באַזונדערס צעטראָגן און אויפגערעגט.

זי איז איצט געווען זעלטן־שיין. ער האָט די אויגן נישט גע־קאָנט אָפּרייסן פון איר. איר גאַנצע געשטאַלט, וואָס איז געווען אַזוי פריש און אַזוי רייף, האָט אויף אים געאָטעמט מיט איר גע־שלעכט...

ער האָט דערהערט הינטער זיך ווייכע טריט אויפן טעפּיך, האָט ער זיך אומגעדרייט. דער פריערדיקער קעלנער מיט נאָך איי־נעם האָבן אַריינגעבראַכט דאָס עסן אין זילבערנע כּלים און פלע־שער מיט משקה.

און באַלד זענען רייטשל מיט סעמקען געזעסן ביים טיש איינער קעגן אַנדערן.

די ביידע קעלנער האָבן באַדינט. זיי האָבן אָנגעפילט די טע־לערם מיט שפּייז יון די גלעזער מיט געטראַנס אנג דערנאָך זיך

אוועקגעשטעלט פונוויטן און זענען ווידער צוגעקומען צום טיש און האָבן באַדינט, ווען סעמקע און רייטשל זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם שפּייז אין טעלער, צי מיט דעם געטראַנק אין גלאָז.

— אוי, האָב איך אַן אַפּעטיט! — האָט רייטשל פריילעך געזאָגט און געפילט אַזאַ אַנגענעמען און לייכטן געראָיש אין איר קאָפּ פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין.

— נאָך אַ פלאַש שאַמפּאַניער! — האָט סעמקע זיך געווענדט צום קעלנער.

רייטשל האָט אַ לאַך געטאָן:

— איר ווילט מיך היינט אַנשיכּורן? איך בין שוין אַביסעלע שיכּור. אָבער מיך אַרט נישט. היינט גלוסט זיך מיר אַנצושיכּורן!

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר שטערן און זיך ווידער צעלאַכט. נאָכדעם האָט זי אַוועקגענומען די האַנט פון שטערן און מיט איר אַ מאַך געטאָן.

— עך, וואָס איז דער אונטערשיד? — האָט זי פּלוצים געזאָגט ווי צו זיך אַליין. — זאָל זיין! ווי זאָגט איר, מיסטער בלום: היינט לעבט מען און מאָרגן זאָל עס דער טייוול נעמען!

— מאָרגן וועלן מיר אויך אַזוי לעבן, רייטשל. נאָך אַנגענומער, — האָט סעמקע געענטפערט. — גיב מיר דיין האַנט, — האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר זיין האַנט איבערן טיש.

זי האָט אַריינגעלייגט איר האַנט אין זיינער און געפילט, ווי זיינע פינגער האָבן פעסט און וואַרעם אַרומגענומען אירע, און דערנאָך, ווען ער איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו איר האַנט, האָט זי לייכט אַ ציטער געטאָן און זיך ווידער צעלאַכט הייזעריקלעך.

מיט אַ פאַרטשאַדעטן קאָפּ האָט סעמקע אַ טראַכט געטאָן:

„עס גייט אַ גאַנג!"

און ער איז אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

דער קעלנער האָט אַריינגעבראַכט אַ זילבערנע כּלי מיט אייז, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ העלדזל פון אַ פלאַש שאַמפּאַניער.

ער האָט אַרויסגענומען די פלאַש, זי פלינק געעפנט און אָנ־

געגאָסן די הויכע, געשליפענע גלעזער מיט די שמאָלע העלזלעך. און ווען דער שאַמפּאַניער האָט דאָרט גענומען זידן און פּערלען, האָט סעמקע אַ ווונק געטאָן צום קעלנער און ער מיט דעם אַנדערן זענען גלייך נעלם געוואָרן.

סעמקע האָט דערנאָך דערלאַנגט איינס פון די גלעזער רייטשלען, און זי, מיט צעגליטע באַקן, האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אַזוי ווי איינגעדרימלט, האָט גענומען דאָס גלאָז, צוגעטראָגן צו די ליפּן און מיטאַמאָל עס צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— איך האָב מורא! — האָט זי פּלוצים אַרויסגערעדט.

— וואָס האָסטו מורא?

— איך האָב מורא, — האָט זי ווידער געזאָגט.

— פאַר ועמען האָסטו מורא, רייטשל?

— פאַר אייך, פאַר זיך אַליין.

— אוי, זיי נישט קיין קינד, רייטשל.

— ניין, ניין, מיסטער בלום. איך האָב מורא. ווען איך טרינק נאָך, וועל איך נישט קאָנען האַלטן דעם קאָפּ... איך וועל נאָך אַנטשלאָפן ווערן...

— אַ וויכער דיוואַן איז דאָ, — האָט סעמקע געזאָגט און פאַררויכערט אַ סיגאַר פאַר אויפרעגונג.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט האַלב־פאַרזשמורעטע, שיכּורע אויגן און אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן:

— מיסטער בלום, פאַרוואָס ווילט זיך אייך אַזוי מיך צו מאַכן פאַר אַ צעלאָזענער?

— רעדסט שוין ווידער נאַרישקייטן, רייטשל?

— גט זיך פריער מיט אייער ווײַב און איך וועל דאַן פּטור ווערן פון מײַן אַבעזיאַנע, און דאַן...

— טרינק אויס דײַן גלאָז, רייטשל, און רעד נישט קיין נאַרישקייטן, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן.

האָט זי דערנאָך ווידער גענומען דאָס גלאָז און אַ ווײַלע געקוקט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן אויף די פּערל און בלעזלעך

פון דער שוימענדיקער משקה. דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל געזאָגט: „לחיים!!" און אויסגעטרונקען.

סעמקע האָט אַוועקגעלייגט זיין סיגאַר און האָט זיין גלאָז שאַמ־פּאַניער אויך אויסגעטרונקען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט רייטשל זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן טיש און זיך אויפגעהויבן.

— נישט געפערלעך. כאַ־כאַ! איך שווים און עס שווימט אַרום מיר, אָבער איך קאָן נאָך שטיין אויף די פיס און גיין אויך!

און זי האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער מיט אַ פעסטן גאַנג און זיך געראַנגלט קעגן דער ווירקונג פון דעם וויין, וואָס זי האָט אַלץ שטאַרקער געפילט.

— איך בין נישט שיכּור... איך בין נישט שיכּור! — האָט זי אַלץ עקשנותדיקער גערעדט, וואָס שטאַרקער זי האָט געפילט, אַז דער וויין איבערוועלטיקט זי, און זי האָט אַלץ פעסטערע טריט געשטעלט.

סעמקע איז געזעסן און האָט איר נאָכגעקוקט.

פּלוצים האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי פאַרזיכטיק פאַרשלאָסן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וווּ די בילדער זענען געהאָנגען, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט קוקן מיט דעם סיגאַר אין מויל.

און באַלד איז רייטשל נעבן אים געשטאַנען און זיך אָנגע־לענט מיט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— וואָס קוקט איר דאָרט, מיסטער בלום?

און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר קאָפּ פון זיין אַקסל מיט ברייט־געעפנטע אויגן און זיך איינגעגעסן מיט זיי אין די ביל־דער — באַזונדערס אין איין בילד, וואָס האָט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי די מלאָכים אין הימל זענען געשטרויכלט געוואָרן, בעת זיי זענען אַראָפּגעקומען אויף דער זינדיקער ערד.

דאָסדאָזיקע בילד האָט זי נאָכמער אָנגעצונדן, איידער דער שאַמפּאַניער.

— פע! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. — וואָסערע מיאוסע בילדער! אַ חרפּה!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סעמקען מיט אויגן, וואָס אין זיי האָבן זיך איצט פייערלעך געצונדן, און זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען האַלב־שטיפעריש און האַלב־אויסגעלאַסן, און איז צוגעגאַנגען צום דיוואַן ביים שפּיגל און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

סעמקע האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ שטול קעגן איר, גע־רויכערט דעם סיגאַר און געקוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין.

זי איז האַלב־געלעגן און האַלב־געזעסן מיט דעם טיף־שוואַרצן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף דעם צוקאָפּנס פון דעם דיוואַן, מיט די ביידע הענט שווער צעשפּרייט אויף ביידע זייטן, אַזוי, אַז עס האָבן שאַרף זיך אַרויסגעזען די קאָנטורן פון איר יונגן, הויכן בוזעם.

אַלצדינג אין איר האָט אין אים געוועקט, גערייצט און גע־צונדן זיין לײַדנשאַפט. ער האָט אָבער געזוכט זיך צו באַהערשן, אויסוואַרטן, אַזוי ווי אַ יעגער, וואָס זוכט אַ מער זיכערע פּאָזיציע פאַר זיין שאָס, צי גאָר ווי אַ חיה, וואָס לויערט פון איר באַהעל־טעניש אויף אירן אַ קרבן.

אַפילו איצט, אין אָט דעם מאָמענט, ווען ער האָט געזען, אַז זי איז געווען איבערוועלטיקט פון דעם ווײַן און פון אירע גע־פילן, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אינזינען, אַז ער דאַרף זיין פאַר־זיכטיק מיט איר.

אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און זיך געזעצט נעבן איר אויף דעם דיוואַן. רייטשל האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ נאַרישן, קעלבערנעם שמייכל און זיך אַ צי געטאָן צו אים אי מיט די ליפּן, אי מיט די אָרעמס. ער האָט אַוועקגע־וואָרפן דעם סיגאַר און איז צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע.

אַזוי ווי אַ פייערדיקער ווירבל האָט דערנאָך רייטשלען אונ־טערגעכאַפּט און זי אַוועקגעטראָגן ערגעץ... די לײַדנשאַפט, קעגן וועלכער זי האָט די גאַנצע צייט מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג זיך גע־ווערט, האָט זיך איצט דורכגעריסן מיט דער גאַנצער קראַפט און געבראָכן אַלע צוימען און אַלע שטערונגען... — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען באַלד דריי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט, ווען רייטשל מיט סעמקען האָבן פאַרלאָזן דעם „קליינעם גן־עדן".

זיצנדיק נעבן אים אין דער מאַשין, האָט רייטשל נאָכאַנאַנד געטוליעט איר קאָפּ צו זיין אַקסל און אים גערופן מיט די צערט־לעכסטע נעמען.

— דו האָסט מיך ליב, האַ? — האָט סעמקע געפרעגט.

— הונדערט מאָל שטאַרבן וואָלט איך פאַר דיר געוואָלט, — האָט זי געענטפערט מיט אַן אַ שיעור ליבע אין איר קול, — און איר מיך?

— וואָס פאַרא „איר"? „דו"!

— אַפילו ווען אייער... דיין ווייב וועט זיין דערביי?

— דערווייל נישט. דערווייל מוזי מיר באַנוצן טאַקט און שכל, ביז דער ריכטיקער צייט...

זי האָט געשוויגן. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געענטפערט אויף אַ געדאַנק, וואָס איז ביי איר אין קאָפּ געווען.

— ניין, קיין זינד איז דאָס נישט. אַ זינד איז, ווען איך לעב מיט אים, נישט ווען איך לעב מיט דיר... אָט איצט פאָר איך צו אים. אפשר שלאָפט ער דאָרט נישט און וואַרט אויף מיר... איך וועל דאַרפן אויסטראַכטן אַ תירוץ... ער איז דאָך מיין מאַן, ווי איז צו מיר!... גיי פרעג קשיות: ווען ער וואָלט נישט געוואָרן רייך, וואָלט דאָך דאָס אַלץ נישט געווען.

סעמקע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— איז דאָך טאַקע גוט, וואָס ער איז רייך געוואָרן. ווען נישט, וואָלטן מיר דען איצט געווען אַזוי גליקלעך?

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און געענטפערט:

— יאָ, סעם, יאָ, איך בין זייער גליקלעך, זייער גליקלעך. אָבער אַז איך דערמאָן זיך אָן אים, גייט מיר נישט איין דאָס לעבן!...

עטלעכע הייזער פאַר אָרעס, האָט סעמקע אָפּגעשטעלט זיין מאַשין. ביים צעשיידן זיך האָט ער מיט רייטשלען זיך צעקושט און ער האָט צו איר געזאָגט:

— מאָרגן זעען מיר זיך ווידער. איך וועל זיין ביי דיר. און דו, קינד, דערוויי֜ל ביז וואָס־ווען, זיי פאַרזיכטיק. ערשט איצט מוזן מיר אָנווענדן טאַקט און שכל...

5

אָרע, נעבעך

גראָד יענעם אויפדערנאַכט איז אָרע אַליין געקומען אַהיים נאָך שפּעטער ווי רייטשל, מחמת דעמדאָזיקן אויפדערנאַכט איז ער געווען אויף אַן אַסיפה פון לאַנדסלייט, וואָס דער יאַנאָוויצער רב האָט צונויפגערופן, כּדי צו גרינדן אַן אונטערשטיצונגס־פאַריין פון יאַנאָוויצער לאַנדסלייט. די אַסיפה האָט זיך פאַרצויגן ביז צוויי נאָך האַלבער נאַכט און ביז ער איז געקומען פון ניו־יאָרק קיין בראָנזוויל האָט אים גענומען גוטע צוויי שעה. רייטשל האָט שוין דעמאָלט געשלאָפן און אָרע האָט זיך אַריינגעגנבעט אין שלאָפ־צימער אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט אַפילו מורא געהאַט אָנצו־צינדן אַן עלעקטריש לעמפּל, טאָמער וועט ער זי אויפוועקן.

ער איז נישט געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט, ווען ער איז געקומען פון דער אַסיפה, מחמת איינער פון די לאַנדסלייט האָט אים דאָרט גראָב באַליידיקט, בעת דער רב האָט פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אים, אָרען, מאַכן פאַר פּרעזידענט פון דעם נייעם אונטערשטיצונגס־פאַריין.

— פאַרוואָס קומט אים דער כּבוד? — האָט דער לאַנדס־מאַן, אַפּנים אַ סאָציאַליסט, געמאַכט אַ גוואַלט. — דערפאַר, וואָס ער האָט אַריינגעקריגן אַ מאַטניאַ! ער האָט עפּעס געהאָרע־וועט אויף זיין געלט, וואָס? דאָס געלט האָט אים עפּעס בעסער געמאַכט, קליגער, געבילדעטער? געוואָרן ביי אונדז אַ נייער יחסן, אַ נייער חכם, אָרע דער פעדלער! ער קאָן דאָך זיין נאָמען נישט אונטערשרייבן ווי געהעריק איז!

און אַז אָרע האָט דאָס געהערט, האָט דאָס פּנים ביי אים גע־פלאַמט פאַר חרפּה און ער האָט אַרויסגעמורמלט אַ פאַרשעמטער:

— אָבער געוואַלט, יידן, ווער וויל דאָס האָבן? איך וויל נישט זיין קיין פּרעזידענט, נישט דאָ און נישט דאָרט. די גאַנצע וועלט ווייסט דאָס!

אָבער דער רב און נאָך אַנדערע מיט אים זענען באַשטאַנען אויף דעם, אַז נאָר ער, אָרע, דאַרף זיין פּרעזידענט; אַז נאָר אים קומט צו זיין פּרעזידענט, מחמת ער גיט אַזויפיל צדקה און איז אַן אמתער ערלעכער ייד.

דאָסמאָל אָבער האָט זיך אָרע איינגעשפּאַרט, אַז ניין און ניין. ער וויל נישט זיין קיין פּרעזידענט פון אָט דעם נייעם פאַריין. איז אויף דער אסיפה מחמת דעם געבליבן, אַז מען זאָל דערווייל אָפּלייגן די וואַלן פון אַ פּרעזידענט אויף אַ צווייטן מיטינג און אונטער דער צייט וועט דער רב פּרוּוון פועלן ביי אָרען, אַז ער זאָל יאָ וועלן זיין דער פּרעזידענט פונם פאַריין.

אָרען האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער לאַנדסמאַן האָט אים אַזוי פאַרשעמט פאַר מענטשן, אָבער אין הארצן האָט ער מיט אים מסכים געווען. ער האָט געטראַכט:

„גערעכט איז ער, אָבער אַ פאַרך איז ער אויך און אַן עזות־פּנים!...״

אויף מאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט רייטשל נאָך געשלאָפן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: שוין געווען נאָך צען. האָט ער זיך גענומען איילן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דאַוונען, און אין באַנק האָט ער געדאַרפט זיין, און אויך ביי די הייזער, וואָס ער האָט געבויט אויף סעינט דזשאָנס פּליים, און דעם פונדאַמענט פון דעם בית־המדרש, וואָס ער איז געגאַנגען בויען אויף זיין געלט, האָט מען שוין אויך גענומען גראָבן. האָט ער מחמת דעם איילנדיקערהייט זיך אָנגעטאָן און איז אויף די שפּיץ־פינגער אַרויסגעגאַנגען פונם שלאָפצימער, ווידער געהיט זיך, אַז ער זאָל נישט אויפוועקן רייטשלען.

צום מיטאָג איז ער געקומען צוריק אהיים, ווי אַלעמאָל, און אינם עס־צימער האָט ער געטראָפן רייטשלען און זי איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט און אַזוי פרייליך, ווי דאָסמאָל. און אַז ער האָט זי געזען איצט אַזאַ צופרידענע און אַזאַ פריי־

לעבע, איז אים אַליין געוואָרן פרייליך אויפן הארצן, און גאָר גליקלעך איז ער געוואָרן נאָכדעם, שפּעטער, ווען זי האָט אים נישט געשטערט זי צו קושן.

שפּעטער איז געקומען דער יאַנאָוויצער רב. רייטשל איז נישט געווען אינדערהיים. זי איז אַוועקגעפאָרן שפּאַצירן אין איר מאַשין מיטן שאָפער און אָרע איז געווען פאַרנומען אין ביב־ליאָטעק־צימער מיט אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן געבראַכט געלט ביי אים איינצולייגן פאַר אַ געשעפט, וואָס זיי האָבן געוואָלט קויפן בשותּפות, און מיט זיין בוכהאַלטער חיים־עלי, אַ באַברילטער ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל און אין אַ יאַרמולקע. דערדאָזיקער ייד האָט געפירט פאַר אָרען די ביכער און געשריבן פאַר אים די טשעקס, און אַכטונג געגעבן אויף דעם אָפיס, וואָס אָרע האָט געהאַט אויף סטאָון עוועניו און ווו מען האָט אים, אַגב, זעלטן־ווען געקאָנט טרעפן.

ווען די יידן מיט אָרעס בוכהאַלטער זענען אַוועקגעגאַנגען, איז אָרע אַריין אין עס־צימער, וווּ זיין לאַנדסמאַן, דער יאַנאָווי־צער רב, האָט אויף אים געוואַרט. איצט איז ער שוין געווינט גע־ווען צו זען דעם רב אָפט ביי זיך אינדערהיים און ער האָט אים שוין נישט אויפגענומען מיט אַזאַ כּבוד, ווי אין דער פריערדי־קער צייט. אַגב, האָט דאָס, וואָס ער האָט אָפט געשטיצט דעם רב מיט געלט, גורם געווען דערצו, אַז ער זאָל האָבן פאַר אים ווייניקער דרך־ארץ, ווי ער האָט פריער געהאַט.

ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ צופרידענער מינע און דערביי געגלעט זיין לאַנגע באָרד:

— געוואָלט, רבי, זאָגט מיר, וואָס לויפן זיי אַזוי צו מיר? מען קומט דאָך שוין באַלד צו מיר, ווי צו אַ גוטן יידן!...

דער קליינינקער, מאָגערער רב, מיט דעם קלוגן בליק אין די האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, האָט צוגעלייגט צוויי דינע, ווייסע פינגער צו זיין קליין, שוואַרץ בערדל ביי דער אונטערשטער ליפּ און זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— וואָס איז, ר' אהרן?

— באַלד אַ האַלבער מנין מענטשן זענען שוין ביי מיר

היינט נאָכמיטאָג געווען און האָבן געבראַכט געלט ביי מיר איינ־צולייגן. אַזוי יעדן טאָג. ווייבער, מאַנסבילן, לייגן איין ביי מיר געלט, קומען עצות פרעגן ווענן דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, ווענן שידוכים, ווענן קינדער, ווענן ביזנעס, איך ווייס, ווענן וואָס נישט? פּראַים, וואָס לויפן זיי צו מיר? איך בין עפּעס קליגער געוואָרן, וואָס? עס האָט זיך געוואַלגערט חכמה אויף דער גאַס און איך האָב דאָס אויפגעהויבן, וואָס? איך זאָג אייך, רבי, אַז יענער לאַנדסמאַן אונזערער, וואָס איז מיך אויפן מיטינג נעכטן באַפאַלן, אמת טאַקע, ער איז אַ פּאַרך, אַן עזות־פּנים, אָבער גערעכט איז ער געווען!...

— ניין, ר׳ אהרן, ער איז שוין גאָרנישט גערעכט געווען. און מענטשן ווייסן, וואָס זיי טוען, ווען זיי לייגן איין געלט ביי אייך, מחמת איר זענט אַזאַ בטוח, ווי די גרעסטע באַנק. און דאָס, וואָס זיי קומען צו אייך פרעגן עצות, באַווייזט נאָר, ווי לייט האַלטן פון אייך. און איר אַליין, ר׳ אהרן, האָט אויך געמעגט אַביסעלע מער האַלטן פון זיך. לגבי די אַלע אַנדערע גבירים, וואָס איך קען, דאָס הייסט, לגבי זייער צדקה־געבן און זייער יידישן רחמנות, וואָס זיי ווייזן אַרויס צו אָרעמעלייט, האָט איר ביי זיך גאָרנישט וואָס אַראָפּצופּאַלן; לגבי זיי זענט איר אַ גדול, ר׳ אהרן, אַן אמתער גדול...

אָרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט ביידע הענט און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און אַרויסגעזיפצט:

— אוי, רבי, וואָס פאַר אַ גדול בין איך? רבי, איך וויל נישט זיין גענאַרט אין זיך. עס איז נישט קיין קונץ צו זיין גענאַרט אין זיך. איך ווייס, ווער איך בין און וואָס איך בין.

— ר׳ אהרן, איר זענט אַן ערלעכער ייד, אַן איש תם וישר. מיט רחמנות אינעם האַרצן, אַ גרויסער בעל־צדקה און דערפאַר זענט איר אַ גדול.

אָרע האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש אַנטקעגן דעם רב.

— עט, ווייס איך. נו, מילא, זאָלן מיר דערפון בעסער נישט רעדן, — האָט ער געזאָגט.

שפּעטער, ביים טיי־טרינקען, האָט דער רב אים געזאָגט, ווענן וואָס ער איז געקומען.

— ר׳ אהרן, — האָט ער געזאָגט, — איר מוזט זיין פּרע־זידענט פון אונזער נייעם פאַריין.

— רבי, דאָס וועט קיינער ביי מיר נישט פועלן. אוים פּרעזי־דענט! איך קלייב זיך אַפּילו אָפּצוזאָגן פון צו זיין פּרעזידענט ביי מיר אין דער תּלמוד־תּורה אויך.

— איר טראַכט שוין ווידער וועגן דעם, ר׳ אהרן?

— יאָ, יאָ, רבי. איצט דאַרף איך אודאי נישט זיין קיין פּרע־זידענט.

— פאַרוואָס, ר׳ אהרן?

— מחמת איצט דאַרף איך זאָגן אַ דעה וועגן אַן ענין, וואָס ביי מיר קומט עס אוים אינגאַנצן פּידרעך און ביי זיי, סיי ביי די לערער און סיי ביי די אַנדערע למדנים, קומט עס אוים אַ גלייכע זאַך...

— וועגן וואָס פאַר אַן ענין, ר׳ אהרן?

— צי מען זאָל לערנען מיט די תּלמידים עברית בעברית...

— און איר זענט קעגן דעם, ר׳ אהרן?

— ביי מיר קומט אוים אָט דער גאַנצער ענין פּידרעך. איך פאַרשטיי, אַז וידבר איז דער טייטש — האָט גערעדט, ווילן זיי איצט אָנהויבן צו לערנען, אַז וידבר איז דער טייטש — וידבר. דאָס הייסט לשון־קודש אויף לשון־קודש. קומט ביי מיר אוים, אַז דאָס איז פּידרעך... און אפשר זענען זיי גערעכט, איך וויים דען? כאָן אַזאַ עם־הארץ ווי איך זאָגן דעות אין דעם? אָט דערפאַר איז ביי מיר געבליבן זיך אָפּצוזאָגן פון צו זיין פּרעזידענט, און אוים עגמת־נפש, און אוים הארצווייטאָק!...

און ער האָט שטילערהייט צוגעלייגט, מחמת אין אָט דער צייט איז רייטשל אַריינגעקומען פון דער גאַס אַ פרישע און אַ צע־רויטלטע:

— רבי, זאָל זיין פּרעזידענט פונם פאַריין אַן אַנדערער און איך וועל אים שטיצן סיי ווי סיי, נישט ווייניקער, ווי ווען איך וואָלט פּרעזידענט געווען.

— העלאָ, מאַדאַם! — האָט דער רב באַגריסט רייטשלען.

זי האָט פּריינטלעך אַ מאַך געטאָן צו אים מיטן קאָפּ און איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער.

און דער רבֿ האָט זי באַגלייט מיט די אויגן און געשצופּליעט מיט די ווייסע, דינע פינגער דאָס שוואַרצע בערדל אונטער דער ליפּ.

— קיין עין־הרע נישט, אייער ווייבל זעט אויס ווי אַ גרעפין, — האָט ער נאָכדעם זיך אָנגערופן צו אַרען.

אַרע האָט זיך אינגאַנצן צעשמייכלט.

— אַלץ הייסט שיין, — האָט ער געגומען רייבן די הענט, — ווי די ליכטיקע זון. אוי, רבי, רבי, — האָט ער מיטאַמאָל אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס איז, ר׳ אהרן?

— גאָרנישט, אַ נאַרישקייט! — האָט אַרע געענטפערט, און פאַרטראַכט אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט, ר׳ אהרן?

— כ׳וויים, איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, רבי. איך שעם זיך דאָס אַרויסצורעדן פאַר אייך...

— פאַר מיר, ר׳ אהרן, דאַרפט איר זיך נישט שעמען.

— אַ ייד, שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק, אַ ייד שוין אַ זיידע, — האָט אַרע גערעדט ווייטער, — האָט אפשר נישט געדאַרפט טראַכטן דערפון, נישט געטאָרט האָבן אַזעלכע רעיונות אינם קאָפּ...

— וואָסערע רעיונות, ר׳ אהרן? שעמט זיך נישט, רעדט אַרויס.

— איך מיין טאַקע וועגן מיר און מיין ווייב. זי איז אַזוי יונג, אַזוי שיין, זי איז דאָך יינגער פון מיין יינגסטער טאָכטער. טראַכט איך ביי זיך אַמאָל: אוי, גאָט, ווען איך בין יינגער מיט אַ יאָר צוואַנציק!...

— דאָס איז אַ נאַטירלעכער ווונטש, ר׳ אהרן. יעדער פון אונז וואָלט וועלן זיין יינגער, בפרט אַ ייד אין אייערע יאָרן, ביז הונדערט און צוואַנציק, וואָס האָט אַזאַ יונג ווייב. אודאי, איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, אַז איר דאַרפט אַזוי טראַכטן. איר דאַרפט אָבער דאַנקען גאָט, וואָס איר זענט, קיין עין־הרע נישט,

אַ ייד נישט קיין חלוש, נישט קיין שלאָפער, חלילה, ווי אַנדערע יידן אין אייערע יאָרן...

— דערפאַר, רבי, דאַנק איך טאַקע גאָט און פונדעסטוועגן, רבי, ווייזט זיך מיר אויס אַמאָל, אַז ווען איך וואָלט געווען אַביסעלע יינגער, און טאַקע אַביסעלע שענער אויך, וואָלט מיינע צופרידענער געווען מיט מיר...

און מיטאַמאָל האָט ער זיך איבערגעשלאָגן:

— רבי, איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מען קאָן אַביסעלע אַזוי... אַרומנעמען די באָרד... מיט אַ שער, הייסט עס...

דער רב האָט אויף דעם געענטפערט:

— אין אייער לאַגע, ר' אהרן, און פון שלום־בית וועגן, מעגט איר אייער באָרד היפּש פאַרקירצן.

אָרע האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געקוקט פאַר זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איכל דאָס טאָן בלא־נדר. איך וועל פריער ווערן אויס פּרעזידענט פון דער תּלמוד־תּורה...

סעמקע איז אַריינגעקומען מיט אַ פאַרהאַוועטער מינע.

— העלאָ, מיסטער כיריג, און העלאָ רבי! — האָט ער געזאָגט. — מיין ווייב האָט מיך געבעטן עפּעס איבערצוגעבן אייער ווייב. איז זי דאָ, מיסטער כיריג?

— זיצט, מיסטער בלום, זי איז דאָ, — האָט אָרע געענטפערט און זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז אַוועק רופן זיין ווייב מיט אַ געשריי: — רייטשעלע!

סעמקע האָט זיך געזעצט און פאַררויכערט אַ סיגאַר. און באַלד האָט ער דערהערט רייטשלס קול:

— מיסטער בלום, קומט אַהער!

סעמקע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו איר. זי איז געזעסן אין פראָנט־צימער ביי אַן אָפענעם, ברענענדיקן קאַמין און האָט געלייענט אַ יידישע צייטונג. ער האָט דאָרט נאָך געטראָפן נעבן איר אָרען.

— העלאָ, מיסטער בלום, העלאָ! — האָט זי אים אויפגענומען פרייליך און גלייך זיך געווענדט צו איר מאַן: — אָרע, דער רב

איז נאָך דאָ? וואָס האָסטו אים איבערגעלאָזן אַליין? וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס?

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, גערעכט, אויף נאמנות!

און ער איז אַרויסגעלאָפן.

— דאַרלינג, ענגעל! — האָט סעמקע זי גלייך אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם און זי אַ ציי געטאָן צו זיך און אַ קוש געטאָן. — דו ווייסט גאָרנישט, זינט נעכטן ביינאַכט פיל איך, ווי אין האַרצן וואָלט ביי מיר געווען דער שענסטער פּאַראַדיז!

— איך אויך, טייערער, — האָט זי געענטפערט אַ שיי־נענדיקע.

ער האָט דערנאָך האַסטיק געזאָגט:

— איך בין געקומען דיר זאָגן, ווו מיר זאָלן זיך היינט טרעפן און ווען. אין ניו־יאָרק אויף דער צוויי־און־פערציקסטער סטריט, נעבן דעם כינעזישן רעסטאָראַן. פון דאָרט וועלן מיר ערגעץ פאָרן.

— גוט, טייערער.

— און נישט שפּעטער, ווי האַלב נאָך אַכט.

— גוט. דו וועסט נישט דאַרפן וואַרטן אויף מיר.

— אַלזאָ, רייטשל, ביז אויפדערנאַכט!

ער האָט אַ מאַך געטאָן צו איר מיט דער האַנט און איז אַרויסגעלאָפן.

* *
*

עטלעכע וואָכן זענען אַוועק. רייטשל און סעמקע האָבן זיך אָפט געטראָפן און וואָס מער זיי האָבן זיך געטראָפן, אַלץ מער משוגע איז זי געוואָרן פאַר אים. אָפט האָט זיך ביי איר אַרויס־געריסן:

— אוי, סעם, ווען איך קאָן דיך אַוועקנעמען פון אַלעמען, פון אַלעמען!

און אַן אַנדערשמאָל:

— סעם, ווען איך קאָן ביי דיר פועלן, אַז דו זאָלסט אַוועק־נעבן אַלצדינג, אַלצדינג דיין ווייב, וואָלט איך מיינעם אויך אַלצ־

דינג מוחל געווען און וואָלט געגאַנגען באַדאַי אין שאַפּ אַרבעטן, אַבי מיט דיר צו זיין!

צי גאָר:

— סעם, גלויב מיר, אַז ברויט מיט וואַסער וואָלט מיר גענוג געווען און זיין דיין ווייב, דיין אמתדיק ווייב, איידער צו וווינען אין גאָלדענע פּאַלאַצן און פאָרן אין גאָלדענע קאַרעטן און אָנקוקן יענעם!...

וואָרום איצט, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו לעבן מיט אים, האָט זי אָרען ממש נישט געקאָנט אָנקוקן. זי האָט אים אָנגעהויבן צו האַסן, און ווען נישט סעמקע, וואָלט זי איצט פון אים אַוועקגעגאַנגען. ער, סעמקע, האָט זי דערפון אָפּגערעדט. ווידער און ווידער האָט ער איר דערמאָנט איצט אויך, אַז זי דאַרף האָבן שכל און טאַקט. און ווידער און ווידער האָט ער איר דערביי פאַרזיכערט, אַז אויב נאָר זי וועט האָבן אַביסעלע געדולד, וועט אַלצדינג זיין אַזוי ווי זי וויל...

זי האָט אים געפאָלגט. זי האָט אים געמוזט פאָלגן. זי האָט דאָך אים אַזוי געגלויבט. זי האָט דאָך אים אַזוי ליב געהאַט!

אין דער איינגענער צייט האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון אָרען געלט און אַנדערע זאַכן. דאָס געלט האָט זי געהאַלטן אין אַ באַנק וואָס סעמקע האָט איר רעקאָמענדירט.

זי האָט אויך געקריגן אַ שטעלע ביי אָרען פאַר איר שוואָגער, משה־בערן, „די קאַלאַקאָטקע", אויפצופּאַסן אויף די הייזער, וואָס אָרע האָט געבויט.

וויפל זי האָט זיך נישט געקליבן צו באַהאַלטן אירע אמתע געפילן פון אָרען, האָט ער דאָך סוף־כל־סוף אָנגעהויבן צו פילן, אַז זי האָט אים נישט ליב געהאַט און אַז זי האָט געזוכט אויף פּלערליי אופנים אויסצומיידן זיין נאָנטקייט...

נישט איינמאָל האָט זי אים אַזוי צעטומלט מיט איר באַנעמונג, אַז ער האָט דערנאָך נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן: צי אָנשרייען אויף איר מיט בייזן און דערמאָנען איר, אַז ער איז איר מאַן, אָדער בעטן איר מיט גוטן, אַז זי זאָל אים אַזוי נישט ווי טאָן...

אמאָל, זייענדיק מיט איר אַליין אויג אויף אויג, איז זי געװען — ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט — אדרבה ואדרבה. פלוצים, אינמיטן דערינען, בעת ער האָט איר געוואָלט א לאַסטשע טאָן, האָט זי אים געכאַפּט שטופּן פון זיך מיט ביידע הענט און געערדט דערביי פאַרשטיקט, מיט שנאה אין די אויגן:

— אַוועק! קריך נישט! נישט איצט! לאָז מיך! פון דיר און דיין באָרד שלאָגט דאָך א חלשות!...

אודאי האָט זי געמוזט נאָכדעם מיט אים זיך איבערבעטן. מחמת אַנישט, וואָלט דאָך געמוזט קומען צווישן זיי צו א סוף, און דאָס האָט סעמקע נישט דערלאָזן.

און איבערבעטן זיך מיט אים איז איר קיינמאָל שווער נישט אָנגעקומען: א בליק, א שמייכל, א גוט וואָרט אַרויסגערעדט אין א ווייכן טאָן, און א גלעט, וואָס אויף דעם איז רייטשל געווען גאָר א גרויסע בריה (אגב, ווי די מערסטע פרויען, ווען זיי דאַרפן עס) — און אָרע האָט שוין געשיינט און איז געווען גליקלעך!

אָבער נישט אויף לאַנג, נאָר אויף א גאַנץ קורצער ווײַלע. מחמת, געוויינלעך, אַז ער איז דערנאָך געבליבן מיט זיך אַליין, האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט זיך באַנומען קעגן אים, און דעמאָלט האָט זיך ביי אים נישט איינמאָל אַרויסגעריסן מיט א זיפץ:

— אַי־אַי־אַי! נישט גוט! נישט גוט! נישט גוט!

און אַן אַנדערש מאָל:

— מען מוז עפּעס טאָן. זי איז דאָך פאָרט א קינד, א יונג קינד... וואָלט וועלן, אַז איך זאָל זיך מער פּוצן. איך זאָל אויסזען לייטישער. איך זאָל נישט טראָגן אַזא באָרד.

און אין די געדאַנקען האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז אַזוי גיך, ווי ער וועט ווערן אוים פּרעזידענט פון דער תּלמוד־תּורה און וועט איבערקומען דעם חנוכּת־הבית פון זיין בית־המדרש, וואָס האָט געדאַרפט באַלד פאַרטיק ווערן, וועט ער זען צו טאָן עפּעס מיט זיין באָרד. אַפילו זיין לאַנדסמאַן, דער רב, זאָגט דאָך אים אויך, אַז ער דאַרף עס טאָן.

עס האָט אָבער אויך געטראָפן, אַז רייטשל האָט אים באַליי-

דיקט און האָט זיך נישט איבערגעבעטן מיט אים. דעמאָלט איז אים געווען שווער און ביטער אויפן הארצן און ער האָט געטראַכט:

— גוואַלט, גוואַלט, זי ווערט דאָך אַ מרשעת!

בפרט איז אים נאָך שווערער געווען, וואָס ער האָט מיט קיי־נעם נישט געקאָנט רעדן דערפון און וואָס ער האָט געמוזט עס שטיקן אין זיך. איבערהויפט האָט ער געוואָלט דאָס באַהאַלטן פון זיין מאַמען.

נאָר פון פרומען האָט ער עס נישט געקאָנט באַהאַלטן. מחמת זי האָט מיט אירע ביידע אַלטע אויגן גוט אַכטונג געגעבן אויף איר זון די גאַנצע צייט, און אַז זי האָט דערזען, ווי ער איז אַמאָל אומעטיק, ווי ער איז צעטראָגן און פאַרזאָרגט, האָט זי געטראַכט ביי זיך, אַז „רייטשקע" איז מסתמא אין דעם שולדיק.

און איינמאָל האָט זי טאַקע ביי אים געפרעגט:

— אָרע, פאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי פאַרדאגהט? צי די גע־שעפטן, חלילה, גייען ביי דיר נישט גוט? אָדער אפשר איז דיין ווייב שולדיק?

האָט אָרע איר געענטפערט, אַז דאָס ווייזט זיך איר נאָר אויס, אַז ער איז פאַרדאגהט. די געשעפטן זענען ביי אים, הלואי ווייטער. און דערביי האָט ער אויך באַמערקט:

— און רייטשלען, מאַמע, לאָז צורו. טו מיר אַ טובה!

די אַלטע פרומע, וועלכע האָט גוט געקענט איר אָרען, האָט שוין געוווסט דעמאָלט פון זיין לעצטער באַמערקונג, אַז זי האָט געטראָפן, דאָס הייסט, אַז רייטשקע טאַקע איז שולדיק געווען. זי האָט אָבער מער נישט גערעדט וועגן דעם, מחמת זי האָט רחמנות געהאַט אויף אָרעם געזונט.

און דערווייל האָט רייטשל זיך ווייטער געטראָפן מיט סעמ־קען. זי איז אָפט אַוועק פונדערהיים, איז נישט געקומען צו די מיטאָגן און האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

און אַ תירוץ האָט זי אַלעמאָל געהאַט פאַר אָרען. פונדעסט־וועגן האָט ער אַ פּאָר מאָל געפּרוווט איר זאָגן, אַז ער וויל דאָס נישט ליידן, האָט ער פון איר געכאַפּט אַ גאָב, אַז ער האָט חרטה

געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן מיט איר.

זי האָט געהאַט אויף אים אַ בייטש. אַז ער האָט איר געזאָגט עפּעס, וואָס איז איר נישט געפעלן געווען, איז זי געוואָרן ברוגז און איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער און האָט פאַררייגלט די טיר.

און אַ שרעקלעכע בייטש איז עס געווען פאַר אים. ער האָט נישט געקאָנט רוען, האָט נישט געקאָנט שלאָפן די גאַנצע נעכט, האָט זיך געפייניקט:

„אַי שלעכט! אַי נישט גוט! אַ רוח, אַ קליפּה ברענט אין מיר! זי וועט מיך משוגע מאַכן!"

און מחמת דעם האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז ווען זיי האָבן זיך צעווערטלט, האָבן זיינע אויגן פּלוצים, אַזוי ווי פון זיך אַליין, זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר פון שלאָפצימער און זענען שטיין געבליבן אויף איר אַזוינע רחמנותדיקע.

אין אָט דער רגע איז ער אַזוי ענלעך געווען צו אַ הונט, וואָס מען ווייזט אים מיטאַמאָל אַ שטעקן...

דעמאָלט האָט ער מיטאַמאָל רחמנותדיק אַ שמייכל געטאָן, אַ קער געטאָן זיך צו זיין ווייב און אַרויסגעמורמלט:

— נו, שאַ, שאַ! נו, מילאַ! כ'וויים? זאָל זיין, אַז דו ביזט גערעכט!

— „קאָן זיין", האַ? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— נו, שאַ, שאַ! גוט, נו! חטאתי, נו! חטאתי, איך בין אומגערעכט, אַבי שאַ!...

און אין זיינע געדאַנקען האָט ער, נעבעך, בשעת מעשה גע־טראַכט כמעט פאַרצווייפלט:

„געוואַלט, אַז עס ברענט אין מיר אַזוי! אַז עס שרפהט אין מיר אַזוי!"...

און ער האָט זיך געהיט ווייטער נישט אָנצוהויבן מיט איר און געשטיקט אין זיך זיינע ווייטאָקן, און אַזוי ווי פריער באַהאַלטן עס פון זיין מאַמע.

6

רייטשלס הינטעלע

פלוצים האָט רייטשל אָנגעהויבן אַוועקצופאָרן פון דער היים אויף עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, צי אין לייקווּד, צי אין אַטלאַנטיק סיטי, נאָר שטענדיק מיטן תּירוץ, אַז דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן.

דעמאָלט האָט די אַלטע פרומע מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זי האָט זיך אַריינגעמישט. פריער האָט זי געפּרוּווט אויסרעדן רייטשלען בּלומרשט מיט גוטן: סטייטש, זי, רייטשל, איז דאָך שוין געווען געוואָרן אַזאַ לייטיש ווייבּל, און מיטאַמאָל — נאַדיר! נאָך ערגער ווי די אַמאָליקע רייטשקע! סטייטש? פאַרוואָס?

האָט רייטשל איר דעמאָלט געענטפערט, אַז זי פרעגט בּיי איר נישט קיין עצות און זי זאָל איר נישט זאָגן קיין דעות.

און פון דעמאָלט־אָן האָבּן זיך אָנגעהויבּן צווישן זיי קריי־געריַיען, און רייטשל האָט געטאָן אַלצדינג „אויף צופּיקעניש" דער אַלטער און זיך געקלאָגט אויף איר פאַר אָרען, און די אַלטע האָט געשאָלטן רייטשלען מיט איר הארצן און זיך אויך געקלאָגט אויף איר פאַר אָרען.

איז אָרען נאָך ערגער געוואָרן. עס איז אים שלעכט געווען פון אַלע זייטן. פונדעסטוועגן האָט ער געפּרוּווט אויפצוהאַלטן דעם שלום־בּית צווישן זיין מאַמען און זיין ווייבּ. ער האָט געפּרוּווט פאַרענטפערן פאַר רייטשלען פרומען, און פאַר פרומען, רייטשלען. אָבּער אומזיסט. קיין שלום צווישן די ביידע ווייבּער האָט נישט געקאָנט זיין.

אין אָט דער מלחמה זענען שפּעטער אויך אַריינגעשלעפּט גע־וואָרן די אַנדערע פון אָרעס משפּחה. סיי שרהקע און סיי עטל, און סיי דאָקטאָר הודקין, זענען איצט געקומען צו־הילף דער אַל־טער פרומען און זענען אַרויסגעטרעטן קעגן אָרען מיט טענות, הלמאַי ער לאָזט רייטשלען אַזוי פּייניקן דער אַלטער בּאָבּען.

האָט אָרע דאָס נישט געוואָלט ליידן און האָט זיי געסטראַ־

שעט מיטן הארבן ווארט, זיי זאלן זיך בעסער נישט מישן צווישן אים און זיין ווייב, אנישט וועלן זיי נישט טארן איבערטרעטן די שוועל פון זיין הויז. זיי אבער האבן זיך נישט אפגעשראקן, האבן זיך ווייטער געמישט, און ער, ארע, האט זיין ווארענונג קעגן זיי נישט אויסגעפירט, מחמת ביי זיך אין הארצן האט ער דאך גע־ווּסט, אז זיי זענען גערעכט געווען.

בלויז איין פיניע האט זיך אין אט דער מלחמה נישט גע־מישט. ער האט געזען אויסצוקומען גוט סיי מיט ארען און סיי מיט רייטשלען. ער האט געזוכט זיינע נוצן ביי זיי ביידן. ביי רייטשלען האט ער אפט פארדינט געלט. ער האט כסדר פאר איר איינגעהאנדלט מציאות: מציאות אין מעבל, מציאות אין טעפי־כער, מציאות אין זילבערוואַרג און אפילו מציאות אין קונסט־אנטיקן. מחמת אין דער לעצטער צייט איז אין בראנזוויל צווישן די נייע גבירים געווארן א מאדע אויף קונסט־אנטיקן, האט פיניע דערמיט גענומען האנדלען און רייטשל איז געווארן איינע פון זיינע בעסטע קונדן. און ביי ארען האט ער אפט אויך געכאפט א פאר־דינסטל פאר ברענגען קונדן פאר זיינע אויסגעבויטע הייזער. דער־מיט האט זיך פיניע אויך באשעפטיקט.

קורץ — פיניע איז געווען דער איינציקער אין ארעס משפחה, פון וועמען ארע האט איצט נישט געליטן. פון די אנדערע אבער איז ער אויסגעשטאנען גרויסע צרות.

און איינמאל האט רייטשל דער אלטער אויף צופיקעניש גאר געבראכט אהיים א קליינעם, ווייסן פודעל.

ווען די אלטע פרומע האט דערזען דאס ווייסע, געקרויזטע הינטעלע מיטן פייכטן נעזל און מיט די גרויסע אויגן, האט זי פארבראכן די הענט און ביי איר האט זיך ארויסגעריסן:

— נאך דאס האט געפעלט צום רומפל ביי אונז אין שטוב? א הינטעלע אויך?!

האט רייטשל, וואס האט געהאלטן דעם פודעל אין אירע ארעמס, מיט שפאט זיך אנגערופן:

— איר ווילט דאך מסתמא ווּיסן זיין נאמען? הייסט ער האני. האני איז זיין נאמען. און א יחסן איז ער אויך: א ברודער

פון פרינצעלען, פון אייער עטלעם הינטל. איר זעט, אַלטע, כּמעט אייערער אַ קרובֿ!...

און זי האָט זיך צוגעבויגט צום פּודעל און אים אַ קוש געטאָן אויפֿן פּיסקל, אַזוי ווי עטל האָט עס געטאָן מיט איר הינטעלע, און איז דערנאָך מיט אים אַוועק אין אַן אַנדער צימער.

די אַלטע האָט איר נאָכגעקוקט און געמורמלט מיט האַס:

— אַז קושן זאָלסטו דעם מלאך־המות!...

און ווישנדיק שוין די טרערן פֿון די אויגן מיט די אַלטע הענט, האָט זי ווייטער געזיפֿצט:

— רבונו של עולם, פֿאַרוואָס שטראָפֿסטו אַזוי מיין אָרען? פֿאַר וועלכע זינד?

און שפּעטער, ווען אָרע איז געקומען אַהיים, איז זי אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אין קאָרידאָר און האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע, וואָס איז אינגאַנצן געווען איין צער, איין ווייטאָק, און זי האָט זיך אָנגערופֿן צו אים שטיל:

— מיין זון, דו האָסט, נעבעך, אַ גאַסט! אַ מזל־טובֿ קומט דיר! דיין ווייב האָט דיר דאָ אָנגעגרייט, ווי איז מיר...

— וואָס איז, מאַמע? — האָט ער געפֿרעגט אומרואיק.

— אָט, אַ הינטעלע... זי וויים, ווי דו שרעקסט זיך פֿאַר הינט, האָט זי דיר געבראַכט אַ הינטעלע אין שטוב אַריין!

— אַ הינטעלע געבראַכט? ווער? רייטשל?

— ווער דען? אָרע, דאָס טאָרסטו שוין נישט דערלאָזן. איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, אַזויפֿיל קריכן דיר אויפֿן קאָפּ זאָלסטו נישט דערלאָזן! אַפֿילו אַזאַ הולטייקע, ווי זי, דאַרף אויך וויסן, אַז דער בעסטער מאַן קאָן אַמאָל אַרויס פֿון די כּלים! ביי אונז איז אַ יידישע שטוב, אָרע, און אין אַ יידישער שטוב טאָר מען קיין הינט נישט האַלטן!

אָרע האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל און אים אויפֿגעהאַנגען אויף אַ הענגער אין קאָרידאָר. נאָכדעם האָט ער אויסגעטאָן דעם הוט און אָנגעטאָן אַ רונדע יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ. ער איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר, וווּ ער האָט זיך אויסגעטאָן, איז נישט אַריין אינעווייניק אין די צימערן, נאָר ער האָט פֿאַרלייגט ביידע

הענט הינטערן רוקן און גענומען שפרייזן צעטראָגן אַהין און צו־ריק איבערן קאָרידאָר.

— קום, אָרע! — האָט די אַלטע אים גערופן. — וואָס גייכטו דאָ ארום?

— מאַמע, — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר, רעדנדיק שטיל: — טאַקע אַ הונט? געבראַכט אַ הונט? זי... רייטשל?

— וואָלסט זען, ווי אַזוי זי האָט אים געקושט. נישט געשעמט זיך אַפילו פאַר מיר!

— געקושט אויך? טאַקע געקושט? מיטן מויל, האַ? אוי ווי איז מיר! נו, אימיצן דאַרף זי דאָך קושן! אָבער, — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן. — דאָס איז שוין איבער אַלע מאָסן! דאָס וועלן שוין ביי מיר מיינע שונאים נישט דערלעבן! זיי זיכער, מאַמע, איצט וועט זי שוין וויסן, אַז איך האָב נאָך אויך עפּעס צו זאָגן דאָ אין שטוב. איכל מאַכן אַ סוף צו אַלצדינגנ! זי וועט וויסן, אַז איך בין איר מאַן! — האָט ער זיך מיטאַמאָל צעשריגן הויך אויפן קול און איז אַריינגעלאָפן אינעווייניק מיט אַ געשריי:

— רייטשל!

אויף זיין געשריי האָט זיך אָפּגערופן אַ דין, קוויטשעדיק האַווקעריי פון אַ הינטל.

איז אָרע דערמאָלט ראַפּטום שטיין געבליבן און אין די אויגן ביי אים האָט זיך אָפּגעמאָלט אַ שרעק און אַ צעטומלטקייט, און אויף אַ רגע האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון. באַלד אָבער האָט ער זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן און גענומען צערייצט רופן:

— רייטשל! רייטשל, אַהערצו! קום!

דאָס הינטל האָט נאָך געבילט. רייטשל איז אַרויסגעלאָפן מיט דעם פּודעל אין אירע אָרעמס.

— וואָס איז? וואָסער בייזער פריץ רופט מיך מיט אַזאַ בייזן געשריי? — האָט זי רואיק געפרעגט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר צעטומלט.

— וואָסער הינטל האָסטו עס געבראַכט אין שטוב?

— אַ ברודער פון עטלס הינטעלע, אָרע.

— איך וויל נישט האָבן קיין הינטעלעך ביי מיר אין שטוב, רייטשל!

— איז בלויז דאָס אַליין, וואָס דו ווילסט נישט? דו ווילסט נישט און איך וויל!

— רייטשל, איך האָב דיר גענוג נאָכגעגעבן. איך שטיי זיך אויס גענוג פון דיר. מיר אַלע שטייען זיך אויס גענוג פון דיר. אָבער פון דעם הינטל וויל איך נישט אויסשטיין. טראָג עס אַוועק צוריק, ווו דו האָסט עס גענומען.

— זיי נישט קיין נאַר, אָרע. דיין עטל מעג האָבן אַ הינטעלע?

— עטלס מאַן איז אַ דאָקטאָר און דיין מאַן בין איך!

רייטשל האָט אַ לאַך געטאָן און זיך אָנגערופן שפּאָטיש:

— זאָג מיר נאָר, אָרע: פאַרוואָס קומט עפּעס עטלען סיי אַ מאַן אַ יונגער און סיי אַ שיין הינטעלע, און מיר קיין שיין הינטעלע אפילו אויך נישט?

— הער־אויף, הולטייקע, הער־אויף!

— אויף אַן אמת, אָרע, ווען דו וואָלסט געהאַט מער שכל, וואָלסטו גאָרנישט געדאַרפט עס איבעררעדן. אַלע האָבן דאָך הינטעלעך. איך בין דען די איינציקע, וואָס? היינט הלמאי זאָל־סטו אומזיסט רעדן און מיר זאָלן זיך קריגן? האָני בלייבט דאָ, צי דו ווילסט, צי נישט!

און זי האָט אָרען מיטאַמאָל אַ גלעט געטאָן מיט איר הענטל איבערן אַקסל און אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט איר גאַנצן חן און צוגעלייגט אַזוי ווייך, ווי זי האָט געקאָנט:

— אָרעלע, דו ווילסט דאָך, אַז איך זאָל האָבן פאַרגעניגן, ניין?

ער האָט געשוויגן.

זי האָט ווייטער גערעדט אין דעמזעלבן טאָן און מיט דעם־זעלבן חנדל אין איר שמייכל:

— דו ווילסט דאָך, אַז מיר זאָלן זיך נישט קריגן, ניין?

אָרע האָט ווייטער געשוויגן.

— אָרע, ווען דו וועסט זיך מיט מיר נישט קריגן, וועל

איך זיך מיט דיר נישט קריגן. ווען איך וועל זיין פון דיר צו־פרידן, וועסטו זיין פון מיר צופרידן, פארשטייסטו?

האט ער ערשט דעמאלט ארויסגעזיפצט:

— אוי וויי איז מיר, אוי וויי איז מיר, גיי טענה מיט איר!

און ער האט געזאגט העכער, הגם שוין נישט אין דעם פריער־דיקן רוגזהדיקן טאן:

— אבער פארשטיי דאך, רייטשל, די אלטע מאמע קאן נישט פארליידן א הונט אין שטוב. עס איז נישט קיין יידישע זאך. און איך אליין האב אויך פיינט א הונט. איך האב פשוט מורא פאר א הונט, דו ווייסט עס. איך האב דיר שוין אמאל געזאגט.

רייטשל האט זיך צעלאכט הויך אויפן קול און זיך אנגערופן:

— אודאי ווייס איך, אז דו האסט מורא פאר א הונט. אבער וואס בין איך שולדיק און וואס איז האני שולדיק?

זיי ביידע זענען דאן געווען אין פראנט־צימער. מיטאמאל איז אריינגעקומען די אלטע פרומע.

רייטשל האט איר דערזען, האט זי אנגעהויבן רעדן מיט מער שפאט:

— און אז האנילע זאל דיר אנטראגן פליי אין שטוב, דארפ־סטו אויך נישט מורא האבן: איך וועל אים יעדן טאג באדן און וואשן מיט טייערן זייף, מיטן ריכטיקן, מיטן שמעקעדיקן זייף! דו זעסט את די קרייזעלעך? ווייס ווי שניי. וועל איך זיי נאך מאכן ווייסער! און דא וועל איך אים אנטאן א סטענגע א רויטע...

די אלטע פרומע האט איר איבערגעשלאגן מיט כעס:

— דו וועסט קיין הינט נישט האלטן ביי אונז אין שטוב!

האט רייטשל איר אויף דעם געענטפערט, ווענדנדיק זיך צו איר הינטל:

— האנילע, הער נישט, וואס זי רעדט. דו וועסט בלייבן דא מיט מיר. סיידן איך וועל דא נישט בלייבן. און איצט, האנילע, טו מיר א בוסעלע מיט דיין פיסקעלע.

און זי האט צוגעטראגן דעם הינטעלעס פיסקל צו איר באק.

די אלטע פרומע האט פארבראכן די הענט און ארויסגע־מורמלט:

— אָרע, זע! געוואַלט, וואָס שווייגסטו?

ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און מען האָט געקאָנט זען, אַז ער האָט שטאַרק געליטן.

און מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט און אַרויסגעקרעכצט:

— נו, נו, איז וואָס־זשע? סיידן זיך גטן... קאָן איך דאָס, דאָ? קאָן איך דאָס? אָך, זאָל זיין, זאָל זיין! קום, מאַמע! קום, מאַמע! זאָל זי... זאָל זי... און דו, מאַמע, לאָז מיך אויך צורו! לאָז אָפּ מיין קאָפּ! מיין קאָפּ לאָזט אַלע צורו! — האָט ער זיך מיטאַמאָל צעשריגן און איז אַרויסגעלאָפן.

דאָס הינטל איז געבליבן אין הויז. אָרע האָט זיך איבערגע־בעטן מיט רייטשלען און זיין לעבן מיט איר איז געבליבן אַזוי ווי פריער, דאָס הייסט: אַ רגע גליק און שעהן־לאַנגע און טעג גאַנצע ליידן און יסורים. און נישט איינמאָל האָט ער מיט פאַר־צווייפלונג געטראַכט, אַז הלואי וואָלט ער קיינמאָל נישט רייך גע־וואָרן.

דער ווינטער איז אַוועק און דער פרילינג איז אָנגעקומען. און איינמאָל, אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח, האָט רייטשל געלאָזט וויסן אָרען, אַז זי פאָרט מאָרגן קיין אַטלאַנטיק סיטי.

— וואָס איז דיר מיטאַמאָל ווידער איינגעפאַלן אַטלאַנטיק סיטי?

האָט זי אים געענטפערט:

— ווייל דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסן אַהין פאָרן.

דער אַלטער תירוץ.

— דער דאָקטאָר? דו ביזט געוועזן ביים דאָקטאָר? וואָס שוין ווידער?

— וואָס איז דער חילוק, איך פאָר, — האָט זי אים געענט־פערט פאַרעקשנט.

און גראָד האָט אין צוויי טעג שפּעטער געזאָלט זיין דער חנוכּת־הבית פון דעם בית־המדרש, וואָס ער האָט אויפגעבויט, האָט ער צו איר געזאָגט:

— מילא, אַז דער דאָקטאָר הייסט דיר פאָרן אין אַטלאַנ־

טיק סיטי, פאַר. אָבער איך וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט פאָרן אין עטלעכע טעג אַרום, מחמת עס וועט זיין נישט שיין, אויב מען וועט דיך נישט זען אויף דעם חנוכּת־הבית פון דעם בית־המדרש, וואָס דיין מאַן האָט אויפגעבויט.

האָט זי זיך אָנגערופן:

— און אפשר וויל איך טאַקע דערפאַר אַוועקפאָרן?

ער האָט איר אָנגעקוקט מיט פארשטיקטן כּעס, מחמת ער האָט געפילט, אַז זי גרייט זיך דאָ אים אַ שטאָך צו טאָן. דער־נאָך האָט ער שטיל געפרעגט:

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... אפשר טאַקע דערפאַר וויל איך נישט בלייבן אינדערהיים, אַז דו זאָלסט מיר נישט קאָנען דרייען אַ קאָפּ, אַז איך זאָל גיין מיט דיר צו דעם חנוכּת־הבית? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? וואָס איז, דיר גלויבט זיך נישט, אַז אַזאַ יונג ווייבל ווי איך זאָל נישט וועלן גיין ערגעץ מיט אַזאַ פּאַרשוין ווי דו ביזט? — האָט זי גערעדט צערייצט.

האָט ער געקוקט אויף איר, געקוקט מיט אַ סך צער אין די אויגן און מיט אַ צעטומלטן שמייכל. נאָכדעם האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און ראַפּטום גענומען לויפן איבערן צימער (געווען איז דאָס אין פראָנט־צימער) אַהין און צוריק און גע־קרעכצט מיט אַ צעקרימטן פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט אַ וווּנד גע־קראַצט:

— אױ, געוואַלט, געוואַלט, געוואַלט!...

האָט זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט און זיך אַ קער געטאָן צו איר מיט אַ צעקרימט פּנים:

— מרשעת, איך וועל דאָך אַמאָל אַרויסגיין פון די כּלים! וואָס האָסטו צו מיר? פאַרוואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט מיר?

האָט זי אים אויף דעם געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— פאַרוואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל?

— האַ? זעסטו, דאָס ביזטו דווקא גערעכט, ווײ איז צו מיר! און ער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט איבער

די קני און גענומען ווידער שפרייזן איבערן צימער מיט שווערע טריט און גערעדט ווייטער:

— באשערט געווען אן אומגליק! און אפשר האט גאט מיך געוואלט באשטראפן אזוי שווער פאר מיינע זינד?

אבער אין א שעה אדער צוויי שפעטער, האט זיך רייטשל ווידער מיט אים איבערגעבעטן, אזוי ווי שטענדיק, און זי האט ביי אים ארויסגעשלעפט אזויפיל געלט, וויפל נאר זי האט געוואלט פאר אירע הוצאות אין אטלאנטיק סיטי, און אויף מארגן איז זי אוועקגעפארן.

אזוינע און ענלעכע סצענעס זענען פארגעקומען צווישן זיי יעדעס מאל, ווען רייטשל האט געוואלט עפעס אויספירן און ווען איר האט זיך אויסגעוויזן, אז ארע האט איר געוואלט שטערן. בכלל, ווען זי האט נישט געקאנט באהערשן איר עקל און האס צו אים...

ארע האט דערפון שטארק געליטן און נישט איינמאל האט ער געטראכט, אז דאס עשירות זיינע איז געווען א מוראדיקע קללה פאר אים. אז ער איז געווען אן ארעמאן, האט ער שווער און ביטער געארבעט אויף זיין חיונה, אמת, אבער ס'הארץ איז ביי אים געווען רואיק און דער קאפ איז ביי אים נישט געווען אזוי פארדרייט. ער האט געוווסט, אויף וואס פאר א וועלט ער איז געווען, און מער ייד איז ער געווען ווי היינט. היינט איז ער דאך איינגאנצן איינגעטונקט געווען אין עבירות, אין טומאה. נאר גע־טראכט וועגן איר און וועגן איר און רק וועגן בעט... אזוי ווי א קליפה וואלט אין אים געברענט און געשרפהט!... ער האט זי געדארפט אפגטן... גיי צום שווארץ יאר מיט האק און פאק, אז דיין דוך זאל ביי מיר אינם שטוב נישט זיין! דאס האט ער איר שוין לאנג געדארפט זאגן. קאן ער דאך נישט. דער מח קערט זיך דאך ביי אים איבער, ווען ער טוט אפילו א טראכט דערפון! אוי ווינד איז אים און ווי איז אים, ארען, וואס פאר א הולטאי ער איז געווארן! אמאל האט ער געזאגט א קאפיטל תהילים יעדן אינדערפרי, און היינט?...

— נישט גוט, נישט גוט! — האט ארע געפליסטערט, בעת ער האט געטראכט דערפון, איבערהויפט ביינאכט, ווען ער איז

געלעגן אליין אינם בעט און האט נישט געקאנט איינשלאפן.

פארגעסן האט ער וועגן דעם נאר ביי זיינע בנינים, וואס ער האט געבויט אין פארשידענע קווארטאלן אין איין צייט.

ארום אט די בנינים זיינע האט ער פארגעסן וועגן די היי־מישע צרות. א דאנק דעם, וואס ער האט ביז אהער אויפגעבויט הונדערטער בנינים, האט זיך ביי אים אנטוויקלט א באזונדערער אינטערעס צו דעם ענין בויען גופא. עס האט זיך ביי אים אויפ־געוועקט אן אמביציע, ווי ביי א סך אנדערע בראנזווילער יידן, צו פארבויען גאנצע קווארטאלן, און טאקע מיט בעסערע און שע־נערע הייזער. ער, אזוי ווי א סך אנדערע בראנזווילער יידן, האבן זיך מיטגעריסן מיטן עצם־ענין פון בויען אליין. זיי האבן נישט געטראכט בלויז פון דעם פראפיט, וואס דאס האט זיי געקאנט אריינברענגען...

ארום אט דער צייט איז בראנזוויל און איסט ניו־יארק שוין געווען פארבויט אויף מיילן און מיילן ווייט, אין דער לענג און אין דער ברייט. נייע געגנטן האבן זיך געעפנט ווייט פון דעם פריערדיקן בראנזוויל. די אייזנבאן־קאמפאניע האט אויסגעלייגט נייע וועגן, וואס האבן פארבונדן יענע געגנטן מיט ניו־יארק. וואגאנעס, אנ־געפאקטע מיט מענטשן, האבן זיך געטראגן פון דארט קיין ניו־יארק און פון ניו־יארק צוריק אהין. נייע טראמוויי־וועגן האבן זיך געעפנט צווישן די פארשידענע געגנטן אין בראנזוויל און פון בראנזוויל קיין ניו־יארק. מען האט געפלאנעוועט נייע באנקן, נייע טעאטער־בנינים. דער גרויסער בנין פון ליבאר־ליסעאום איז שוין געווען באלד פארענדיקט. א קאמפאניע האט זיך געקליבן צו שאפן אין קאנארסי אן אמיוזמענט־פלאץ, וואס זאל איבערשטייגן מיט זיינע אונטערהאלטונגען קוני־איילאנד, און וואס זאל הייסן „טהי גאלדען סיטי". פלאקאטן וועגן דעם זענען שוין אויסגע־קלעפט געווארן איבער גאנץ בראנזוויל און איסט ניו־יארק. אויך האט מען גערעדט, אז מען גייט בויען אין קאנארסי א נייעם האפן. א סך פון די בראנזווילער יידן האבן זיך דארט מחמת דעם אנגעקויפט „לאטס". אויך ארע האט דארט געהאט א 50 „לאטס" און זיין איידעם, דר. הודקין, האט אויך אריינגעלייגט דעם גרעסטן

טייל פון זיין פאַרמעגן אין דער צוקונפטיקער האָפן־שטאָט, אין דער „גאָלדענער שטאָט" — „דהי גאָלדען סיטי".

אין דער אייגענער צייט האָט זיך פון בראָנזוויל אָנגעהויבן אַ מין פעלקער־איבערוואַנדערונג. די נייע בראָנזווילער גבירים פון בראָנזוויל האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין שענערע געגנטן, אין טייערע הייזער.

אויפן בולוואַרד, וואָס מען האָט נישט געקאָנט מער דער־קענען, מחמת פון די פריערדיקע דאָרטיקע בערגלעך איז מער קיין סימן נישט פאַרבליבן, איז איצט אָפּגעקויפט געוואָרן איין הויז נאָכן אַנדערן און איז פאַרנומען געוואָרן פון אַ נייעם בראָנז־ווילער יידישן גביר.

די פרייזן אויף אָט די הייזער זענען געשטיגן, אָבער ווער האָט זיך גערעכנט דערמיט? און יעדער פון דידאָזיקע נייע יידי־שע גבירים האָט זיך געבויט אַ ניי הויז, כמעט אַ פּאַלאַץ, אַרום בולוואַרד, אויף פּרעזידענט־סטריט, אויף יוניאָן־סטריט, צי גאָר ערגעץ ווייט אַרונטער, אין פלעטבוש.

און עס האָבן זיך געצויגן וועגענער מיט די טייערסטע שטי־קער מעבל, מיט די פיינסטע טעפּיכער, מיט די בעסטע פּיאַנאָס צו דידאָזיקע יידישע הייזער־צו אויפן בולוואַרד, צי אויף פּרעזי־דענט־סטריט, צי אויף יוניאָן־סטריט, צי אין פלעטבוש.

נייע יידישע געגנטן האָבן זיך געעפנט, וואָס פון אַזעלכע האָט קיין בראָנזווילער ייד פריער נישט געחלומט...

ביי אָרען איז געוואָרן אַן אַמביציע צו בויען אַזעלכע שיינע הייזער ווי אין יענע געגנטן, און ער האָט זיי געבויט אין פאַר־שידענע טיילן פון בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק אין איין צייט. מחמת דעם איז ער שטענדיק געווען פאַרנומען און אָט אַרום די הייזער האָט ער געקאָנט פאַרגעסן זיינע היימישע צרות.

אָבער אַמאָל, ווען ער האָט געהאַוועט אַרום אָט די בנינים זיינע, האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן: וואָס האַוועט ער אַזוי? נו, געבויט שיינע הייזער, די שענסטע הייזער, — איז וואָס, נו? האָט ער דערפאַר מער הנאה פון זיין לעבן? איז די היים ביי אים דערפאַר נישט קיין גיהנום? פאַרצאַפּט אים נישט זיין ווייב דער־

פאַר קיין בלוט? וואָס דאַרף ער אַזויפיל פּראַצעווען, אַזויפיל האָ־רעווען, בויען, פאַר וועמען און פאַרוואָס, אַז זיין לעבן איז אים אַזוי נישט גיחאָ?!...

אַזעלכע געדאַנקען האָבן אים ס'רוב געפּייניקט נאָך די קרי־געריייען, וואָס ער האָט געהאַט מיט רייטשלען...

7

ווען אָרעס משפּחה האָט אָנגעהויבן אויסצוגעפינען וועגן רייטשלען און סעמקען...

איינמאָל אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, באַלד נאָך דעם חנוכּת־הבית פון אָרעס בית־המדרש (אַגב אין אָט דער צייט האָט אָרע זיך שוין געהאַט באַפרייט פון זיין פּרעזידענטשאַפט אין דער תּלמוד־תּורה), איז סעמקע געזעסן אינם עס־צימער ביי אָרען אינדערהיים מיט אַ סיגאַר אין מויל און די אַלטע פרומע האָט אַרומגעוווישט די שטיקער מעבל מיט אַ שמאַטע. האָט זיך פרומע אָנגערופן:

— דאַכט זיך, זי איז דאָ מיט צוויי דינסטן, און אַז איך אַליין זאָל נישט קוקן מיט מיינע אויגן, ווערט פון אַלצדינג אַ תּל. אוי, איז זי אַ קללה אין שטוב, מיסטער בלום!

סעמקע, אַ זומערדיקער, אָנגעטאָן אין ווייסן, האָט אַרויסגע־מורמלט פון אונטערן רויכערדיקן סיגאַר:

— אַזוי? אַ סקאַנדאַל!

— וואָס ווייסט איר, וויפל מיר שטייען זיך אויס פון איר. מיך רופט זי „אַלטע מכשפה" און אָרע האָט פון איר קאַלט און וואָרעם. דאָס הינטעלע איז ביי איר טויזנט מאָל טייערער, איידער איר מאַן!

— אי, אי, אי, אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנדאַל! אייער זון גיט איר צופיל נאָך. אַ ווייב איז ווי אַ ווילד פערד, מען מוז איבער איר

האַלטן די לייצעס, אַנישט שפּרינגט זי פון די האַלאַבליעס. איך קען די ווייבער!

פרומע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אמת, אמת, מיסטער בלום. זי שפּרינגט פון די האַלאַבליעס. טוט, וואָס זי וויל, און ער — גאָרנישט! וויפל איך צעטענה נישט מיט אים: „אָרע, וואָס לאָזטו איר אַזוי קריכן אויפן קאָפּ? אָרע, זי מאַכט דיך אומגליקלעך, וואָס לאָזטו איר אַזוי פּאַטשן מיטן געלט? וואָס דאַרף זי אַזויפיל קליידער, „בריליאַנטן", שמאַטעס, און דער שד ווייסט וואָס נאָך?" אָבער אָרע היינט, אָרע מאָרגן, ווי איז צו מיר! ער האָט איין ענטפער: „מאַמע, איך בעט דיך, מיש זיך נישט..." יאָ, מיסטער בלום, איר זאָגט, אַז אַ ווייב איז ווי אַ פערד, מען דאַרף האַלטן איבער איר די לייצעס; און איך זאָג אייך, אַז אַ מאַן איז נאָך ערגער ווי אַ פערד, אַז ער לאָזט זיך פירן פון אַזאַ קליפּה, ווי מיין שנור!

— אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנדאַל! — האָט סעמקע געדרייט דעם רויבערדיקן סיגאַר צווישן זיינע ליפּן פון איין מויל־ווינקל אין דעם אַנדערן.

רייטשל איז אַריינגעקומען. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי צום אַרויסגיין און אין די אָרעמס האָט זי געהאַלטן איר הינטעלע.

— העלאָ, מיסטער בלום!

סעמקע האָט זיך אויפגעהויבן.

— העלאָ, העלאָ!

פרומע איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט שטיל געזאָגט:

— איר זעט? אָן דעם הינטעלע טוט זי נישט קיין טריט!

— אַ סקאַנדאַל! אַ סקאַנדאַל! — האָט ער געענטפערט אונטער דער נאָז, — נו, מען דאַרף גיין.

— איר אַנטלויפט שוין? — האָט רייטשל זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך בין געקומען זען אייער מאַן וועגן ביזנעס. איך האָב אים געזוכט אַרום זיינע „בילדינגס", האָב איך אים דאָרט נישט געטראָפן. אַז ער איז נישטאָ, וועל איך גיין.

רייטשל האָט זיך צעשמייכלט:

— שוין אַזאַ מזל האָט איר, מיסטער בלום: ווען איר קומט,

טרעפט איר נישט מיין מאַן. איך וועל אַביסל אַרויספּאָרן מיט מיין בייבעלע, — האָט זי אַ גלעט געטאָן דאָס הינטל, — איך וועל אים געבן אַביסעלע פרישע לופט...

פרומע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט שנאה און זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— איר „בייבעלע"! טפוי, חצופה! — האָט זי אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער.

סעמקע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, דורך וועלכער פרומע איז אַרויסגעגאַנגען, און ער האָט אַ קוק געטאָן. נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקערט צו רייטשעלען און זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם:

— ווי שיין דו ביזט היינט אין אָט דעם העלן קאָסטיום! שנעלער אַ קוש! — האָט ער געזאָגט און געוואָלט זי אַ קוש טאָן.

זי האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך מיט די ווערטער:

— פּליז, פּליז, גיי, וווּ דו ביזט געווען די עטלעכע טעג!...

— ניין? דו ווילסט נישט?

— איך וויל זיך נישט לאָזן מער נאַרן פון דיר. וואָס האָסטו מיר געזאָגט אין אַטלאַנטיק־סיטי?

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— געדענקסט נישט, האַ? — האָט רייטשל צערייצט זיך אָנגערופן. — אָט דאָס איז דאָך די צרה, וואָס דו געדענקסט נישט, וואָס דו רעדסט. דו רעדסט און רעדסט אַזוי ווי אַ הונט וואָלט געבילן!

— העי, העי, מאַדאַם. דו רעדסט דאָך נישט מיט דיין מאַן. דו רעדסט מיט אַ דזשענטעלמאַן. אַזאַ שפּראַך וויל איך נישט ליידן! — האָט סעמקע זיך פּלומרשט באַליידיקט.

— לייד נישט, אויב דו ווילסט נישט ליידן!

און זי האָט צוגעלייגט שוין אין אַ ווייכערן טאָן:

— מיר צוגעזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר קומען קיין ניו־יאָרק, וועט ער זיכער זען צו טאָן עפּעס וועגן דעם גט מיטן ווייב און צום סוף, עטלעכע טעג זיך אַפילו נישט געוויזן פאַר מיר, אַוועק, נעלם געוואָרן!...

— איך בין געווען שטארק פארנומען, רייטשל.

— איך גלויב דיר שוין נישט מער. האלסט זיך אין איין גטן מיט דיין ווייב די גאנצע צייט און עס איז נאך אפילו קיין אנ־הויב נישטא. גענוג! אדער איך, אדער דיין פאצעצע!

— רעד נישט קיין נארישקייטן, רייטשל.

זי האט זיך אנגערופן נערוועז, אויפגערעגט, און דאס פנים ביי איר האט בשעת־מעשה געפלאמט:

— וואס טוסטו מיט מיר? וואס מאכסטו פון מיר? איך וויל נישט זיין דאס, וואס דו מאכסט פון מיר! אן אנדערש מאל פיל איך, אז איך וואלט אויסגעקראצט די אויגן סיי דיר און סיי זיך אליין, למאי איך האב זיך געלאזט אזוי דעם קאפ פארדרייען!

סעמקע האט געקוקט אויף איר און געקוקט מיט א שפאטישן שמייכל. נאכדעם האט ער געזאגט גאנץ רואיק און געלאסן:

— שא, קאך זיך נישט אזוי. איך האב דיר געזאגט, אז איך בין נישט דיין מאן. דו ווילסט נישט? דארף מען נישט! גוד־ביי!

און ער האט זיך געלאזט גיין צו דער טיר, האט זיך אפגע־שטעלט און זיך צוריקגעקערט:

— איך ליב דיך. איך ליב דיך משוגע. אבער איך וואלט נישט געוועז קיין מאן, און קיין דזשענטעלמאן אודאי נישט, ווען איך זאל מיט געוואלט ארויפצווינגען מיין ליבע אויף דיר, גוד־ביי!

און ער איז ווידער אוועק צו דער טיר און זיך ווידער אומ־געקערט.

— איר האט דאך שוין געזאגט צוויי מאל „גוד־ביי", פארוואס האט איר זיך צוריקגעקערט?

— „איר?" שוין גאר „איר?" — האט סעמקע געפרעגט.

— יא, „איר". אדער „דו" איננאנצן, אז נישט איז „איר", און א סוף!...

אבער סעמקע האט זיך נישט איבערגעשראקן. ער האט זיך אנגערופן ווידער אין זיין געלאסענעם טאן:

— טרעפן מיר זיך מארגן דארט?

— הערט אויף!

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און גערעדט ווייטער:

— דעם אַדרעס ווייסטו. דאָרט, ווו דו ביזט געווען דעם לעצטן מאָל, איידער מיר זענען געפאָרן קיין אַטלאַנטיק־סיטי...

— הערט אויף! — האָט זי שטאַרקער אַ געשריי געטאָן.

— שריי נישט, וואָס דאַרפסטו זיך נאַריש מאַכן, דו וועסט דאָך קומען!

— ניין!

ער האָט אַ לאַך געטאָן.

— און איך זאָג, אַז דו וועסט קומען!... כמעט יעדעס מאָל הער איך פון דיר דעם „ניין"... ניין און ניין, און צום סוף יאָ!...

— ווייל דו האָסט מיך משוגע געמאַכט!...

— ווייל דו האָסט מיך ליב, — האָט ער אונטערגעכאַפּט איר אין טאָן, — ווייל איך מאַך דיר גליקלעך.

— מער אומגליקלעך... דו ווייסט נישט, ווי איך פיל נאָכדעם, ווען איך בלייב אַליין מיט זיך... ווי איך האָב דערנאָך זיך פיינט, למאַי איך האָב דיך ליב... ווי איך האָב מיין מאַן פיינט, למאַי ער איז רייך געוואָרן... איך וואָלט געוואָלט דעמאָלט אַנטלויפן, אין דר'ערד זיך באַגראָבן... סעם, מאַך אַ סוף, האָב רחמנות!...

ער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל און געזאָגט:

— נאָר נישט אַזוי פאַרצווייפלט... איך האָב שוין געמאַכט אַ סוף אין מיין הארצן שוין לאַנג, דו ווייסט עס. און איך גיב דיר נאָכאַמאָל מיין וואָרט פון אַן ערן־מאַן און פון אַ דזשענטעלמאַן, אַז גאָר אינגיכן וועל איך מאַכן דעם ריכטיקן סוף. איך דאַרף נאָר פאַרקויפן די הייזער, וואָס איך האָב מיט אירע ברידער אין שותפות. פאַרשטייסט דאָך אַליין, רייטשל, דאָס איז אַ פראַגע פון אַ פינף־און־זיבעציק—אַכציק טויזנט דאָלאַר! ווען זיי זאָלן זיך אָנשטויסן, אַז צווישן מיר און דיר איז עפּעס, זענען זיי דריי און איך בין איינער... פאַרשטייסטו דאָך, וואָס דאָס קאָן מיך קאָסטן!...

און ער האָט אַרויסגענומען דאָס הינטל ביי איר פון די הענט און עס אַרונטערגעלאָזט אויף דר'ערד. נאָכדעם האָט ער זי צוגעצויגן צו זיך און גערעדט ווייטער:

— איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב, רייטשל. גלויב מיר נאָך אַ קורצע צייט און דו וועסט זען. ווילסטו מיר גלייבן? ווייז, אַז דו גלויבסט מיר. טו מיר אַ קוש!

רייטשל האָט זיך פּלוצים אַ וואָרף געטאָן צו אים אויפן האַלז און אים ליידנשאַפטלעך געקושט.

— אָבער געדענק, סעם, אַ קורצע צייט...

— זיכער, זיכער... וועסטו קומען?...

— יאָ... איך מוז... ס'איז שטאַרקער פון מיר...

— דאָס איז די ליבע! — האָט סעמקע אויסגעשריגן, און גענומען מיטאַמאָל רעדן רוסיש. — ליובאָוו נעבעסנאַיאַ, מאָי אַנ־געל!... דו געדענקסט מיין ליד, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר דיר געשריבן? אין יענעם ליד האָב איך אַלצדינג אויסגעדריקט, דו גע־דענקסט? „רייטשל, רייטשל, יאַ סטראַדאַיו, ליובליו טאַק פּלאַ־מענאָ טעביאַ. אי דיען אי נאָטש פּאָווטאָראַיו: ליובליו טעביאַ, ליובליו טעביאַ!'' דאָס איז די ליבע, רייטשל!

— דאָס איז די קליפּה, די משוגעת, די אויסגעלאַסנקייט. איך קאָן מיר אָבער נישט העלפן! — האָט זי געפּליסטערט.

פּלוצים האָט סעמקע זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַי, איך האָב גאָר פאַרגעסן! די ליבע מאַכט מיך אומ־גליקלעך!

— וואָס איז דער מער? — האָט רייטשל געפרעגט, און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און דער ווייסער פּודעל האָט זיך אַוועק־געלייגט ביי איר צו די פיס.

סעמקע האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט קעגן איר און געענטפערט:

— אַ „מאָרגעדזש'' דאַרף איך דעקן מאָרגן אין דער באַנק, נישט קיין סך געלט, אַ קלייניקייט. אינגאַנצן פינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, בין איך איצט אַביסל פאַרענגט, און די באַנקן זענען מיטאַמאָל געוואָרן איצט אַזוי שטרענג מיט די „מאָרגע־דזשעס''. הער נאָר, וויפל קאָנסטו מיר לייהען? נאָר אויף אַ פּאָר טעג.

— א שיינע זאַך. דו האָסט דאָך נישט לאַנג בײַ מיר גע־ליהען צען טויזנט דאָלאַר.

— דאָס איז אויך געלט בײַ דיר, רייטשל?

— און בײַ דיר, סעם, איז דאָס נישט קיין געלט?

— בײַ מיר איז דאָס אַ שפּײַ! ווייניקער פון אַ מיליאָנטשיקל איז בײַ מיר נישט קיין געלט. יאָ, רייטשל, איך מיין, וואָס איך זאָג. וויפל מיינסטו, וועל איך ווערט זײַן צום סוף פון אָט דעם יאָר? פאַר אַכט הונדערט טויזנט וועל איך דיך נישט אָפּגעבן. אַפילו פאַר ניין הונדערט טויזנט אויך נישט. פאַר אַ מיליאָנ־טשיקל אפשר.... יאָ, יאָ...

— אַזויפיל געלט זענען ווערט דײַנע הײַזער?

— דערוויַיל. איבעראַיאָר וועלן זיי ווערט זײַן צוויי מאָל אַזויפיל. דאָס איז אַזוי זיכער, ווי איך בין סעם און דו רייטשל. אַלזאָ, קאָנסטו מיר ליַיהען אַ צוואַנציק טויזנט דאָלאַר?

— לאָך נישט פון מיר, איך בעט דיך. ווו האָב איך אַזויפיל געלט? דו ווייסט דאָך, אַז מיין געלט איז אויך פאַרטאָן אין „ריעל עסטייט".

— נעם בײַ דיין מאַן, רייטשל.

— דו ביזט משוגע, סעם, יענץ געלט פאַר דיר האָב איך דאָך אויך בײַ אים גענומען. האָסט פאַרגעסן? ער מיינט, אַז איך האָב דאָס געלט אין באַנק אויף מיין נאָמען. ווען ער זאָל זיך דערוויסן...

— וועט ער זיך מיט דיר גטן? דערפאַר האָסטו מורא? רייטשל, ענגעל מיינער, זיי אַ גוטינקע, און גלויב מיר, ווען איך זאָל נישט האָבן אינם זינען דיך, און נאָר דיך, וואָלט איך גע־האַט ווו צו לײַהען דאָס געלט.

— נו, פאַרוואָס לײַהסטו נישט? — האָט רייטשל געפרעגט.
סעמקע האָט געענטפערט:

— בײַ מיין ווײַב? בײַ איר קאָן איך לײַהען. זי וועט מיר לײַהען. דאַרף איך אָבער דאָס טאָן? קאָן איך דאָס טאָן? ווען איך טראַכט, אַז אָט באַלד־באַלד וועל איך זיך פון איר אינגאַנצן באַ־פרײַען? דאַרף איך דאָס טאָן, ווי דענקסטו?

רייטשל האָט געשוויגן.

סעמקע האָט גערעדט ווייטער:

— איך קאָן דאָס נישט, רייטשל, איך קאָן דאָס נישט. אַזוי פאַלש קאָן איך נישט זיין.

— איך קאָן דיר לייהען נאָר פינף טויזנט דאָלאַר, — האָט רייטשל זיך אָנגערופן נאָך אַ קורצן שווייגן, — מער האָב איך נישט.

— און נאָך צען טאַטש נעם ביי דיין מאַן.

— איך ווייס נישט. איך וועל זען...

— דו וויל נאָר, ווע‌סטו שוין ביי אים אַרויסקריגן. איך דאַנק דיר, רייטשל. איך בין זיכער, אַז דו וועסט עס טאָן פאַר מיר. דו ווילסט אַ „נאָוט"?

— אודאי וועל איך וועלן האָבן פון דיר אַ „נאָוט", כאָטש אין דעם זיין פּראַקטיש. שפּעטער, אַז דו וועסט אָפּגטן דיין ווייב, וועל איך דיר צוריקגעבן ביידע „נאָוטס". און איצט וועל איך צופאָרן צו דער באַנק. אפשר איז מיינער דאָרט, מחמת ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דאַרף היינט זיין דאָרט.

און זי האָט אויפגעהויבן דעם פודעל פון דר'ערד.

— דאָס הינטל שלעפּסטו אויך מיט, רייטשל? — האָט סעמ־קע געפרעגט.

— איך האָב עס מורא איבערצולאָזן אין הויז. די אַלטע מכשפה קאָן עס נאָך פאַרסמען. האַני, — האָט זי צערטלעך אַ גלעט געטאָן דאָס הינטל איבערן קעפּל, — אַ סך מאָל ראַטעוועט ער מיך.

— וואָס מיינסטו?

— וואָס איך מיין. גאַנץ פשוט: מיינער האָט מורא פאַר אַ הונט ווי פאַרן מלאך־המות. איז אַמאָל, ווען ער וויל צוגיין צו מיר, כאַפּ איך ס'הינטל אויף די הענט און סטאָפּ! — מיי־נער גייט שוין נישט צו...

סעמקע האָט זיך צעלאַכט.

— דו לאַכסט, האַ? אַ קלאָג צו אַזאַ געלעכטער! — האָט רייטשל געזאָגט, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. — שאַ, די אַל־

טע מכשפה קומט. אוי, האָב איך זי פיינט. זי קוקט מיר נאָך יעדן טריט און שריט!

פרומע איז אַריינגעקומען, און תּיכּף האָט סעמקע געענדערט זיין טאָן. ער האָט זיך אָנגערופן צו רייטשלען:

— קורץ, מאַדאַם, איר מעגט אויף מיר ברוגז זיין. איך אָבער האָב ליב צו זאָגן דעם אמת. אַ פרוי דאַרף היטן איר באַלעבאַ־טישקייט. גוד־ביי! זאָגט אייער מאַן, אַז איך בין דאָ געווען.

און ער איז האַסטיק אַרויסגעגאַנגען.

האָט זיך פרומע אַ קער געטאָן צו רייטשלען און זיך אָנגערופן:

— האָסט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, האַ? יעדער לייטישער מענטש וועט דאָס דיר זאָגן.

האָט רייטשל איר אויף דעם געענטפערט צערייצט:

— איך פרעג ביי אייך נישט. און רעדט צו מיר וואָס ווייניקער. קום, האַני, מיר וועלן זיך אַביסל דורכפאָרן אויף דער פרישער לופט. דו האָסט דאָך עס ליב.

און זי האָט צוגעדריקט דאָס הינטעלע צום בוזעם און זיך גע־לאָזט גיין צו דער טיר.

פרומע האָט איר נאָכגעקוקט מיט די אויגן און געמורמלט:

— דו זאָלסט שוין נישט קומען צוריק!

באַלד נאָכדעם איז פיניע אַריינגעקומען.

— העלאָ, באָבע! — האָט ער געזאָגט. — אַ גרוס אייך פון דעם שווער.

— ווו האָסטו אים געזען?

— ער איז אַוועקגעפאָרן מיט מיין בעניִלען צו וואַנאַמייקערן. ער איז געפאָרן אים קויפן אַ גאַרניטורל, ווייל ער האָט געענ־דיקט פּאָבליק סקול מיט אַזעלכע אויסצייכענונגען!

— דיין שווער גיט אויף דיר אוים געלט און, נעבעך, וואָסער דאַנק קריגט ער פון אייך אַלעמען?

— פון מיין בענין, שוויגער, וועט ער האָבן נחת. ער וועט זיין אַ פּראָפעסאָר, מיין בעני. וווּהין איז עפעס געפאָרן די מאַדאַם

יצר־הרע מיט איר קדיש? זי האָט מיך געהייסן וואַרטן אויף איר. זי וועט באַלד זיין צוריק, האָט זי געזאָגט.

— וואָס איז? וואָס דאַרף זי דיך? עפּעס נייע מציאות?

— איך דאַרף איר, באָבע, נישט זי מיך. איך בין געקומען אויפמאָנען ביי איר אַ חוב פאַר די פּאָר וואַזעס, וואָס איך האָב פאַר איר געקויפט אין אָוקשען.

— זאָלן דיר די אויגן אַרויס, פּיניע.

— וואָס האָט איר צו מיינע אויגן, באָבע? — האָט פּיניע גוטמוטיק געפרעגט.

— ווען דו וואָלסט פאַר איר נישט געזוכט...

— וואָלטן אַנדערע פאַר איר געזוכט, — האָט פּיניע איר איבערגעשלאָגן מיט אַ ביטערן שמייכל.

— נאָר דו געפינסט־אויס פאַר איר אָט די אַלע מציאות: די אַלטע טעפּ מיט די אַנדערע שמאַטעס.

— אָ, באָבעניו לעבן, זאָלט איר מיר געזונט זיין, — האָט פּיניע אַ לאַך געטאָן, — בין איך שולדיק, אַז זי האָט געקריגן אַן אַריסטאָקראַטישן יצר־הרע און וויל קויפן אָט די אַלע אַנטיקלעך?

— אָ, שווייג, שווייג, הולטאַי דו! דו מיינסט, איך פאַרשטיי נישט? וויפל הונדערטער האָסטו ביי איר פאַרדינט, האַ?

— נו, און אַז אַ פרעמדער וואָלט ביי איר פאַרדינט, וואָלט מער מצוה געווען, האַ? מיטן שווערס געלט, באָבע, בין איך מער מחותן ווי אַ פרעמדער.

פרומע איז בייז געוואָרן און האָט זיך אָנגערופן:

— האָט דער שווער דיר ווייניק געלט געגעבן, בלוט־זויגער, דו?

האָט פּיניע דעמאָלט געזאָגט שוין מיט אַן ערנסטער מינע:

— הערט אויס, באָבע! איר קאָנט דאָך מיך. איר ווייסט דאָך, אַז בטבע האָב איך זיך פיינט צו מישן אין פרעמדע עסקים, און אין זייער עסק, דאָס הייסט אין דעם שווערס און אין דער מאַדאַם יצר־הרעס, האָב איך זיך אודאי און אודאי געהיט צו מישן. מער אָבער קאָן איך נישט שווייגן. קומט אַריין מיט מיר

אהין, באָבע, — האָט ער אַ מאַך געטאָן צו איר מיטן קאָפּ און איז אוועק אין ביבליאָטעק־צימער, און פרומע נאָך אים.

דאָרט האָט ער זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און איר אוועק־געזעצט אויף אַ שטול מיט די ווערטער:

— זיצט, באָבע! איך וויל מיט אייך ערנסט אַ שמועס טאָן וועגן דעם שווער און זיין מאַדאַם יצר־הרע. באָבע, סעמקע בלום קומט עפּעס אָפט אַריין אַהער?

— אודאי. ער איז ערשט נישט לאַנג דאָ געוועזן. ער האָט געפרעגט אויף דיין שווער.

— אויפן שוועער האָט ער געפרעגט, האַ? אויפן שוועער? פרעגט ער אַלעמאָל אויפן שוועער, ווען ער קומט אַהער? און אויף רייטשלען פרעגט ער קיינמאָל נישט?

— וואָס זאָל ער עפּעס פרעגן אויף איר? ער האָט איר היינט אויסגערעדט, פאַרוואָס זי איז אַזאַ הולטאַיקע.

— אַזוי? ער האָט אויסגערעדט איר? דער אָדעסער זשוליק!...

— פיניע, פאַרוואָס ביזטו אַזוי אין כעס אויף אים?

— פאַרוואָס? מחמת היינט האָב איך עפּעס געהערט... אָבער, — האָט פיניע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — דערווייל קאָן איך נאָך דערפון נישט רעדן. מען דאַרף אַפריער גוט אויספאָרשן, אויס־געפינען, אויב דאָס איז טאַקע אמת, און נאָכדעם ערשט רעדן...

— וואָס רעדן, פיניע? דו האָסט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגן?

— האָב איך זיך אָבער געכאַפּט, אַז ביז וואָס־ווען דאַרף זיין שאַ!...

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— עס איז גאָרנישט, באָבע, איך האָב נאָר אַזוי געמאַכט שפּאַס!

פרומע האָט זיך אָנגערופן:

— שפּאַסט, האַ? און ביי מיר און ביי דיין שוועער... אוי ווייז איז מיר! — האָט זי אַ זיפץ געטאָן און גערעדט ווייטער: — פיניע, דו ביזט דאָך עפּעס אַ למדן אַ ייד, אַ מענטש מיט אַ שאַרפן

קאָפּ, גיב אַן עצה: ווי אַזוי ראַטעוועט מען דיין שווער? זי מאַכט דאָך אים אומגליקלעך!...

פיניע האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען און געענטפערט:

— איך קאָנט נישט העלפן, באָבעניו. דער פּישוף פון דער סטרא־אחרא, — דאָס מיינט, באָבעניו, אויף לשון קבלה: „די רייץ פון זינד", פון דעם יצר־הרע הייסט עס, האָט דאָ אין שטוב מער שליטה, ווי איר. איך האָב מורא, באָבעניו, אַז דער פּסוק פון קהלת: „עושר שמור לבעליו לרעתו" — עס הייסט, אַז מענטשן איז געגעבן געוואָרן עשירות פאַר זייער אייגענער רעה וועגן, דאַרף מען טייטשן אַזוי: „רבי אָרע, דו דאַרפסט נאָך האָבן צרות, האָט גאָט אַרונטערגעשיקט אַ „ריעל־עסטייט־בום" אויף דיין קאָפּ און דיך פאַר אַן עושר געמאַכט.

— טאָ וואָס איז דיין עצה, פיניע?

— וואָס פאַר אַן עצה קאָן מען געבן, ווען דער שווער איז אַזוי פאַרכישופט פון איר?

— אוי וויי איז מיר, ס'אַרא אומגליק! ווי קאָן ער גאָר אויף איר קוקן, אויף אַזאַ מרשעת?

— אויף דעם ענטפערט טאַקע די גמרא: „אשה כלי מלא צואה ופיה מלא דם והכל רצין אחריה", וואָס דער טייטש דער־פון איז אַזוי: די פרוי איז אַן אומריינע כלי, איר פּיסקעלע איז פול מיט בלוטיקע קללות און דאָך, ווייל דער יצר־הרע, רחמנא־לצלן, האָט אַזאַ שליטה אויף מענטשן, לויפן אַלע נאָך איר נאָך, אפילו אַלטע, פרומע יידן אויך...

די אַלטע פרומע האָט מיט אים מספּים געווען:

— אמת, אמת, די גמרא איז גערעכט, וויי איז צו מיר; אָבער ווי העלפט מען זיך פאַרט, פיניע?

— איר ווילט הערן מיין ערלעכע עצה, באָבע? — האָט פיניע אַ זאָג געטאָן.

— נו?

— פאַרזאָרגט זיך אויך מיט אַ קניפּל, באָבע. באָבע, כאַפּט, וואָס איר קאָנט, אַנישט וועט די בחורטע אַלצדינג פאַרכאַפּן!

פרומע האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַנגעצונדענע און זי האָט זיך צעשריגן אויף פּיניען:

— הולטאַי דו, וואָס רעדסטו? וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעזעצט אויף אָרעון? איך וועל נישט לאָזן, אַז מען זאָל אים אומגליקלעך מאַכן. מיט אַלע מיינע אַלטע כּחות וועל איך זיך ראַנגלען פאַר אים! גזלנים, הורגי נפשות, מיר הייסט ער אויך כאַפּן! פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן, פאַרכאַפּט, פאַרשרפהט, פאַרבּרענט. פוי צו אייערע קעפּ! — האָט זי אַ שפּיי געטאָן, און זי איז מיט איר איינגעהויקערטן, שפּיציקן גוף און מיט דראָבנע טריט אַרויסגעלאָפן פון דעם ביבליאָטעק־צימער.

פּיניע האָט אַרויסגעמורמלט מיט אַ שמייכל:

„אָט דאָס הייסט, אַז מ׳איז אַמאָל אָפּנהאַרציק מיט מענטשן. מילא, מיין דאגה! וואָס הערט זיך דאָרט ביי מיין שוועסטער אין די ביכער־שראַנקען?" — איז ער צוגעגאַנגען צו די ביכער־שאַפעס און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּאָר ביכער.

פּלוצים האָט פּיניע דערהערט דאָס קול פון זיין ווייבּ שרהקע. זי האָט דאָרט עפּעס גערעדט מיט אימיצן. באַלד איז זי אַריינגעקומען אַן אויסגעפּוצטע אין אַ העל קלייד מיט אַ שטרויענעם הוט אויף אַ זייט קאָפּ, גאָר אַ נייע שרהקע...

— איך לויף ווי אַ פאַרסמטע מויז, — האָט זי געזאָגט, — קום, פּיניע, מען דאַרף דיך האָבן אינדערהיים.

— ווער?

— אונזער דאָקטאָר. ער וויל מיט דיר איבּעררעדן וועגן דעם טאַטנס ענין. דו ווייסט, וואָס ער זאָגט? אויב מיר זאָלן נישט זען טאָן עפּעס, און טאַקע באַלד, וועט סעמקע בּלום, אָט דער אָדעסער זשוליק, מיט איר, דעם טאַטן אינגאַנצן אַרומנעמען... און דו ווייסט, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט נאָך? אַז איידער דער טאַטע האָט מיט איר חתונה געהאַט, האָט זי שוין געהאַט צו טאָן מיט יענעם. סעמקע בּלום אַליין האָט דאָס אים געזאָגט.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך פּיניע אַ כאַפּ געטאָן. — היינט פאַרוואָס האָט ער ביז אַהער געשוויגן?

— איך האָב דאָס ביי אים אויך געפרעגט, און טאָל האָט

דאָס אויך געפרעגט. ענטפערט ער, אַז אַזוי ווי ער האָט סעמקע בלום פאַר אַ בלאָפער, פאַר אַ באַרימער, האָט ער אים נישט גע־גלויבט; אָבער איצט זעט ער, אַז ער האָט אים געדאַרפט גלויבן. אָבער קום, דו וועסט מיט אים אַליין רעדן...

— איך קאָן איצט נישט אַוועקגיין. איך וואַרט אויף מאַ־דאָם יצר־הרע. איך וויל ביי איר איינמאָנען פאַר די וואַזעס און, אַ חוץ דעם, האָב איך אַ קונה אויף איינס פון אירע הייזער.

— איז וואָס, פיניע, זאָל איך זאָגן אונזער דאָקטאָר?

— זאָג אים, אַז איך וועל זיין ביי אים אינדערהיים. נאַ, נעם מיט זיך די ביכער און גיי!

— ווידער ביכער? דו האָסט דאָך שוין נישט ווו זיי צו לייגן.

— דאָס קלייב איך פאַר אונזער בעניליען. ריכטיקע ביכער פאַר אים. דאָ, נעבעך, שטייען זיי פאַריתומט, אַפילו אויסצולופ־טערן זיי איז דאָ נישטאָ ווער. ביי אונז וועט זיי לייענען אונזער בעניליע און איך אַליין וועל אויך אין זיי אַמאָל כאַפּן אַ קוק...

— מילאַ, גיב אַהער, -- האָט שרהקע גענומען ביי אים פון די הענט די ביכער, — מיר וועלן מוזן קויפן אַ נייע ביכער־שאַפע. מיטאַמאָל איז פרומע ווידער אַריינגעקומען.

— אַ גוט מאָרגן אייך, באָבעניו, — האָט שרהקע געזאָגט.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר דיר, שרהקע, וואָס פאַר אַ בי־כער שלעפסטו?

פיניע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דאָס איז פאַר בעניליען, ער דאַרף זיי נויטיק האָבן.

— נעמסט גאָר אַליין? כאַפּסט, האָ? — האָט פרומע אַ ריס געטאָן די ביכער ביי שרהקען פון די הענט. — איר וועט נישט כאַפּן. כל־זמן מיינע אַלטע אויגן זעען, וועט איר נישט כאַפּן!

און די אַלטע פרומע האָט די ביכער צוריק אַוועקגעשטעלט אין דער שאַפע.

פיניע האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס הייסט, איך כאַפּ? דער שווער האָט מיר בפירוש

געזאָגט, אַז ווען איך וועל דאַרפן אַ בוך פּאַר בעגילען, זאָל איך קומען און נעמען.

— דו האָסט דאָך שוין מער ווי אַ העלפט ביכער צעשלעפּט, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— וואָס קאָן איך העלפן, באָבע, אַז איר האָט אַן אור־איינקל אַזאַ מתמיד, — האָט פּיניע געענטפערט.

שרהקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מילא, זאָל זיין אָן די ביכער. אַ גוטן טאָג אייך, באָבע. און זי איז אַוועק.

8

שלעכטע סימנים

אין דער אייגענער צייט איז רייטשל צוגעפאָרן אין איר אויטאָמאָביל צו דעם הויז, וווּ איר שוועסטער האָט איצט געוווינט, אויף סעינט מאַרקס־עוועניו, און זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. זי האָט געוואָלט ביי דער שוועסטער איבערלאָזן איר הינטעלע. זי האָט דאָס שטענדיק געטאָן, ווען זי האָט ערגעץ געדאַרפט גיין אָדער פאָרן.

ביי דער שוועסטער אין הויז האָט זי אויך געטראָפן איר שוואָגער משה־בערן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי אָרען אַלס אויפּפּאַסער איבער עטלעכע גרויסע הייזער. (אַגב, האָט דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט, אַ בנין פון עטלעכע שטאָק, אויך באַלאַנגט צו אָרען).

אַז איר שוואָגער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אָ, רייטשל איז דאָ. זי וועט מיר זאָגן, ווו איר מאַן איז. איז אפשר דיין מאַן אינדערהיים, רייטשל?

— ניין, וואָס איז?

— איך בין אַרומגעלאָפן אים זוכן אומעטום און איך האָב אים נישט געקאָנט געפינען.

— ער דאַרף באַלד זיין אין באַנק אויף פּיטקין עוועניו, האָט ער מיר געזאָגט. וואָס איז, וואָס דאַרפסט איר אים? — האָט רייטשל געפרעגט.

— איך וויל אים זאָגן, אַז ער זאָל עפּעס טאָן. די שכנים האָבן אויפגעהערט צו צאָלן דירה־געלט און אַנדערע האָבן זיך איינגעפּאַנצט אַרויסגעקליבן און איבערגעלאָזן די רומס. איך ווייס נישט, וואָס איך הויב אָן צו טאָן.

רייטשל האָט געענטפערט:

— וואָס איז דאָ צו וויסן? די שכנים, וואָס צאָלן נישט, דאַרף מען נישט לאָזן זיצן אין די רומס און פאַר די רומס, וואָס זענען ליידיק, דאַרף מען קריגן שכנים. עס איז, דאַכט זיך, אַ פּשוטע זאַך.

— ס'איז גאָרנישט אַזוי פּשוט, ווי דו מיינסט, רייטשל. דער עולם הערט אויף צו צאָלן דירה־געלט און אַ סך הייזער שטייען ליידיק. אומעטום שטייען ליידיקע הייזער. פרעג מיך. דער עולם פאַרדינט שוין נישט אַזויפיל ווי פריער. ערגערע צייטן...

— ערגערע צייטן? לאַכט זיך אויס דערפון! פאַראיאָרן האָט מען אויך גערעדט, אַז עס קומען ערגערע צייטן, און אַזעלכע צייטן הלואי ווייטער!... אין די בעסטע צייטן זענען דאָ שכנים, וואָס פוילן זיך צו צאָלן דירה־געלט, און מענטשן, וואָס פאַרדינען ווייניקער און מער, און אפילו גאָרנישט, און הייזער שטייען ליידיק, און מען קלייבט זיך אריין און אַרויס. ווייס איך וואָס! עס איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן!...

רייטשלס שוועסטער האָט זיך אַריינגעמישט:

— פונדעסטוועגן רעכן איך, אַז דיין מאַן האָט געדאַרפט עפּעס טאָן וועגן דעם. וואָרום סוף־כל־סוף וועט דאָך מיינער זיין שולדיק, וואָס מען צאָלט נישט קיין דירה־געלט און וואָס מען קלייבט זיך אַרויס פון די רומס...

— און איבערהויפּט האָט דיין מאַן געדאַרפט זיין אַ ביסעלע שטרענגער צו די שכנים, — האָט זיך דער שוואָגער ווידער אָנגערופן, — זיי האָבן געדאַרפט וויסן, אַז אָן דירה־געלט קאָן מען נישט בלייבן וווינען אין די רומס. מיט אים איז אָבער די צרה,

וואָס ווען מען זאָגט אים, אַז דער אָדער יענער שכן צאָלט נישט קיין דירה־געלט, ענטפערט ער, טאָמער האָט יענער נישט און דערפאַר צאָלט ער נישט? דו, רייטשל, האָסט געדאַרפט אַריינגע־מען אין די הענט דיין מאַנס באַלעבאַטישקייט, וואָלט דע־מאָלט מער תכלית געווען.

רייטשל האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן:

— אַריינגענעמען אין די הענט מיין מאַנס באַלעבאַטישקייט? איין קליניקייט. עס נעמט זיך אַזוי גרינג אַריין! — האָט זי גע־זאָגט. — דאָס, וואָס איך האָב ביי אים אַרויסגעריסן, איז מיר אויך אָנגעקומען גאָרנישט אַזוי גרינג, ווי איר מיינט. געדאַרפט באַנוצן געניג שכל, גענוג טאַקט. עס גיבן דאָך אַכטונג אַזויפיל אויגן, זאָלן זיי דאָרט אַרויסקריכן!...

און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרהאַוועט:

— איך האָב אָבער קיין צייט נישט צו רעדן איצט דער־פון. מען וועט נאָך די באַנק באַלד צומאַכן. איך דאַרף דאָרט זיין, און איך רעכן, אַז אָרען וועל איך דאָרט אויך זען, וועל איך אים איבערגעבן, אַז איר ווילט אים זען. גיב דאָ אַכטונג אויף האַנין,— האָט רייטשל אַריינגעשפּאַרט דאָס הינטל דער שוועסטער אין די אָרעמס.

די שוועסטער האָט זיך אָנגערופן:

— וועסט שוין אַמאָל קאָנען איבערלאָזן דיין האַנין ביי זיך אינדערהיים, ווען דו ווילסט גיין אָן אים?

— ווען איך וועל פּטור ווערן פון דער אַלטער מכשפה, — האָט רייטשל געענטפערט, — און איך וועל שוין זען, אַז איך זאָל פּטור ווערן פון איר וואָס גיכער. איך וועל לאַנג פון איר נישט ליידן ביי זיך אינדערהיים. דאָס האָב איך ביי זיך שוין אָפּגע־מאַכט.

איר שוועסטער האָט באַמערקט:

— איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז אויב די אַלטע מישט זיך צווישן דיר און דיין מאַן, וואָלט די גלייכסטע זאַך גע־ווען פאַר אייך אַלעמען, אַז זי זאָל וווינען ערגעץ אַנדערשוו, נישט ביי אייך.

— אזוי וועט עס מוזן זיין. דאָס האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט. סיידן גאָט וועט מיר העלפן און איך וועל פון זיי אַלעמען פּטור ווערן... נו, גוד־באַי דערוויילע! — האָט רייטשל זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן.

אויפן וועג צו דער באַנק, זיצנדיק אין איר מאַשין, האָט רייטשל געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי האָט פון איר שוואָגער געהערט וועגן די ערגערע צייטן, און ביי איר איז געבליבן, אַז ווען זי וועט קומען אין באַנק זאָל זי אַריינגיין דאָרט צו דעם וויים־פּרעזידענט אין זיין פּריוואַט־אָפיס און זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם. אַגב, האָט זי פאַר איינוועגס געוואָלט זיך נאָכפרעגן ביי אים, אויב עס האָט זיך געלוינט אַריינצולייגן געלט אין הייזער אויף סטערלינג פּליים.

מיט דעם וויים־פּרעזידענט פון אָט דער באַנק, אַן אונגאַרישן יידן, האָט זי זיך שטענדיק מישב געווען, ווען זי האָט געדאַרפט עפּעס קויפן, אָדער פאַרקויפן, און מיט זיין מיינונג נאָך סעמקעס, האָט זי זיך שטאַרק גערעכנט. אַגב, האָבן זיך מיט דעמדאָזיקן וויים־פּרעזידענט אָפט מישב געווען אויך אָרע און סעמקע. באַזונדערס האָט זי איצט פאַראינטערעסירט די פראַגע וועגן ערגערע צייטן, מחמת דעם געלט, וואָס זי האָט צוגעזאָגט סעמקען צו לייהען. מיט איר גאַנצער ליבע צו אים, איז רייטשל איצט געווען גענוג פּראַקטיש, און זי האָט מורא געהאַט מיט איר געלט צופיל צו ריזיקירן.

אין דער באַנק האָט זי זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן איז שוין דאָרט געווען און אוועקגעגאַנגען, און דער וויים־פּרעזידענט איז אויך געווען פאַרנומען. האָט זי זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן, ביז וואַנען זי וועט אים קאָנען זען. און צום סוף, האָט זי זיך אויף דעם דערוואַרט.

זי איז אַריינגעקומען צו אים אין פּריוואַט־אָפיס. ער, דער וויים־פּרעזידענט, אַ הויכער ייד מיט בלאָנדע וואָנצעס און אַ גרויסן פּליך, האָט זי אויפגענומען העפלעך, כמעט פריינטלעך. ער האָט איר אָנטקעגנגעטראָגן אַ שטול און זי העפלעך אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און זי אַוועקגעזעצט.

און רייטשל, לאַזנדיק אין גאַנג איר גאַנצן חן, האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— איר ווייסט דאָך, אַז אָן אייך טו איך קיין זאַך נישט. וויל איך, אַז איר זאָלט מיר איצט אויך געבן אַן עצה.

— מיט פאַרגעניגן, מאַדאַם.

— ערשטנס, וואָלט איך וועלן וויסן אייער מיינונג וועגן דעם, וואָס איך האָב געהערט.

— וואָס האָט איר געהערט?

— אַז די צייטן זענען איצט ערגער ווי פריער. איז דאָס אמת?

ער האָט געענטפערט, רויכערנדיק אַ סיגאַר:

— לאַכט זיך אויס דערפון. מיר זענען ווייט פון שלעכטע צייטן. דאָס איז אַ קליין וואָלקנדל אויף אַ לויטערן, זומערדיקן הימל. עס וועט פאַרבייגיין. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל. זייט רואיק, מיר וועלן נאָך לאַנג, לאַנג האָבן „פּראָספּעריטי", גוטע צייטן, ביי אונז אינם לאַנד.

— איך פרעג דאָס קעגן דעם, ווייל מען רעדט, אַז די בענק זענען אַ סך שטרענגער געוואָרן מיט „מאָרטגעדזשעס".

—— דאָס גראָד איז אמת. מיר ווילן אריינברענגען מער אָרדענונג אין דעם. די בענק האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען בויט צו־פיל הייזער; אַז ביז אַהער האָט יעדער איינער, וואָס האָט געוואָלט בויען, געקאָנט קומען אין אַ באַנק און קריגן געלט. דאָס האָט נישט געטאָרט זיין. דאָס איז אומגעזונט. ווילן די בענק איצט מאַכן אַ סוף צו דעם. מחמת דעם זענען זיי איצט פאָרזיכטיקער געוואָרן מיט אַלע „מאָרטגעדזשעס". אָבער מיט שלעכטע צייטן האָט עס נישט צו טאָן.

— הייסט עס, אַז מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַר קיין שלעכטע צייטן? — האָט רייטשל זיך אָנגערופן.

— באַשטימט נישט.

— און מען קאָן ווייטער קויפן „ריעל־עסטייט", אַזוי ווי פריער?

— גאַנץ זיכער, מאַדאַם.

— ווייל איך איצט בײַ אײַך פֿרעגן אַן עצה: מען האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו קויפֿן „פּראָפּערטי" אויף סטערלינג פּלייס, וואָלט איך וועלן וויסן אײַער מיינונג, צי עס לוינט זיך צו קויפֿן הײַזער אין יענער געגנט.

— אָ, יאָ, גאַנץ באַשטימט, מאַדאַם. דער פּרייז פֿון „פּראָפּערטי" אין יענער געגנט וועט זיכער שטײַגן.

— ווען איך זאָל דאָרט קויפֿן די הײַזער, וואָס איך האָב אינם אויג, וואָלט איך געהאַט שוועריקייטן מיט די „מאָרטגעדזשעס" בײַ אײַך אין דער באַנק?

— אָ, ניין. איך גלויב נישט.

רייטשל האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט די ווערטער:

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט וויסן. אַ דאַנק.

נאָכדעם, אַז זי איז געפֿאָרן צוריק פֿון דער באַנק, האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט סעמקען נישט לײַען דאָס געלט, סײַדן ער וועט זיך גטן מיט זײַן ווײַב. דעמאָלט וועט זי אים אַלצדינג אוועקגעבן. זי האָט זיך גענוג פֿאַרזאָרגט פֿאַר זיי ביידן. זי האָט געהאַט גענוג אי מזומנע געלט, אי געלט אין הײַזער, אי הפּצים די טײַערסטע, וואָס האָבן טויזנטער געקאָסט, וואָס זי וואָלט מיטגענומען, ווען זי וואָלט זיך באַפֿרײַט פֿון אָרען...

שפּעטער איז רייטשל צוריקגעקומען אַהיים מיטן הינטל אין אירע אָרעמס. פּיניע האָט נאָך געוואַרט אויף איר. ער און פֿרומע זענען דעמאָלט געזעסן אין עס־צימער און די אַלטע האָט פֿאַר אים ווידער אויסגערעדט איר האַרץ.

זי האָט אים געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט נישט רחמנות געהאַט אויף אָרען, וואָלט זי שוין לאַנג אַנטלאָפֿן פֿון זײַן שטוב און אוועק וווינען צו איר לאַנדס־פֿרוי, רחל־לאה, אין בעלמאָנט עוועניו.

אַז פּיניע האָט דערזען רייטשלען, האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ חניפֿהשן טאָן:

— איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין. איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט זײַן אין אַ פֿערטל שעה אַרום און איך זיץ דאָ שוין איבער אַ שעה.

רייטשל האָט פון דער זייט געוואָרפן אַ מין צולהכעיס־בליק אויף דער אַלטער פרומען און געענטפערט:

— איך האָב געוואָלט פאַרשאַפן אַביסעלע מער „פאַרגע־ניגן" מיין האַנילען. איך וועל באַלד אייך זען, פיניע.

און זי איז אַוועק מיטן הינטעלע אין די אָרעמס אין אַן אַנ־דער צימער.

— נו, פיניע, האַ? „האַנילע", האַ? — האָט די אַלטע אַרויסגעמורמלט. נאָכדעם האָט זי אַרויסגעקרעכצט: — און אָרע שווייגט. ער שווייגט. ער שווייגט. ווי לאַנג נאָך, האַ? איך האָב מורא, אַז סוף־כּל־סוף וועל איך פאַרט מוזן אַנטלויפן פונדאַנען.

פיניע האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער דערהערט רייטשלס קול:

— פיניע, קומט אַהער!

איז ער אַוועק צו איר. אין פראָנט־צימער איז זי געווען. זי איז דאָרט געזעסן אויף אַ זאָפע און דאָס הינטעלע איז אַרום איר נישט געווען.

— נו, וואָס? די אַלטע האָט עפּעס גענוג אָנגערעדט אויף מיר? — האָט זי זיך אָנגערופן צו פיניען, ווען זי האָט אים דער־זען. — קום איך אַריין אין שטוב און דערזע זי, פיל איך, ווי איך וואָלט דערזען דעם מלאך־המות. איך האָב מורא, אַז סוף־כּל־סוף וועט זי מוזן גיין וווינען ערגעץ אַנדערשוווּ, נישט ביי מיר אינם הויז.

— אָך, לאָזט זי צו־רו, אַן אַלטע פרוי. איר זענט דאָך קלי־גער פון איר. — האָט פיניע געזאָגט.

— ביי מיר פּלאַצט שוין דאָס געדולד פון איר. נאָר מילא,— האָט זי זיך איבערגעשלאָגן, — פיניע, איר זענט דאָך מסתמא גע־קומען נאָך דעם געלט פאַר די וואָזעס? איך האָב היינט קיין געלט נישט.

— וועט איר מיר אַן אַנדערשמאָל באַצאָלן. קיין אומגליק נישט. איך בין געקומען מער וועגן אַן אַנדער ענין. איך האָב

אַ קונה אויף אייער הויז אין סטערלינג פּליים, — האָט פּיניע געזאָגט.

— יאָ? וויפל וויל ער געבן?

— פינף און פערציק. פופצן טויזנט קעש.

— פאַר וויניקער ווי פינף און פופציק וועל איך דאָס הויז נישט פאַרקויפן. מען האָט מיר אין באַנק געזאָגט, אַז דער פּרייז פון ריעל־עסטייט וועט נאָך שטייגן אין יענער געגנט. איך האָב צייט צו וואַרטן. געפינט אויס בעסער פאַר מיר, פאַר וויפל מען קאָן קויפן די צוויי הייזער נעבן מיינס אויף סטערלינג פּליים. איך וואָלט זיי וועלן קויפן.

— זיי געהערן צו אַ ניו־יאָרקער קאָמפּאַניע, — האָט פּיניע זיך אָנגערופן, — מען קאָן דאָס לייכט אויסגעפינען.

— געפינט אויס. זאָגט אָבער קיינעם נישט וועגן דעם.

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך ווייס ווען צו רעדן און ווען צו שווייגן. היינט נאָך וועל איך אַלץ אויסגעפינען.

די אַלטע פרומע האָט זיך באַוויזן אין דער טיר מיט אַ טוך איבער די אַקסלען און געזאָגט:

— פּיניע, דו וועסט דאָ נאָך לאַנג פאַרבלייבן? טאָמער קומט דער שווער, זאָג אים, אַז איך בין אַוועק צו רחל־לאהן און וועל שפּעטער זיין צוריק.

די אַלטע האָט דאָס געזאָגט צו פּיניען, אָבער געמיינט האָט זי רייטשלען, כדי יענע זאָל קאָנען זאָגן אָרען, וווהין זי, פרומע, איז אַוועקגעגאַנגען.

ווען פרומע איז אַוועק, האָט רייטשל מיט פּיניען גערעדט ווייטער וועגן זייער ענין, דאָס הייסט וועגן די הייזער אויף סטערלינג פּליים, וואָס זי האָט געוואָלט קויפן.

פּיניע האָט זיך אָנגערופן:

— איך וועל מיינס טאָן. איר אָבער דאַרפט זיך פריער פאַרזיכערן, אַז מען זאָל אייך נישט מאַכן קיין צו־גרויסע שוועריקייט מיט די מאָרטגיידזשעס, מחמת איר האָט דאָך מסתמא געהערט, די באַנקן און די „בילדינג און לאָן אַסאָסיאיישאָן" האָבן אָנגע־הויבן צו מאַכן שוועריקייטן.

— איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט. מיין מאַן איז געגאַ בטוח און איך אַליין קאָן אויך קריגן געלט אין דער באַנק, ווען נאָר איך וועל דאַרפן און וויפל איך וועל דאַרפן. איך האָב ערשט נאָר־וואָס גערעדט מיט אַ וויים־פּרעזידענט פון אַ באַנק. איך דאַרף גאָרנישט מורא האָבן...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי ווי!

— וואָס איז? — האָט פיניע געפרעגט.

— איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן. איך האָב זיך פאַררעדט מיט אייך און פאַרגעסן, אַז איך האָב געדאַרפט געבן עסן האַנילען. וואַרט אַ ווײַליטשקע, פיניע, איך וועל אייך געבן דאָס געלט פאַר די וואַזעס אויך. הלמאַי האַלטן אייערע פאַר דאָלאַר?

און זי איז אַרויסגעגאַנגען.

פיניע איז געבליבן אַליין אין דעם פראָנט־צימער און האָט שוין געטראַכט וועגן די הייזער אויף סטערלינג פּליים.

9

אָרע אָן אַ באָרד

און דאָ איז פּלוצים אָרע אַריינגעקומען. ער איז אַריינגעקומען גאָר אַ נייער אָרע: אָן זיין לאַנגער באָרד.

דאָס פּנים, וואָס איז פריער געווען אַזוי געדיכט באַוואַקסן, האָט איצט אויסגעזען ווי אָפּגעקאָשעט. די ברייטע, קנאָכיקע באַקן, וואָס דער פריזירער איז איבער זיי מיט זיין מאַשינקע דורכגעגאַנגען, האָבן אויסגעזען הויל, נאַקעט, כמעט אָן אַ הערעלע. נאָר אויף דער מאָרדע ביי אָרען האָט דער פריזירער איבערגעלאָזט אַ זכר פון דער פריערדיקער באָרד, עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט געקאָנט זען ביי אַ בראָנזווילער ציג פאַר דעם ריעל־עסטייט־בום. ביי דעם פריזירער, וואָס האָט אָרען געשוירן, האָט עס געהייסן אַ „בולאַנזשעבערדל".

אָרעע האָט גאָרנישט געזאָגט, ווען ער איז אַריינגעקומען, נאָר ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל, צעטומלט.

אַז פּיניע האָט אים דערזען, האָט ער פֿאַר איבערראַשונג פֿאַרגאַנדערגעעפּנט ווייט דאָס מויל און אַ ווײַלע געקוקט אויף אָרען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. נאָכדעם האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— שוואָר־לעבן, דאָס זענט איר? איך האָב דאָך אייך גאָרנישט דערקענט. נישט לאַנג האָב איך דאָך אייך געזען גאָר אַן אַנדערן!

אָרע, אַ פֿאַרשעמטער, האָט אַרויסגעמורמלט צעמישט:

— דו מיינסט מיין באָרד? אַ חרפּה, האַ? אַ בושה, האַ? ווי זע איך איצט אויס, פּיניע?

— ווי איר זעט אויס? כ׳ווייס? ווי אַן אַלטער פּריץ!

— אַן אַלטער, האַ? אַלט, אַלט, אַלט, האַ? על־כּל־פּנים, פּיניע, אַז צו דער עלטער איז גאָר קיין רפואה נישטאָ.

— אַלט איז נישט יונג, שוואָר־לעבן.

— יאָ, יאָ, אַלט איז נישט יונג, — האָט אָרע אַרויסגעזיפֿצט און איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, וואָס איז דאָרטן געהאָנגען און האָט זיך אָנגעקגעשטעלט אין אים קוקן, — ווי אַן אַלטער דיאַק, אַ חלשות צו קוקן! איך שעם זיך פֿאַר דער מאַמען. פֿע! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען.

פּיניע האָט אים נאָכגעקוקט און געשטיקט אין זיך דעם געלעכטער. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— אָ, אַ בראָך צו רייטשקען, וואָס פֿאַר אַ חורבן זי האָט געמאַכט פֿון זיין באָרד און פֿון אים אינגאַנצן!...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערהערט אָרעס קול פֿון דעם ביבליאָטעק־צימער, וואָס האָט אים גערופֿן. דאָס קול האָט געקלונגען נערוועז און אויפֿגערעגט.

איז פּיניע אַוועק צו אים אין ביבליאָטעק־צימער.

אָרע איז דאָרט געשטאַנען ביים פֿענסטער מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ אין אַ פּאָזע, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט.

ער האָט דערזען פּיניען, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— איז די מאַמע אינדערהיים?

— ניין, שווער. זי איז אוועק צו איר לאַנדס־פרוי רחל־לאהן.

— איך האָב מורא, פיניע, אַז ווען זי וועט אַ קוק טאָן אויף מיר, וועט זי פאַלן אין חלשות. אַי! אַי! אַי! דער פריזירער דזשעקבאָן איז אַ גרויסער פאַרך, אַ סאָציאַליסט, אַן אפּיקורס, האָט ער דאָס געטאָן מיט רשעות.

— וואָס מיינט איר, שוועה?

— פאַרשטייסטו מיך, פיניע: איך קום אַריין צו אים און זאָג אים, אַז ער זאָל מיר אַביסל אַרומשערן די באָרד. איך האָב זיך דאָס שוין לאַנג געקליבן צו טאָן. אונזער לאַנדסמאַן, דער רב, האָט עס מיר אויך געהייסן טאָן, נאָר איך האָב אַלץ קיין האַרץ נישט געהאַט, נישט געקאָנט בײַ זיך פּועלן. ביז הײַנט האָב איך מיר געזאָגט: „נו, מילא, אַמאָל מוז איך דאָס דאָך איבערקומען". און איך בין אַריין צו דזשעקסאָנען, דעם סאָציאַליסטישן פריזירער, האָט ער מיר אוועקגעשוירן די באָרד מיט מײַן יידישן פּנים, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, אַז עס איז פּשוט אַ חרפּה און אַ חלשות צו קוקן!

— ווייס איך, נאַרישקייטן! אַ טײַערע מציאה אַ באָרד! — האָט זיך פיניע אָנגערופן. — אפילו בײַ די היגע רבנים איז עס אויך קיין מציאה נישט. און ווידער, שווער־לעבן, אַ יונג ווײַב איז טײַערער פון אַן אַלטער באָרד.

אָרע האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן אַקסל:

— אָ, דו שייגעץ, ביזט שוין דאָ מיט דײַנע לצנות? אָט דיר איז גוט, פיניע. דו ביזט אַ יונגערמאַן, האָסט אַ יונג ווײַב, וואָס האָט דיך ליב. דו קאָנסט גיין אָן אַ באָרד, מיט אַ באָרד און קיינער וועט דיר קיין פאַראיבל נישט האָבן...

— און אויף אײַך וועט אויך קיינער נישט האָבן קיין פאַראיבל. אָן סכנות.

— פיניע, אָבער די מאַמע. פאַר לײַט שעם איך זיך אויך איצט צו ווײַזן. מיט אַזאַ פּנים פון אַן אַלטן דיאַק! אַז איך בין געגאַנגען פון דעם פריזירער אַהיים, האָב איך נאָר גאָט געבעטן, אַז איך זאָל קיינעם נישט אָנטרעפן. אַזוי האָב איך זיך געשעמט!

אָבער פאַר פרעמדע, נו, מילא... איז מילא... אָבער פאַר דער מאַ־מען? איך האָב רחמנות אויף איר. אָן דעם האָט זי אויך גענוג צער און ווייטאָג. אַז זי וועט מיך דערזען איצט... ניין, פיניע, אפשר האָב איך עס נישט געדאַרפט טאָן. עס פאַרדריסט מיך. ווען דער מענטש פאַרלירט דעם קאָפּ, איז שלעכט... איך האָב עס גע־טאָן צוליב עפּעס, און דער רב האָט מיר צוליב דעם טאַקע דאָס געהייסן טאָן, און ווער ווייס, צי וועט עס העלפן?...

רייטשל איז אַריינגעקומען מיט געלט אין דער האַנט און מיט די ווערטער:

— דאָ האָט איר אייער געלט פאַר די וואַזעס, פיניע.

און זי האָט אַריינגעשפּאַרט דאָס געלט פיניען אין דער האַנט און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָרע!?

און זי האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ווען אַ גאַנצע מחנה שדים און רוחות וואָלט אָרען באַפאַלן, וואָלט ער אַזוי נישט צעטומלט געוואָרן.

ביי אָרען האָט זיך אָנגעצונדן דאָס פּנים פלאַם־פייער און זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף רייטשלען רחמנותדיק:

— וואָס לאַכסטו אַזוי? דיר געפעלט נישט, ווי איך זע אוים? — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן שטיל.

זי האָט געענטפערט:

— איך לאַך, וואָס דו האָסט זיך פאָרט געגנט מיט דיין באָרד. מזל־טוב!

— נו, ווי אַזוי זע איך אוים עפּעס, האַ? צופרידן איצט, האַ? צופרידן? — האָט ער גערעדט ווייטער שטיל, מיט פאַרשטיקטער אויפרעגונג, און נאָך אַלץ מיטן רחמנותדיקן און צעמישטן שמייכל און מיט אַ צעפלאַמטן פּנים.

זי האָט שפּאָטיש געענטפערט:

— זייער צופרידן. זייער און זייער צופרידן. דו ביזט איצט אַ פּאַרשוין! אַ מאָנאַרכע!...

און זי האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט איר פריערדיקן גע־לעכטער.

און דאָ האָט זיך ביי אָרען פּלוצים אַרויסגעריסן אַ געשריי, וואָס אַזאַ האָט רייטשל פון אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט:

— שאַ! לאַך נישט! הער אויף צו לאַכן, מרשעת דו!...

רייטשל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון אָט דעם געשריי. איר געלעכטער איז איבערגעריסן געוואָרן און זי האָט אויסגעגלאָצט אויף אָרען אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן.

און פּיניע האָט זיך שטילינקערהייט אַרויסגעכאַפּט פון צי־מער און איז נעלם געוואָרן.

— אָבער... אָבער... אָרע! — האָט רייטשל גענומען שטאַמ־לען. — זע נאָר ווי ער האָט זיך צעקאָכט! איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביזט אַזאַ כעסן. דו פאַרשטייסט שוין נישט קיין שפּאַס, וואָס?

— ביי דיר איז דאָך אַלץ אַ שפּאַס. ביי מיר פּלאַצט די גאַל און ביי דיר איז דאָס אַ שפּאַס.

— איך האָב נישט געטאָרט אַ לאַך טאָן?

— פון וואָס לאַכן? איך האָב דאָס געטאָן צוליב דיר! צוליב דיר האָב איך דאָס געטאָן! דו האָסט די גאַנצע צייט געהאַט צו מיר טענות, פאַרוואָס איך גיי אַרום מיט אַזאַ באָרד. נו, בין איך היינט געגעאַנגען און דאָס דיר אויך צוליב געטאָן! וואָס ביי מיר אינם האַרצן טוט זיך, דאָס דערציי־ל איך דיר נישט, אַבי שלום בית! אַבי דו זאָלסט זיין צופרידן! מיט אַמאָל, — נאַדיר: זי לאַכט! געלאַכט פון מיר פריער, און לאַכט פון מיר איצטער... דאָס וועט מער נישט זיין, רייטשל. דאָס וועט מער נישט זיין! — האָט ער גענומען פאָכען צו איר שטרענג מיט אַ פינגער.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט גאָר אַן אַנדער טאָן, מיט אַ וויינען, כמעט צאַרטן טאָן:

— אָבער, אָרעלע, איך שווער דיר, אַז אַזוי ביזטו מיר גע־פעלן. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס ביזטו אַזוי בייז געוואָרן...

און זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ ביי אים אויף אַן אַקסל און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן אַריין.

אָבער ער איז איצט געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

— לאָז מיך, לאָז מיך איצטער צורו! איך קען צו גוט דיינע גאַנגען. שוין צייט צו קענען דיך!...

— אָבער, אָרע, ביזטו ביים זינען? וואָס איז מיט דיר היינט? בּאַרואיק זיך, אָרע! — האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל און אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט איר גאַנצן חן.

— אַט־אָט־אָט מיט דעם... מיט דעם... מיט אָט די פאַלשע גענגעלעך דיינע... מיט אָט די האַוואַיעלעך דיינע... אָט מיט די ריידעלעך דיינע, די ווייבּינקע, האָסטו מיר תּמיד די נשמה ארויס־גענומען, ביי דער נאָז געפירט און אַלצדינג ביי מיר אַרויסגעקריגן. דו זאָלסט אָבער איצטער וויסן, אַז אויס! נישט מער! דו הערסט? נישט מער. היינט איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב דיר נאָכגעגעבּן! נישט געפעלן געווען דיר מיין באָרד? דאָס אויך דיר נאָכגעגעבּן! אָבער דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל. איך וועל מער נישט ליידן פון דיר. איך האָב שוין מער קיין כּח נישט. פאַר די דריי יאָר, זינט דו ביזט מיין ווייב, האָב איך אַזויפיל איבערגעטראָגן, אַז אין גהינום, גלויב איך נישט, אויב מען טראָגט אַזויפיל איבער! אַ לעק האָניק און גאַנצע צעבּרעם פול מיט סם!... אָנשטאָט מיט אַ קינד, אפשר מיט אַ קדיש, האָסטו מיר מזכה געווען מיט אַ הינטעלע!...

— שוין ווידער דאָס הינטל, — וואָס טוט דיר האָני?

— ביי מיר איז ער נישט האָני, ביי מיר איז ער אַ פאַסקוד־נער כּלב!

— דו ביזט משוגע געוואָרן, אָרע!

— איך בין שוין גאָרנישט משוגע. איך וויל מער נישט האָבּן דעם כּלב ביי זיך אין שטוב, רייטשל. איך קאָן נישט זען, ווי דו קושסט אים; איך קען נישט זען, ווי דו גלעטסט אים; איך קען נישט זען, ווי דו טראָגסט זיך ארום מיט אים. אַזוי ווי ער וואָלט געווען אונזער טייערער קדישל!...

רייטשל האָט זיך ווידער צעלאַכט. אָבער דאָס מאָל האָט איר געלעכטער געקלונגען גאַנץ אַנדערש, איידער פריער.

— קום נאָר אַהער, דו נאַרישער אָרע! — האָט זי אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, — און דו שעמסט זיך נישט? איי דו, דו!— האָט זי אים פּלוצים אַ קוש געטאָן.

ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פון איר קוש און אַ קוק געטאָן אויף איר און איז געוואָרן ווייכער.

— דו שיקסע, — האָט ער נאָכדעם אַרויסגערעדט שוין ווייכער, — וויפל געזונט דו האָסט מיך שוין אָפּגעקאָסט! געדענק, רייטשל, נישט איבערגעצויגן די סטרונע, עס קאָן פּלאַצן, חלילה!...

— נו, גוט, גוט, אָרע. נו, זאָג וואָס ווילסטו?

ער האָט געענטפערט:

— קיין זאַך וויל איך פון דיר נישט, רייטשל. איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט מיר זיין אַ ווייב ווי אַלע לייטישע ווייבער.

— איז וואָס־זשע ווילסטו זאָל איך טאָן, אָרע?

— וואָס דו זאָלסט טאָן? אַליין פאַרשטייסטו דאָס נישט? מאַך, אַז מיין לעבן זאָל זיין אויס גיהנום; פּייניק מיך נישט אַזוי; מוטשע מיך נישט אַזוי; איך בין אַ לעבעדיקער מענטש!

רייטשל האָט זיך אַוועקגעלייגט דאָרט אויף דער סאָפע אין איר העלן קלייד און פאַרוואָרפן אירע ביידע הענט הינטערן נאַקן. אַזוי איז זי געלעגן און האָט געקוקט אויף אָרען, און זיך צוגעהערט מיט אַ חנעוודיקן שמייכל צו זיינע טענות. און ער, אָרע, האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק פאַרביי דער סאָפע, ווו זי איז געלעגן, און האָט גערעדט ווייטער מיט פאַרוורף אין זיין טאָן:

— געקומען ערשט נישט לאַנג צוריק פון אַטלאַנטיק סיטי. די גאַנצע צייט האָב איך אַזוי געבענקט נאָך דיר, און אַז די ביזט פון דאָרטן געקומען, איז גאַרנישט, אַקוראַט ווי איך וואָלט נישט געווען דיין מאַן! גאַנצע נעכט ביזטו אינדערהיים נישטאָ: היינט אין טעאַטער, מאָרגן אין קוני איילאַנד, אַנישט גייסטו נאָך אַוועק שפּילן אין קאָרטן ערגעץ אויף אַ גאַנצע נאַכט! צו מיר קומסטו נאָר, ווען דו דאַרפסט האָבן געלט...

אין אָט דער צייט האָט זיך פון אַן אַנדער צימער דערהערט פרומעס קול: „אָרע, דו ביסט שוין דאָ?"

אָרע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איבערגעשלאָגן זיינע טענות:
— אַי ווי, די מאַמע!
און ער האָט זיך פאַרשטעלט מיט ביידע הענט ביידע באַקן, ווי די ציין וואָלטן אים פּלוצים אָנגעהויבן ווי צו טאָן.
און דאָ איז פרומע אַריינגעקומען אין ביבליאָטעק-צימער. זי האָט דערזען ווי אָרע האָט זיך געהאַלטן פאַר די באַקן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:
— וואָס האַלטסטו זיך פאַר די ציין, אָרע, זיי טוען דיר וויי?
אָרע האָט אַרויסגעמורמלט צעמישט:
— גאָרנישט, מאַמע... אַ סיבה געטראָפן!...
— אַ סיבה? וואָס פאַר אַ סיבה?
און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.
— קרייטדעלעך מיינע! האַרצעלעך מיינע! — האָט זי אויסגעשריגן. — אָרע, וווּ איז דיין באָרד? דו האָסט דאָך אַ פּנים פון אַן אַלטן משומד. ווי איז צו מיינע אַלטע יאָרן!...
— נו, שאַ, שאַ! איך בעט דיך, מאַמע... איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן... איך האָב געמוזט... איך האָב פאַררויכערט אַ ציגאַר... האָט זיך אַ האַלבע באָרד אָנגעצונדן... בין איך אַריין צום באַרבער... איך האָב געמוזט... איכל דאָך נישט אַרומגיין ווי אַ משוגענער...
— וואָס רעדסטו מיך איין פויגעלעך אין בוזים? — האָט פרומע פאַרבראָכן די הענט, — דו רויכערסט דאָך גאָרנישט! צוליב איר האָסטו דאָס געטאָן, הולטאַי דו, צוליב איר! זי וועט דיך טרייבן צו דער שמד, חלילה, אָט די קליפּה!...
רייטשל איז אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע מיט אַ צע־פלאַמטן פּנים און מיט אויגן, וואָס האָבן געשאָסן פייער.
— און דו שווייגסט, אָרע? און פון מיר פאַרלאַנגסטו, אַז איך זאָל דיר זיין אַ ליטישע ווייב! — האָט זי זיך צעשריגן.
— מאַמע, איך בעט דיר, לאָז צופרידן רייטשלען. לאָז זי צו־פרידן.
— זי וועט דיר נאָך אויפן פייער אַרויספירענגען, אָט די קליפּה. געדענק, אָרע!

— מאַמע, האָב דו כאָטש רחמנות אויף מיר. מוטשע מיך נישט, — האָט אָרע זיך גענומען בעטן.

— זון מיינער, דיין אַלטע מאַמע האָט איבער דיר רחמנות!— האָט די אַלטע פרומע גערעדט, און די הענט האָבן ביי איר זיך געטרייסלט, — דו האָסט פאַרלאָרן דעם פנים פון אַ יידן, פון אַ ליטישן מענטשן צוליב אָט דער אַ!...

רייטשל האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן:

— גוט, אָרע, גוט, אָט אַזוי־אַ! זאָל זי באַליידיקן דיין ווייב! זאָל זי באַשמוצן דיין ווייב!

אָרע האָט אַרויסגעמורמלט:

— מאַמע, האָב קיין פאַריבל נישט. איך קאָן דאָס מער נישט אַריבערטראָגן. רבונו של עולם, פאַרוואָס מוטשעט איר מיך אַזוי, האַ? מאַמע, דו ווייסט דאָך, איך האָב דיך חלילה קיינמאָל נישט פוגע בכבוד געווען, נאָר אַז מען מוטשעט אַזוי אַ מענטשן, קאָן ער נאָך, חלילה, אַרויסשפּרינגען פון די כלים. וואָס אַרט דיר, וואָס זי טוט? און די באָרד האָב איך אָפּגעשוירן, ווייל אונזער רב האָט מיר געזאָגט, אַז איך מעג. און דו זאָלסט גלאַט נישט פאַרגעסן, אַז איך בין נישט דער אַמאָליקער פעדלער, און אַז זי איז נישט מיין אַמאָליקע חוה־דוואָשע, איר צו לאַנגע יאָר!...

— זון מיינער, אפשר וואָלט שוין געווען גלייכער, אַז דו וואָלסט געבליבן אַ פעדלער, — האָט די אַלטע פרומע געזאָגט, — דעמאָלט וואָלסטו דיין יידיש פנים נישט פאַרלאָרן און די פינ־סטערע קליפה וואָלט אין דיין שטוב נישט געווען.

רייטשל, אַ צעפלאַמטע האָט אַ טריט געטאָן צו איר:

— שטיל, אַלטע מכשפה, גייט אַרויס! — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

— אָי וויי איז מיר, רייטשל!

פרומ׳ע האָט זיך שטיל צעלאַכט, און די ליפּן ביי איר האָבן זיך געטרייסלט:

— כדאי געווען מיין זון זאָל אַזוי רייך ווערן, כדאי געווען! און זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אָרע איז איר נאָכגעלאָפן:

— מאַמע, — האָט ער געמורמלט, — מאַמע, זי האָט, חלילה, נישט געמיינט. זי איז נאָך אַ קינד.

פרומע האָט זיך אָפּגעווענדט פון אים מיט ביידע הענט און געפּליסטערט מיט ליפּן, וואָס האָבן זיך געטרייסלט:

— רעד נישט צו דער אַלטער מכשפה, רעד צו איר, צו איר, צו דער יונגער קליפּה דיינער!...

און זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט.

אָרע איז געבליבן שטיין צעטומלט. נאָכדעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו רייטשלען און געזאָגט:

— פע, רייטשל, מיאוס, נישט שיין. אַן אַלטע שוויגער, העכער זיבעציק יאָר, וואָס הייסט דו שרייסט איר: „אַלטע מכשפה, גייט אַרויס״? פע, מיאוס, פע!...

— זאָל זיין פע. דו קאָנסט זיך מיט מיר גטן, אויב איך געפעל דיר נישט, — האָט רייטשל זיך אָפּגערופן.

אָרע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און פאַרשטיקט אַרויסגערעדט:

— האַ? וואָס? זיך גטן? אפשר נישט קיין קרומע זאַך. איך אַליין האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט דערפון. אפשר טאַקע, האַ? — האָט ער זיך אַ רייב געטאָן מיט אַ האַנט דעם שטערן. — איך האָב געזען פריער דעם רב, מיין לאַנדסמאַן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָ שפּעטער זיין. ער האָט אונז חתונה געמאַכט. אפשר זאָל ער אונז אויך... האַ?...

רייטשל האָט זיך אָנגערופן:

— אָרע, אויב מיר וועלן זיך גטן, וועט זיין אין דעם בלויז שולדיק דיין מאַמע. דו בעסער הער מיך: אויב דו ווילסט אויף אַן אמת, אַז איך זאָל דיר זיין אַ גוטע, געטרייע ווייב, מוזטו מיר ווייזן, אַז איך האָב ביי דיר עפּעס אַ ווערדע.

— ווייניק נאָך האָב איך דיר עס געוויזן? ווי אַזוי נאָך זאָל איך דיר עס ווייזן?

— איך קאָן מיט דיין מאַמען נישט אויסקומען. זי דערגייט מיר די יאָרן. זאָל זי גיין וווינען ערגעץ אַנדערש־ווו. דו וועסט זען ווי גוט איך וועל זיין.

— שוויג, רייטשל! וואָס רעדסטו?!

— אָרע, איך וועל דעם הינטל אוועקגעבן. איך וועל אַלצדינג טאָן, נאָר זי זאָל דאָ נישט וווינען. מיר ביידע קאָנען נישט זיין אין איין שטוב. אָדער איך אָדער זי. דו הערסט?

אָרע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַרויסגעקרעכצט:

— גוואַלד, וואָס ווילט איר האָבן פון מיין לעבן! וואָס האָט איר צו מיר? גיי, טו וואָס דו ווילסט, רייטשל, אַבי לאָז מיך צופרידן און לאָז צופרידן מיין אַלטע מאַמע! זי איז דער איינציקער לעבעדיקער נפש אויף דער וועלט וועמען איך בין נאָך טייער! רייטשל, מער זאָל איך נישט הערן קיין איין וואָרט אפילו וועגן דעם, אַז מיין מאַמע זאָל גיין וווינען ערגעץ-ווו אַנדערש, און שאַ!

און ער איז אַן אויפגערעגטער אַרויסגעלאָפן פון ביבליאָטעק-צימער אין עס-צימער אריין.

דאָרט איז געשטאַנען פרומע ביים טיש איבער אַ פּעקל זאַכן וואָס זי האָט געבונדן מיט ציטערדיקע הענט.

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס איז? וואָס פאַרא פּעקל, מאַמע?

די אַלטע מאַמע האָט געענטפערט מיט ציטערדיקע ליפּן:

— נישט דיינס, חלילה, מיינע אייגענע. דיינס האָב איך נישט געטשעפּעט, נישט אָנגערירט אפילו. דאָס האָב איך איבערגעלאָזט פאַר דער קליפּה דיינער צו ירשענען...

אָרע האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך פאַרשטיי נישט, מאַמע, וואָס דו רעדסט, און וואָס איז עס פאַר אַ פּעקל?

— דאָס זענען מיינע זאַכן... אַ פּאָר קליידלעך, אַביסל וועש און די עטלעכע לייכטער וואָס איך האָב געבראַכט פון דערהיים פאַר ליכט-בענטשן. אָט די לייכטער, זון מיינער, וואָס דיין מאַמע האָט אַלעמאָל פאַרמשכּונט בעת דיר איז נישט גוט געווען... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? דו פאַרשטייסט נישט? איך גיי וווינען צו מיין לאַנדס-פרוי רחל-לאה, — האָט פרומע גערעדט מיט אַ געבראָכענעם קול.

ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— מאַמע, וואָס טוט זיך דאָ? האָט איר זיך פאַרנומען מיך משוגע צו מאַכן? וואָס הייסט דו גייסט וווינען צו שרה־לאהן?

— זון מיינער, איך האָב מיט דיר גענוג געוווינט. פופציק יאָר האָב איך מיט דיר געוווינט אין צרות, אין יסורים און אין דחקות, און היינט, ווען דו ביסט רייך... אַי וואָס איז דאָ צו רעדן! איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען. מיינע אויגן זאָלן נישט זען נישט זי, נישט דאָס הינטל און נישט דיך מיט אָט דעם טריפהנעם פּנים... ניין, אַנטלויפן, אַנטלויפן, אַנטלויפן פון אָט דער טומאה, פון אָט דער קליפּה. אַנישט וועל איך דערלעבן, אַז דיין ווייב וועט מיך, די „אַלטע מכשפה" אָנגעמען פאַר אַ האַנט און אַרויסוואַרפן פון שטוב.

זי האָט מיט ציטערדיקע הענט אָנגענומען דעם פּעקל.

אַרע האָט איר אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם און זיך גענומען בעטן בייַ איר:

— וואַרט, מאַמע, גיי נישט! בלייב דאָ! זי וועט דיך איבערבעטן. איכל איר זאָגן... איכל אירר הייסן... זי וועט עס מוזן טאָן, אַנישט ווייס איך נישט וואָס איכל טאָן! און מכח מיין באָרד, מאַמע, איז אויך אַן סכּנות... נישט אַזוי ווי דו מיינסט... דער רב וועט דאָ שפּעטער זיין. וועסטו בייַ אים אַליין פרעגן. ער אַליין האָט עס מיר בפירוש געהייסן טאָן פון שלום־בית וועגן... רייטשל! — האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבן רופן. — קום אַהער, רייטשל!

רייטשל איז אַריינגעקומען.

— וואָס איז, אַרע, וואָס שרייסטו?

ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

— רייטשל, טו מיר אַ טובה און בעט־איבער די מאַמען. זי וויל זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען!

רייטשל האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט שפּאָט און נאָכדעם זיך אומגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

האָט אַרע דעמאָלט אַ געשריי געטאָן אויפגערעגט:

— האָסט געהערט, רייטשל, וואָס איך האָב געזאָגט?!

זי האָט אים נישט געענטפערט און איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער.

אַרע איז געבליבן שטיין און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. די אַלטע פרומע האָט דערווייל גענומען דעם פּעקל פון טיש און זיך געלאָזט גיין דערמיט צו דער טיר.

אַרע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איר מיט אַ געשריי:

— וווהין גייסטו?

די אַלטע פרומע איז אָבער איצט פּאַרעקשנט געווען, און ווייל אַרע האָט זיך ביי איר נישט געבעטן, אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין, האָט ער דאָס נישט געקאָנט פועלן און זי איז אַוועק צו איר לאַנדס־פרוי, רחל־לאהן.

10

אַרעס פאַרצווייפלונג

שפּעטער אַ ווײַלע איז אַרע געזעסן ביים טיש אינם עס־צימער, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן עלנבויגן, און ער איז געווען אינגאַנצן צערודערט. מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען רייטשל, האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און איז נאָכדעם צוגעגאַנגען צו אים און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט צו אים אויפן אַקסל:

— אַרע! — האָט זי שטיל און כמעט צאַרט אים אַ רוף געטאָן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַן זיין פּנים האָט מען געקאָנט זען ווי ער האָט געליטן. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפער אומעט.

— אַוועק! איך קאָן אויף דיר איצט נישט קוקן, אַוועק! — האָט ער זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט זען, אַרע, וואָס פאַר אַ גוטע ווייב איך וועל איצט זיין. דעם הינטעלע וועל איך נאָך היינט אַוועקגעבן מיין

שוועסטער, און פאר דיין מאמען איז אויך בעסער, ווען זי וועט נישט וווינען מיט מיר אין איין שטוב. דו ווייסט דאך, זי האט מיך אלעמאל פיינט געהאט, און וואס איך זאל נישט טאן און ווי איך זאל נישט טאן וועט זי מיך אלץ פיינט האבן און זיך קריגן מיט מיר.

אָרע האט זיך אויפגעהויבן פון טיש און געזאגט:

— די מאמע וועט אין דער פרעמד נישט וווינען. דא איז איר פלאץ. ביי מיר אינדערהיים איז איר פלאץ. איך גיי באלד אריבער און וועל זי ברענגען צוריק, און דו, רייטשל, וועסט מוזן מיט איר אויסקומען.

רייטשל האט איצט געשוויגן. ביי זיך האט זי געטראכט, אז זי דארף זיך נישט קריגן איצט מיט אים. מיט גוטן. ער וועט זיך איבערקאכן. די אלטע וועט שוין מער דא נישט וווינען.

זי האט געהאלטן, אז פאר איר איז זייער וויכטיק, אז די אלטע זאל דא אין שטוב נישט זיין.

פלוצים האט זי זיך אנגערופן:

— גוט, אָרע, דו דערווייל בארואיק זיך און זאל דיין מאמע דארט זיך אויך אביסל בארואיקן, און שפעטער וועלן מיר זען. איך זאג דיר צו, אז איך וועל טאן אלצדינג אין דער וועלט, אז דו זאלסט צופרידן זיין. נאר בארואיק זיך.

אָרע האט א שאקל געטאן מיטן קאפ און געענטפערט:

— איך קאן זיך נישט בארואיקן און וועל זיך נישט בארואיקן כל זמן איך וועל זי נישט ברענגען צוריק. ווען דו, רייטשל, וואלסט אויף אן אמת געוואלט זיין א לייטיש ווייב, וואלסטו דאס געדארפט תיכף טאן.

— וואס טאן?

— גיין אהין זי איבערבעטן און ברענגען זי אהיים.

— הא? יא, אָרע, איך וועל דאס טאן, אבער ווייסט ווען? ווען ביי מיר אליין וועט אפגיין דער כעס. איך בין דאך אויך א מענטש, ניין? אין א טאג אדער צוויי, ווען ביי מיר וועט אפגיין דער כעס און זי וועט זיך דארט בארואיקן, וועל איך דאס טאן.

אָרע האט ווידער א שאקל געטאן דעם קאפ און א צעטראַ־

גענער גענומען שפרייזן איבערן צימער אהין און צוריק. רייטשל האט אים א כאפ געטאן פאר אן אָרעם און אים אפגעשטעלט:

— לויף נישט, שטוי, און זיי נישט אזוי צעטראָגן!

— וואָס ווילסטו? לאָז מיך איצט צורו, — האט ער ארויס־געפּליסטערט.

און ער האט צוגעלייגט:

— איך גיי איצט צו איר, און דאָס הינטעלע, רייטשל, זאָל סיי־ווי־סיי מער אין שטוב נישט זיין.

האט אים רייטשל געענטפערט:

— גוט, דו טו וואָס דו ווילסט און איך וועל טאָן וואָס איך וועל וועלן.

— דו וועסט טאָן פון היינט אָן וואָס איך וועל וועלן!

און ער איז ארויס.

אהיים איז אָרע צוריקגעקומען צום אָוונט־ברויט. ביי זיין מאַמען האט ער נישט געקאָנט פּועלן, אז זי זאָל גיין צוריק אהיים, און אים איז זייער שווער געווען אויפן הארצן. אחוץ דעם איז ער געווען אין זיין בית־מדרש צו מנחה און אים איז דאָרט אויסגעקומען צו דערציילן די אויסגעטראַכטע מעשה, ווי אזוי ער האט פארלאָרן זיין באָרד איבער א ציגאַר, וואָס דאָס האט אים, דעם ערלעכן אָרען, וואָס האט פיינט געהאט ליגנס, קיין נחת נישט פארשאַפט...

מחמת דעם איז ער געזעסן ביים טיש אַן אומעטיקער און האט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט מיט רייטשלען. ער האט שטיל געגעסן, שטיל געבענטשט און שטיל זיך אויפגעהויבן פון דעם טיש און איז אוועק אין ביבליאָטעק־צימער און דאָרט גע־וואַרט אויפן רב, וואָס האט געזאָלט אַרום אָט דער צייט קומען.

דער רב איז נאָכדעם געקומען. ער האט דערזען אָרען, האט ער ארונטערגעשלונגען דעם געלעכטער, וואָס האט זיך ביי אים א ריס געטאָן ארויס, און מיט זיינע מאָגערע, ווייסע פינגער האט ער פארשטעלט די ליפּן.

אָרע, אַן אומעטיקער און מיט א פארשעמטן שמייכל, האט

אים געענטפערט אויף זיין „גוט אונט" און זיך נאכדעם אפּ־גערופן:

— איר דערקענט מיך, רבי?

דער רב האט מיט די פינגער געגומען שציפּלען זיין קליין, שווארץ בערדל אונטער די ליפּן, ווי זיין טבע איז געווען, און ער האט געענטפערט:

— וואס הייסט? אודאי דערקען איך אייך. אביסל צופיל ארונטערגעשניטן, אבער אן ספנות!

— מיט רשעות, רבי, האט דער בארבער דאס געטאן. א סאָ־ציאליסט, אן אפּיקורוס, אז איך האב נאכדעם א קוק געטאן אויף זיך אין דעם שפּיגל, בין איך שיעור נישט געפאלן אין חלשות. איך וואלט אים דערפאר די באקן צעפּאטשט, רבי.

— אן ספנות, אן ספנות, — האט דער רב געמאכט צו אים מיט זיין ווייסער, דינער האנט, — ר' אהרן, די באָרד וועט אפּ־וואקסן. דער עיקר, אזוי וועט איר בעסער געפעלן ווערן אייערער. און דער ענין „שלום־בית" איז גאר, גאר א גרויסער, און איך זאג אייך, א הייליקער ענין...

ארע האט אים נאכדערציילט אלצדינג, וואס ביי אים אין שטוב איז היינט פארגעקומען. דער רב איז געזעסן ביים טיש, האט געדרייכערט א סיגארעט און פארטראכט זיך צוגעהערט צו דעם, וואס ארע האט אים דערציילט, און ער האט אויף אים שטארק רחמנות געהאט.

— רבי, — האט ארע גערעדט מיט א פארשטיקטער אויפ־רעגונג אין דעם קול, — אזוי צי אזוי, עס איז נישט גוט; עס איז שלעכט. די מאמע זאגט מיר פריער, אז עס איז גארנישט כדאי געווען, וואס איך בין אזוי רייך געווארן. איך האב שוין אליין דערפון א סך מאל געטראכט און מיט אייך דערפון גערעדט. אין דער אמתן, רבי, זינט איך בין געווארן אויס ארימאן, האב איך דאך קיין איין ריכטיקדרואיקן טאג נישט געהאט. נו, האב איך נאך 10 טויזנט דאלער, נאך 10 מאל 10 טויזנט דאלער; האב איך מילי־מילי־מילאסן דאלערס; האב איך א גאנץ בראנזוויל ביי זיך אין קעשענע; — נו, איז וואס, הא? איז מיר דערפון גוט?

איז בײַ מיר אינדערהײם דערפֿאַר רואיק? זענען זײ אַלע צופֿרידן? בין איך אַלײן צופֿרידן? נו, מאַך איך נישט קײן קידוש, אַזױ װי אַמאָל, איבער ראָזשינקעס־װײַן; מאַך איך הײַנט קידוש איבער דעם בעסטען, איבער דעם טײַערסטען װײַן, װאָס איך גיס אָן אין אַ טײַערן, גאָלדענעם כּוס, — נו איז װאָס? האָב איך דערפֿאַר מער תּענוג־שבת װי אַמאָל? אָ, נײן, רבי, אָ, נײן! אַפֿילו דעם תּענוג־שבת האָב איך פֿריִער געהאַט מער װי הײַנט. טאַקע נישט אַזעלכע טײַערע מאכלים װי הײַנט, אָבער אמת הנאה האָט מען פֿון יענע מאכלים געהאַט! מיט יענע האָב איך זיך אַזױ נישט געשטיקט און נישט געװאָרגן, װי מיט אָט די הײַנטיקע, אין אָט דעם שײנעם הױז מיט די דינסטן אין שטוב און מיט די טױזנטער אין די באַנקן און מיט די אַלע הײַזער... אָ, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — װאָס איז דאָ צו רעדן!... נישט גוט, נישט גוט, נישט גוט!...

— ר׳ אהרון, — האָט דער רבֿ אים געטרײסט, — איר דאַרפֿט זיך נישט אַזױ נעמען צום האַרצן אָט די אַלע זאַכן. פֿונדעסטװעגן אײַער שאָדן אױף אַלע ײדן געזאָגט געװאָרן. אודאי איז אײַך נישט גוט אױפֿן האַרצן, און איך פֿאַרשטײ גאַנץ גוט פֿאַרװאָס; אָבער גאָט װעט העלפֿן, ס׳װעט אַלץ װידער װערן װי עס באַדאַרף צו זײַן. אײַער װײַב װעט זיך איבערבעטן מיט אײַער מאַמען און איר װעט זיך איבערבעטן מיט אײַער װײַב, און איר װעט זען, װי איר װעט דעמאָלט אַנדערש טראַכטן און אַנדערש פֿילן.

אָרע האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— עס גלױבט זיך נישט, עס גלױבט זיך נישט, רבי. עס איז דאָ אַזױ פֿיל צו רעדן, אַז װיפֿל איך זאָל אײַך נישט דערצײלן, װעל איך אַלצדינג נישט אױסדערצײלן...

— און איך זאָג אײַך, ר׳ אהרון, אַז איר טרײַבט אָן אױף זיך אַלײן אַ שרעק. עס איז גאָרנישט אַזױ װי איר מײנט. עס איז אַ גאַנץ געװײנלעכע זאַך, אַז אַ שנור מיט אַ שװיגער זאָלן נישט קאָנען הױזן. און מײן עצה איז, אַז דערװײל זאָל אײַער מאַמע װױנען געזונטערהײט דאָרט װו זי איז איצט. און מיט אײַער װײַב

בעט זיך איבער און גיט איר צו פארשטיין מיט גוטן, ווי טייער איך איז אייער מאמע און ווי טייער א מאמע בכלל דארף זיין ביי אירע קינדער. פאלגט מיין עצה, רבי אהרן...

ערע האט אים אנגעקוקט פארטראכט, נאכדעם האט ער זיך אפגערופן:

— איר מיינט אויך, אז זי זאל דארט בלייבן דערווייליע?

— אודאי מיין איך. און קיין גלייכערע זאך האט אייער מאמע נישט געקאנט טאן. איר וועט זען, וואס פאר א שלום־בית עס וועט ביי אייך איצט זיין.

— מיינע קינדער וועלן איצט האבן נאכמער וואס צו רעדן קעגן זייער טאטן. זינט איך בין רייך געווארן, קען איך זיך זיי גארנישט אויסצאלן. פריער, אז איך בין געווען אן ארימאן, האט מיין פיניע מיר אמאל פוגע בכבוד געווען, און היינט איז וויפל איך צעטו נישט פאר מיינע קינדער און וואס איך טו נישט פאר זיי, איז אלץ נישט געצוג, אלץ ווייניק און אלץ מער ווערן זיי מיר שונאים. און איך האב דערפון אזא הארצווייטאג, פע! איך זאג אייך נאכאמאל, רבי, נישט כדאי געווען. זייער נישט כדאי געווען...

— כדאי געווען, כדאי געווען, — האט זיך א כאפ געטאן דער רב, — אויב ביי אייערע קינדער האט איר נישט געהאט געצוג כבוד, האט איר אבער געהאט כבוד ביי אנדערע, ביי לייטן...

ערע האט אויפגערעגט א לאך געטאן און דערנאך זיך אפגערופן:

— א, איר מיינט דעם כבוד פון צו זיין א פרעזידענט? ווייסט איר דאך, רבי, וויפל איך האב געהאלטן פון אט דעם כבוד. ניין, מוחל אזא כבוד. דער גרעסטער בזיון! קוים פון אים פטור גע־ווארן! צוליב דעם איז אודאי נישט כדאי געווען רייך צו ווערן...

— פונדעסטוועגן, ר' אהרון, אז גאט האט אייך געהאלפן און איר זענט רייך געווארן, האלט איר אויף די תלמוד־תורה, האט איר אויפגעבויט א בית־מדרש, שטיצט איר לאנדסלייט און צדקה אנשטאלטן...

— רבי, איך האב נישט לאנג צוריק געלייענט אין „קב הישר",

אַז איין פּרוטה פון אַן אָרימאַן, אַ פרומען יידן, וואָס ער גיט שטילינקערהייט, בסתר, איז מער אָנגענומען ביי גאָט, ווי טויזנ־טער און טויזנטער גאָלדענע רענדלעך, וואָס נגידים גיבן, כּדי מען זאָל וויסן, אַז זיי זענען גרויסע בעלי־צדקות.

— דאָס איז אַזוי, ר׳ אהרון, גאַנץ ריכטיק, — האָט דער רב מיט אים מסכּים געווען, — פונדעסטוועגן, מיט דער פּרוטה פון אַן אָרימאַן קען מען קיין תּלמוד־תּורה נישט אויפהאַלטן און קיין בית־המדרש נישט בויען...

רייטשל איז אַריינגעקומען, און דאָס מאָל איז זי געווען באַזונדערס פריינטלעך מיטן רב. זי האָט גערעדט צו אים מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ און נאָכגעפרעגט זיך אויף זיין געזונט, און געבעטן אים צו טרינקען טיי און צובייסן. פריער האָט דאָס שטענ־דיק געטאָן די אַלטע פרומע.

טרינקענדיק נאָכדעם דעם טיי, האָט דער רב זיך אָנגערופן צו אָרען מיט אַ שמייכל:

— איך מיין, ר׳ אהרון, אַז צוליב אַזאַ ווייבל אַליין ווי אייערע, זאָל געזונט זיין, איז כּדאי געווען רייך צו ווערן...

האָט אָרע אַ זיפץ געטאָן און נישט געענטפערט, נאָר האָט פאַרטראַכט געמישט דעם מאַלינעס־זאַפט אין זיין גלאָז טיי מיט אַ לעפעלע און געקוקט פאַר זיך צעטראָגן.

דער רב האָט געטרונקען דעם טיי און גערעדט ווייטער:

— אַלזאָ, פאָלג מיך, בעט זיך איבער מיט איר. זאָל איך אייך אפשר העלפן זיך איבערבעטן מיט איר?

און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל ביי אָרען אַרויסגעריסן:

— און איך, רבי, טראַכט פון עפּעס אַנדערש!

ער האָט אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז טיי אויפן טיש, זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּרייזן איבערן צימער צעטראָגן אַהין און צוריק.

— רבי, אַז איר וואָלט מיר בעסער געקענט העלפן אַרויסצו־רייסן זיך פון אָט דער קליפּה... יאָ, די מאַמע איז גערעכט: זי איז אַ קליפּה... האָט זיך איינגעגעסן אין דיביינער און אין מיר, נישט אַרויסצורייסן... אַזוי ווי זי וואָלט מיר עפּעס אָפּגעטאָן... איך זאָג

איך דעם אמת, רבי, נישט פון איצט אָן, נאָר פון דעמאָלט נאָך, ווען זי איז בײַ מיר אַ „באָרדערקע״ געווען... איך שעם זיך פאַר זיך אַליין, אָבער אַזוי איז דאָס... אַזוי ווי אַ בּישוף!... — האָט אָרע שוין גערעדט שטיל.

איז ד'ער רב אויך אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צו אָרען, האָט אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט:

— מאַכט זיך נישט נאַריש, ר' אָרע! אומזיסט יסורים טוט איר זיך אָן. זי איז אייער ווײַב כדת משה וישראל. און אַז מען האָט האָלט אַ ווײַב מיינט עס נישט, חלילה, אַז זי האָט עפּעס אונטערגעטאָן. רחל האָט נישט אונטערגעטאָן יעקבן, אַז ער זאָל זי האָלט האָבן, נאָר אַזוי איז געווען גאָטס רצון. און אַזוי איז דער רצון פון גאָט, ברוך הוא, אַז איר זאָלט האָלט האָבן אייער ווײַב און גלויבט מיר, רבי אהרון, אַז זי איז דאָס ווערט...

און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמאַכט שלום צווישן אָרען און רייטשלען. דערבײַ האָט ער געפּועלט בײַ איר, אַז זי זאָל ווידער צוזאָגן אָרען, אַז אין אַ שטיקל צײַט שפּעטער, ווען זי גייען איבערבעטן פרומען און זי ברענגען צוריק.

דער רב איז געזעסן נאָך אַ ווײַלע בײַ אָרען, נאָכדעם איז ער מיט אים אַוועק ערגעץ צו אַ מיטינג.

דעם זעלביקן אויפדערנאַכט איז רייטשל צוגעפאָרן צו סעמקעס הויז און האָט דער מיסעס בלום אַוועקגעשענקט איר פּודעל. זי האָט איר געזאָגט:

— מײַן מאַן וויל נישט האָבן מער דעם הינטל אין שטוב און וואָס וועט נישט טאָן אַ געטרייע ווײַב צוליב איר מאַן? איך שענק אײַך אַוועק דעם הינטל, מחמת איך האָב האָגין ליב און איך וויל אים איבערלאָזן אין גוטע הענט.

זי האָט געהאַפט צו טרעפן דאָרט סעמקען, ער איז אָבער אינדערהיים נישט געווען. איז זי אויף מאָרגן געפאָרן אין ניו־יאָרק, כּדי צו טרעפן זיך מיט אים דאָרט, ווי זיי האָבן נעכטן אָפּגערעדט. אויך האָט זי בדעה געהאַט אים צו זאָגן, ווען זיי וועלן זיך טרעפן, אַז זי קאָן אים נישט לייהען דאָס געלט, וואָס זי האָט אים נעכטן צוגעזאָגט צו לייהען.

11

סעמקע בלום אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון אַ נייער באַנק

נאָכדעם איז אַוועק אַ שטיקל צייט און ביי אָרען אינם הויז איז געווען שלום. מער ווי דאָס: נאָך קיינמאָל האָט רייטשל אָרען נישט אַזויפיל צוליב געטאָן, נישט אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט איר געקויפט די מאַשין, ווי איצט, נאָך פּרומעס אַוועקגיין. אַזוי ווי רייטשל וואָלט פון דער הויט געקראָכן, אַז אָרע זאָל זיין צו־פרידן און זאָל נישט טראַכטן מער פון ברענגען די מאַמען צוריק אהיים. עס האָט זיך איר נישט געלוינט צו האָבן די אַלטע אינם הויז.

סעמקע האָט איצט געקענט קומען צו איר אהיים, ווען נאָר ער האָט געוואָלט און נישט פרעגן מער אויף אָרען, און ער איז געקומען כמעט יעדן טאָג. מחמת דעם האָט זי נישט געדאַרפט גיין אים טרעפן ערגעץ־ווו אַנדערש און זי האָט געקענט פאַרבלייבן די מערסטע אָוונטן אינדערהיים, וואָס דאָס איז געווען מער אָנ־געלייגט ביי אָרען. און ביסלעכווייז האָט ער איינגעזען, אַז עס איז באמת געווען בעסער, וואָס זיין מאַמע האָט נישט געוווינט מיט אים.

בפרט נאָך, ווען זי, פּרומע, האָט זיך געהאַלטן אַזוי פאַר־עקשנט קעגן אים און נישט געוואָלט אַפילו, אַז ער זאָל זי קומען געוואָר ווערן צו איר לאַנדספּרוי.

עטלעכע מאָל איז ער פאַר דער צייט געגאַנגען צו רחל־לאהן אויף בעלמאָנט עוועניו געוואָר צו ווערן די אַלטע פּרומעס, און יעדעס מאָל האָט זי פאַרעקשנט אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, און געהערט האָט ער פון איר די אייגענע ווערטער:

— אַוועק, אַוועק, איך וויל נישט אָנקוקן דיין טרייפענעם פּנים! כּל־זמן דיין פּנים וועט נישט ווערן צוריק אַ יידישער, ווי

עס איז געווען, ווייז זיך בעסער נישט פאר מײַנע אויגן! איך בעט דיך, איך קאָן נישט קוקן אויף דיר, איך קאָן נישט!...

און פּאַרפאַלן! אָרעם רייד און טענות האָבן גאָרנישט גע־האָלפן. איז ער יעדעס מאָל אוועק פון זיין מאַמען מיט פאַרדרוס און געזאָגט צו זיך אַליין: „אי נו, איינגעעקשנט אַביסל!" פונ־דעסטוועגן האָט ער דערביי נישט פאַרגעסן יעדעס מאָל איבער־צולאָזן ביי דער אַלטער רחל־לאהן געלט פאַר זיין מאַמען.

קורץ, ביי אים אין הויז איז איצט געווען רואיק און שטיל און רייטשל איז געווען גאָר גאָר אַ ליטויש ווייב. זי האָט זיך איצט געפּלייסט אויסצוקומען גוט מיט אָרעמע צוליב נאָך עפּעס, דאָס הייסט, אַ חוץ צוליב דעם, אַז ער זאָל נישט וועלן ברענגען די מאַמען אַהיים צוריק, האָט זי אים געוואָלט אויסנוצן פאַר סעמקען. אין יענער צייט האָבן עטלעכע מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען אָרע און סעמקע, געפּלאַנעוועט צו גרינדן אַ נייע באַנק אין בראַנזוויל, וואָס אירע הויפּט־אַקציאָנערן זאָלן זיין געקליבענע בראַנזווילער רייכע יידן.

ביי סאַמועלסאָנען אין אָפיס זענען שוין פאַרגעקומען עט־לעכע זיצונגען וועגן אָט דעם ענין. אַ חוץ אָרען און סעמקען און סאַמועלסאָנען אַליין, זענען ביי אָט די זיצונגען געווען יאַכנעטשיק און גוטמאַן, און כינדזשיק, און דאָקטאָר הודקין און דאָקטאָר זילבערשטיין, און פּאַמעניקל מיט די רויטע האָר, און חיים־זוסע פּליוך, און נאָך אַ פּאָר באַוווסטע לאָיערס פון ניו יאָרק.

אָט די אַלע מענטשן, די הויפּט־אויפבויער פון בראַנזוויל און איסט־ניו־יאָרק און פון פלאַטבוש, האָבן געזאָלט זיין די די־רעקטאָרן און די וויצע־פּרעזידענטן און די אַנדערע דעה־זאָגערס פון אָט דער נייער באַנק.

אויף אָט די זיצונגען האָט מען נישט געקאָנט דורכקומען וועגן דעם, ווער עס זאָל זיין פּרעזידענט פון דער דאָזיקער נייער באַנק. אַ פּאָר זייערע האָבן געוואָלט, אַז אָרע זאָל זיין פּרעזידענט, מחמת מ'האָט גערעכנט, אַז ער זאָל קויפן מער אַקציעס („שערס", — הייסט עס) פון אָט דער באַנק, איידער די אַנדערע. און, ווידער, מחמת ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ זייער אָרנטלעכן מענטשן,

וואָס פאַר אַ נייער באַנק אין בראָנזוויל איז דאָס זייער נויטיק געווען, כּדי צו געווינען דעם צוטרוי פון דעם בראָנזווילער יידישן עולם. און ווידער אַנדערע האָבן געוואָלט, אַז סאַמועלסאָן זאָל זיין פּרעזידענט. און אויך סעמקע האָט דאָרט אויף די זיצונגען געהאַט זיינע פּאָר אָנהענגער, וואָס האָבן אים געוואָלט העלפן, און מחמת דעם האָט זי געזוכט צו ווירקן אויף אָרען, אַז ער זאָל שטיצן סעמקעס קאַנדידאַטור.

און ווי אָרע איז איצט געווען צופרידן מיט איר, און ווי ער האָט איר געוואָלט נאָכגעבן און טאָן, וואָס זי האָט געוואָלט, איז אים דאָך שווער געווען צו פּועלן ביי זיך, אַז ער זאָל העלפן סעמקען צו ווערן פּרעזידענט פון דער נייער באַנק, נישט דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט חשק געהאַט צו זיין פּרעזידענט, ניין, חלילה, ער האָט דערפון אַפילו נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך גלייך דערפון אָפּגעזאָגט מיט דער טענה: וואָס הייסט ער וועט זיין פּרעזידענט פון אַ באַנק? ער, וואָס אַז עס קומט צו אַן ענגלישן וואָרט, איז ער אַ גרינהאָרן, ווי ערשט פונם שיף אַרונטער! נאָר ער האָט נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך צו שטיצן סעמקען, מחמת אין האַרצן ביי זיך האָט ער נאָך אַלץ פאַר אים קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט ווי „דער אָדעסער זשוליק“. און ווידער האָט ער געוווסט, אַז ער וועט בשום אופן נישט קאָנען פּועלן ביי די אַנדערע, אַז מען זאָל אָנפאַרטרויען סעמקע בלום דעם גרעסטן אמט פון דער נייער באַנק, און ער, אָרע, האָט נישט געוואָלט בלייבן קיין נאַר.

און סעמקע אַליין האָט, פאַרשטייט זיך, געאַרבעט אויף אַלע כּלים, אַז ער זאָל ווערן פּרעזידענט פון דער נייער באַנק. ער האָט געטענהט, אַז דער פּלאַן וועגן אָט דער באַנק איז אינגאַנצן זיינער און דערפאַר קומט אים צו זיין פּרעזידענט.

ער האָט אָנגעהויבן צו לאָזן זיך הערן. מיט אַמאָל איז ער געוואָרן אַ כּלל־טוער און מען האָט געקאָנט לייענען אין די יידישע צייטונגען, אַז מיסטער סעם בלום פון איסטערן פּאַרק־וועי (דער־ביי איז געווען אָנגעגעבן פּינקטלעך דער נומער פון זיין הויז), האָט מנדב געווען אַזויפיל און אַזויפיל הונדערטער אויף אַזאַ

אַנשטאַלט, אויף אַן אַנדער אַנשטאַלט; אַז ער איז געווען פֿאַרזיצער ביי דער און דער פֿאַרזאַמלונג; אַז ער טוט דאָס און יענץ, און שטענדיק לטובת הכּלל און בפֿרט פֿאַר דער בראָנזווילער ייִדישער באַפֿעלקערונג...

פֿאַר די פֿאַר וואָכן, ווען עס זענען אָנגעגאַנגען די פֿאַרהאַנדלונגען וועגן דער געפּלאַנטער נייער באַנק אין בראָנזוויל, האָט ער, סעמקע, באַוויזן די בריהשאַפֿט, אַז מען זאָל וועגן אים יעדן טאָג שרייבן אין די ייִדישע צייטונגען, וואָס זענען געלייענט געוואָרן אין בראָנזוויל.

אין אָט דער צייט איז אים איינמאָל אויך איינגעפֿאַלן דער פּלאַן וועגן אַ נייעם האָספּיטאַל אין בראָנזוויל, און ער האָט פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים אויף אַ דינער אַ היפּשן עולם, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַלע יענע, וואָס האָבן געוואָלט גרינדן די נייע באַנק, מיט זייערע ווייבער און אויך פֿאָרשטייער פֿון אַ פּאָר ניו־יאָרקער ייִדישע צייטונגען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿאַרבעטענע געסט זענען נישט געקומען אַלע אין איין צייט.

צוערשט איז געקומען אברהם גוטמאַן, אַ הויכער ייִד מיט אַ רויטן פּנים און מיט ווייסע וואָנצעס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרויען אָנצוג, האָט געטראָגן אַ רינג מיט אַ גרויסן בריליאַנט אויף אַ פֿינגער און אַ שפּילקע מיט אַ גרויסן בריליאַנט אין זיין האַלזטוך. געטראָטן האָט ער מיט זיינע הויכע אָקסלען הויך פֿאַריסן און האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט לכתחילה זיכער געווען ביי זיך, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז געווען ריינע חכמה...

דער־דאָזיקער ייִד, וואָס ערשט מיט פֿיר יאָר צוריק האָט ער געהאַלטן אַ קליין קרעמל אויף בעלמאָנט עוועניו, איז איצט געווען אַ בעל־מטופּל פֿון אַ סך היזער אין בראָנזוויל און אין איסט ניו־יאָרק. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־גאווה און אַ כּבוד־זוכער, — פּונקט דער היפּוך פֿון אָרען. ער איז געווען איצט דער פּרעזידענט פֿון דער תּלמוד־תּורה אויף אָרעס פּלאַץ, און הגם ער איז געווען נישט קיין קלענערער עם־הארץ פֿון אָרען, האָט ער געהאַלטן, אַז

אים קומט דער כּבוד פון צו זיין פּרעזידענט פון אָט דער אינ־סטיטוציע, און האָט זיך געמישט אין אַלע ענינים פון דער תּלמוד־תּורה, ווו מען האָט געלערנט עברית־בעברית, און אַפילו דעות געזאָגט די לערער, ווי אַזוי צו לערנען מיט די תּלמידים...

דער־דאָזיקער אברהם גוטמאַן האָט, אמת, קיינמאָל נישט אָפּגע־זאָגט זיך פון צו געבן געלט אויף עפּעס אַ כּלל־זאַך, אָבער שטענ־דיק האָט ער עס געגעבן אַזוי, אַז אַלע זאָלן דערפון וויסן, אים האָט זיך אויך געוואָלט זיין פּרעזידענט פון דער נייער באַנק. ער איז זיכער געווען, אַז ער איז געווען דער פּאַסנדסטער מענטש צו זיין פּרעזידענט פון אַ נייער באַנק אין בראַנזוויל. אויף די זיצונ־גען האָט ער כּסדר באַקעמפט סעמקען. ער וואָלט נישט געקומען צו סעמקען יענעם טאָג אויף דינער, ווען ער וואָלט נישט מורא געהאַט, אַז סעמקע איז אויסן געווען מיט זיין דינער פאַר דעם האָספּיטאָל צו געווינען פּרעזידענט־שטימען אויף זיין זייט...

באַלד נאָך אים זענען אָנגעקומען אָרע מיט רייטשלען און במעט אין דער זעלבער צייט, — דאָקטאָר הידקין מיט עטלען. און אין אַ ווײַלע אַרום איז געקומען פּיניע. ער איז געקומען אָן זיין ווייב. סעמקע האָט אים אויך פאַרבעטן אויף אָט דעם דינער, מחמת רייטשל האָט אים פאַרזיכערט, אַז פּיניע איז געווען זייער אַ מענטש און וועט שטיין מיט זיי.

(אגב אָרוב אָט דער צייט האָט פּיניע מיט דאָקטאָר הודקינען זיך געגרייט „צו עפענען אָרען די אויגן". זיי האָבן שוין געהאַט ריכטיקע באַווייזן קעגן רייטשלען. איינע פון אָרעס דינסטן האָט אים געזאָלט „עפענען די אויגן").

אָט די אַלע אויסגערעכנטע געסט האָבן דערווייל, ביז די אַנ־דערע זענען געקומען, פאַרבראַכט ביי סעמקען אין ביבליאָטעק־צימער. זיי זענען געזעסן אין איין צימער און האָבן געשמועסט איינער מיטן אַנדערן וועגן דער געפּלאַנטער נייער באַנק. סעמקע מיט זיין ווייב זענען דאָרט פאַרנומען געווען ביי דער אַריינגאַנגס־טיר, ווו זיי האָבן אויפגענומען די נייע געסט.

האָט זיך רייטשל דעמאָלט אָנגערופן:

— דער גאַנצער פּלאַן פון אָט דער באַנק איז מיסטער בלומס.

האט גוטמאן א וויש געטאן מיט דער רעכטער האנט די ווייסע וואנצעס אונטער זיין דיקער רויטער נאז און ארויסגע־ברומט:

— און אז זיין פלאן איז וואס? דערפאר קומט אים צו זיין פרעזידענט? פכע! — האט ער א כראקע געטאן מיט כעס אין זיין ווייס טיכל אריין, וואס ער האט ארויסגענומען פון בוזעם־קע־שענע. — ער וועט פרעזידענט פון אונזער נייער באנק קיינמאל נישט זיין!

פיניע האט זיך אריינגעמישט און פון זיין טאן האט מען נישט געקאנט וויסן, צי ער האט געהאלטן מיט סעמקען צי נישט:

— איר מיינט, מיסטער גוטמאן, אז מיר האבן א פאסנדערן מענטשן פאר פרעזידענט?

— מיין מיינונג, — האט גוטמאן געענטפערט אויף א גראבן קול, — האב איך שוין וועגן דעם נישט איינמאל ארויסגעזאגט און צוליב א דינער, אפילו דעם בעסטן, וועל איך מיין מיינונג נישט בייטן...

רייטשל האט צו אים א שמייכל געטאן מיט איר גאנצן חן און געזאגט:

— און איך מיין, מיסטער גוטמאן, אז א פרעזידענט פון א באנק דארף זיין א געבילדעטער דזשענטלמאן. ער דארף קענען רעדן שיין און זיין עפעס א מאן! נישט אמת, ארע? — האט זי זיך א קער געטאן צו אים.

ארע האט ארויסגעמורמלט:

— כ'ווייס? אפשר ביזטו גערעכט... ער האט א צונג, דאס קאן מען נישט לייקענען... א מענטש מיט.. כ'ווייס?...

אברהם גוטמאן האט זיך א כאפ געטאן און אויסגעשטעלט צו אים די האנט מיט דעם דאלאן ארויף:

— דו זעסט, ארע, — האט ער געזאגט מיט זיין גראבן קול, און דער פנים איז ביי אים נאך רויטער געווארן, — וואקסט אט דא האר? אט אזוי וועט ער זיין פרעזידענט! אדער איך וועל זיין פרעזידענט, אדער דו פונמיינטוועגן, אנישט וועט מען נישט פידלען!...

עטל, וואָס איז געזעסן אַן אויסגעפּוצטע נעבן דאָקטאָר הודקינען, האָט זיך אויך געלאָזט הערן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— עס זענען פאַראַן געגוג מענטשן, וואָס קאָנען זיין פּרעזידענטן. מיין דאָקטאָר קאָן אויך זיין פּרעזידענט. מיט אים קאָן מען זיך אויך נישט פאַרשעמען און ער קען אוודאי רעדן...

האָט זיך אָרע צו איר אָנגערופן גוטמוטיק:

— שאַ, עטל, ווייבער דאַרפן זיך אין דעם נישט מישן.

— היינט, הלמאי מישט זיך דיין ווייב? — האָט אים געענטפערט עטל צעררייצט, און אַ קוק געטאָן מיט כעס אויף רייטשלען.

גוטמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מילא, מילא! לאָמיר דערפון מער נישט רעדן. נישט שיין, ביי אים אין הויז.

האָט זיך רייטשל ווידער אָנגערופן:

— צי איר וועט יאָ רעדן, צי איר וועט נישט רעדן, איך קאָן אייך בלויז איין זאַך זאָגן, מיסטער גוטמאַן: מיסטער בלום איז דער פּעאיקסטער ביזנעסמאַן צווישן אייך אַלעמען און אַ באַנק פאָדערט אַזאַ מאַן, ווי אים פאַר אַ פּרעזידענט. און אויב איר מאַכט עמיצן אַנדערש פאַר פּרעזידענט, וועט מיין מאַן נישט ריזיקירן מיט זיין קאַפּיטאַל, נאָ סער!...

דאָקטאָר הודקין האָט אַרויסגעפּליסטערט שטיל צו עטלען און צו פּיניען, וואָס איז נעבן אים געזעסן:

— הערט נאָר, ווי זי רעדט דאָס וועגן זיין קאַפּיטאַל! מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט זי רעדט דאָס! און מיט וואָס פאַר אַ חוצפּה זי אַגיטירט פאַר איר געליבטן. געדאַרפט דעם עובר־בטל עפּענען די אויגן טאַקע איצט אָט־דאָ־אָ ביי איר געליבטן אין הויז...

— נישט געהיצט זיך, נישט געקאָכט זיך, אַביסעלע געדולד! — האָט פּיניע אים איבערגעשלאָגן אין דער שטיל, — מיר וועלן איר שוין אויפשפּילן אַ ריכטיקע חתונה, מיר דאַרפן נאָר פריער זיין זיכער, אַז יענע זאָל נישט חרטה האָבן. איכ'ל מאָרגן נאָכאַמאָל מיט יענער אַ שמועס טאָן...

(יענע איז געווען איינע פון אָרעם דינסטן מיטן נאָמען ביילקע).

פלוצים האָט אָרע זיך אויפגעהויבן:

— פיניע! — האָט ער אַ רוף געטאָן.

פיניע איז צו אים צוגעגאַנגען.

— איר דאַרפט מיך, שווער?

— קום, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

און זיי זענען אַוועק אין אַ ווינקל און האָבן זיך דאָרט אַוועק־געזעצט.

— פיניע, — האָט אָרע זיך דערנאָך אָנגערופן, — וואָס וועט זיין דער תכלית דערפון, וואָס די מאַמע וויל מיט מיר נישט רעדן? איך האָב דערפון גרויס האַרץ־ווייטאָג. וויפל איך האָב זיך ביי איר נישט צעבעטן, אַז זי זאָל מיר זאָגן, טאָמער דאַרף זי עפּעס, אין גאָרנישט, — טוט נישט אַ קוק אפילו אין מיין זייט!

— מילא, שווער, איך וועל שוין זען צו מאַכן שלום צווישן אייך, — האָט פיניע געענטפערט.

— טו דאָס, פיניע... אַ מאַמע... אַלע מיינע יאָרן איר אָפּ־געגעבן כבוד... נאָך עפּעס, פיניע, — האָט אָרע זיך פלוצים איבער־געשלאָגן, — איך דאַרף מאָרגן אריינטראָגן געלט אין דער ביל־דינג־לאָאַן אַסאָסיאיישאָן, און מעשה שטן, וועט מיר אויספעלן איצטער אַ ביסל „קעש", אפשר קאָנסטו מיר לייהען עטלעכע טויזנט דאָלאַר אויף אַ פּאָר וואָכן?

— געוויס, שווער, מיט פאַרגעניגן. איך האָב פינף טויזנט דאָלאַר אין באַנק. וועל איך זיי אייך לייהען. וואָס איז מיר דער חילוק, צי ביי אייך וועט ליגן מיין געלט, צי אין דער באַנק?

— איך דאַנק דיר, פיניע, — האָט אָרע געזאָגט, — איך וועל דיר באַצאָלן מיט גוטן פּראָצענט.

און זיי זענען אַוועק צוריק צו די איבעריקע געסט.

אין אָט דער צייט האָט זיך גוטמאַן אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אַ ווונק געטאָן צו אָרען, און זיי ביידע זענען דערנאָך אַרויס פונם ביבליאָטעק־צימער און זענען אריינגעגאַנגען אין פראָנט־צימער. דאָרט האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ סאָפע און אברהם גוטמאַן האָט אָנגענומען אָרען פאַר אַ האַנט און זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר, אָרע, מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו קריגסט אַן „עקסטענשאַן" אין „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאָן" אויף דײַנע הײַזער אין סאַראַטאָגאַ עוועניו, איז דאָס אמת?

— יאָ, אין קריג אויף זעקס חדשים. איך דאַרף מאָרגן אײַנצאָלן זעכציק טויזנט, צאָל איך דערווײַל איין דרײַסיק טויזנט. אַזוי האָב איך אָפּגערעדט.

גוטמאַן האָט אײַנגעלאָזן זײַן האַנט און אַ צי געטאָן די אַקסלען.

— דו ביסט אַ דזשיקאַן, אָרע. אַ מוראדיקער עקשן, — האָט ער געזאָגט. — איך באָט דיר הונדערט און פינף טויזנט דאָלאַר פאַר די הײַזער אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו, און זיבעציק טויזנט גלײַך קעש. איך גיב דיר גלײַך אַ טשעק און דו האָסט זיך אײַנגעשפּאָרט: ניין, און ניין! וואָס טויגן דיר די טובות פון דער „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאָן"? נעם דאָס געלט, וועסטו קאָנען באַצאָלן די גאַנצע זעכציק טויזנט. עס וועט זײַן סײַ שענער און סײַ ביליקער פאַר דיר!

אָרע האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— אונטער הונדערט און פופצן פאַרקויף איך נישט יענע הײַזער. וואָס פאַר אַ חודש האָבן מיר הײַנט? אָקטאָבער?

— מיר האָבן הײַנט סוף אָקטאָבער נײַנצן הונדערט און זיבן... — האָט אונטערגעכאַפּט אברהם גוטמאַן מיט אַ שפּאָטיש שמייכל, — וואָס איז, אָרע?

— טאָ געדענק - זשע, אברהם גוטמאַן, מײַנע ווערטער, אַז איבעראַיאָר אין אָקטאָבער, אַז מיר וועלן דערלעבן, וועסטו מיר באָטן פאַר אָט די זעלבע הײַזער מיט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר מער.

— אָדער יאָ, אָדער מיט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר ווייניקער. דערווײַל איז די „ריעל-עסטייט ביזנעס" בײַ אונז נישט אַזוי פויגלדיק ווי פריער...

— בײַ די קליינע, אברהם גוטמאַן, בײַ די קליינע, נישט בײַ אונז, די גרויסע!...

אברהם גוטמאַן האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן:

— מילא, דו ווילסט נישט? איז נישט געפידלט. איך וועל מער נישט צאָלן פאַר יענע הייזער.

— אַז איך איל זיך גאָרנישט צו פאַרקויפן די הייזער! אין זאָגן דיר גאָר דעם אמת, אברהם? — האָט אָרע זיך פּלוצים איבערגעשלאָגן מיט עקשנות. — איך וועל מער נישט פאַרקויפן די הייזער, נישט אפילו פאַר הונדערט און פופצן, און אַן עק, א סוף!

און ער איז אַוועק צו דעם איבעריקן עולם, און אברהם גוטמאַן נאָך אים.

ווען אָרע מיט גוטמאַנען זענען אַריין אין ביבליאָטעק־צימער, האָבן זיי קוים געפונען פּלאַץ, ווו צו שטיין, אַזויפיל מענטשן זענען דאָרט איצט געווען.

סאַמועלסאָן האָט זיך דאָרט עפּעס געשפּאַרט מיט דאָקטאָר זילבערשטיינען און דאָקטאָר הודקינען, און כינדזשיק האָט גע־האַלטן פאַר אַ קנעפּל פונם ראָק יאַכנעטשיקן און האָט אים עפּעס דערציילט, און זייביידע האָבן געלאַכט אויפן קול. און פּיניע און רייטשל האָבן זיך עפּעס געשושקעט מיט סעמיקען, און סעמ־קעס קליין ווייבל האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די געסט אַ צע־פלאַמטע מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן שמייכל, אַרויסשטעלנדיק אירע פאַדערשטע פאַר גאָלדענע ציין, און האָט צו יעדן פון זיי געזאָגט אַ גוט וואָרט. און חיים־זיסע פּליוך איז דאָרט עפּעס געווען פאַר־גומען מיט זיין יונג ווייבל, וואָס זי איז פריער געווען אַ דינסט ביי זיין ערשט ווייב, איידער ער האָט יענע געגט. ער איז געזעסן נעבן איר און האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי אַ הינטל זיין באַלעבאָסטע, און האָט צו איר עפּעס גערעדט. אויך פּאָמפּערניקעל איז דאָרט געווען אַן זיין רויטער באָרד, נאָר מיט רויטע וואָנסעס. און דער פּנים ביי אָם דעם פריערדיקן בעקער איז איצט געווען מאָדנע ווייס, אַזוי ווי אויסגעקייקעלט אין מעל. פּאָמפּערניקעל האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט, איז געגאַנגען פון איין גרופּע צו דער אַנדערער, געשטאַנען אַ ווײַלע נעבן איינער און האָט זיך צוגעהערט און זיך אומגעקוקט מיט זיינע ווייסע אויגן פון אונטער די רויטע ברעמען אויף אַן אַנדער גרופּע און איז באַלד אַוועק צו איר.

אזויינער איינס האָט מען געוואָרפן צום טיש. א געהויבענער מאָלצייט געווען. א סעודה ווי אויף דער רייכסטער חתונה, מיט שאַמפּאַניער און מיט די אַנדערע טייערסטע משקאות, וואָס די פּריערדיקע בראָנזווילער אָרימעלייט זענען אויף זיי איצט געווען די בעסטע קונדן, און מיט בלומען נעבן יעדן גאַסט.

דער דינער האָט זיך געזאָלט פאַרציען ביז פאַרנאַכט, און קאָרטן אפשר ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. מחמת טישלעך מיט קאָרטן זענען שוין אויך געווען צוגעגרייט אין אַן אַנדער צימער, און דער געווינס האָט געזאָלט זיין פאַר דעם נייעם האָספּיטאָל, וואָס סעמקע האָט געפּלאַנעוועט.

די פּאָר שרייבער פון די יידישע צייטונגען זענען געווען די איינציקע אָרימעלייט צווישן אַט די געסט. די איבעריקע זענען אַלע געווען בראָנזווילער גבירים מיט זייערע ווייבער, וואָס א סך פון זיי האָבן זיך גרויס געהאַלטן מיט זייער חכמה און זייערע געשעפט־פעאיקייטן, מיט זייער עשירות, מיט זייערע שיינע הייזער, שיינע פערד, מיט דעם צירונג פון זייערע ווייבער, מיט זייער הונט און הינטל, מיט זייערע נדבות, און אַנדערע, — מיט די „גרויסע מענטשן״, ס׳רוב אירישע פּאָליטישענס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געפריינדלט און מיט וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט ביי די „סמו־קערס״ און ביי הוטשי־קוטשי־טענץ און אין די אַנדערע עולם־הזה פּלעצער...

דער עולם האָט זיך געלאָזט וווילגיין, געגעסן און געטרונקען און קיינעם פון זיי איז חלילה נישט איינגעפאַלן צו האָבן טענות צו קאָלאָמבוסן...

און אַז סעמקע בלום האָט זיך נאָכדעם מיטאַמאָל אויפגע־הויבן און האָט געהאַלטן א ספּיטש וועגן דעם, ווי נויטיק עס איז צו האָבן א גרויסן, נייעם האָספּיטאָל פאַר די בראָנזווילער יידן, — „א האָספּיטאָל אַזאַ, פון וועלכן אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט זאָלן זיך קאָנען אָראָפּנעמען א מוסטער״, האָט רייטשל פאַרגנבעט אַראָפּגעווישט א טרער פון אירע שיינע אויגן. אַזוי וווּנדערלעך האָט זיך איר אויסגעוויזן זיין רעדע, וואָס איז באַ־ווירצט געווען מיט פאַרקריפּלטע רוסישע און דייטשע פראַזן. זיין

ספיטש האט געמאכט אן איינדרוק אויף די מערסטע געסט אין זיי האבן באוואונדערט, ווי אינטעליגענט ער איז געווען. נאר עט־לעכע פון די געסט, ווי סאמועלסאן, די פאר דאקטוירים, די פאר שרייבער און די פאר לאיערס פון ניו־יארק, — זיי האבן זיך אי־בערגעקוקט מיט א שמייכל, בעת ער האט געספיטשעוועט.

און מיט אמאל האט סעמקע ארויסגעכאפט פון קעשענע א טשעק, און פאכנדיק מיט אים איבער זיין בלאנדן קאפ, האט ער געשריגן:

— לײדיס און דזשענטעלמען, אבער מיט רייד אליין קאן אזא הייליקע זאך, ווי א שפיטאל פאר יידן און פון יידן פאר דעם גאנצן יידישן פאלק נישט אויפגעבויט ווערן. גיב איך ד'ערפאר דעם ערשטן בייטראג צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט דאלאר. פינף און צוואנציק הונדערטער! און איך האפע, אז איר, מיינע פריינדע, ווי דער דייטש זאגט: וועט נאכפאלגן מיין גוטן ביישפיל!

ער האט זיך אפגעשטעלט און א ווארף געטאן דעם טשעק אויף א זילבערנעם טאץ, וואס איז געשטאנען אויפן טיש, און נאכדעם האט ער אויסגערופן:

— הו איז נעקסט?

רייטשל האט אויפגעהויבן א האנט. סעמקע האט א קוק געטאן אויף איר.

— וויפל, מאדאן בידיק? — האט ער א פרעג געטאן מיט א העפלעכן שמייכל.

— פארשרייבט אויף מיר אליין פינף הונדערט. מיין מאן וועט געבן באזונדער.

דא האט זיך דערהערט גוטמאנס גראבער קול:

— איך האב גארנישט גערעכנט, אז מען זאל פאר דעם דינער דארפן באצאלן אזויפיל געלט. נאר, אויב דאס איז טאקע אויף א האספיטאל, און קיין אנדער זאך איז נישט אויסן מיסטער בלום, זאג איך זיך אודאי נישט אפ צו העלפן א גוטער זאך. אויב מיס־טער בלומס טשעק איז פאר פינף און צוואנציק הונדערט, וועט מיין טשעק זיין פאר דרייסיק הונדערט, און איך בין גארנישט נישט אויסן, גארנישט, איר הערט? גארנישט, ווי נאר די גוטע

זאך! ווארים ביי מיר איז געלט א שפיי! — האט ער א קלאפ גע־טאן אין טיש מיט זיין שווערער פויסט, — ווען מען דארף טאן א מצוה!...

די אנדערע האבן אים שטארק אפלאדירט.

נאך אים האט ארע און די איבעריקע געגעבן טשעקן. כמעט יעדער פון די פארבעטענע געסט האט אדער געגעבן א טשעק, אדער געהייסן זיך פארשרייבן א געוויסע סומע, וואס ביי די בראנז־ווילער יידן, מוז דא, אגב, באמערקט ווערן, איז דאס געווען אזוי גוט ווי מזומן געלט.

די דאזיקע אלע טשעקן זענען דערנאך איבערגעגעבן געווארן צו סאמועלסאנען, וואס האט געזאלט זיין דער „טרעזשורער" פון דעם נייעם האספיטאל.

די ווייבער האבן געקוקט אויף זייערע מענער און האבן זיך געפרעגלט פאר נחת. און וואס מער דער מאן האט געגעבן, אלץ נחתדיקער האט זיין ווייב געקוקט אויף אים און אלץ שטאלצער האט זי געקוקט אויף די אנדערע ווייבער.

סעמקע האט גאר געלויכטן און זיינע אויגן זענען געווען איין שמייכל. ער האט זיך צוגעזעצט צו די צייטונגס־שרייבער און מיט באגייסטערונג גענומען פאר זיי פאנאנדערוויקלען דעם פלאן, וואס ער האט אין זינען געהאט. די צייטונגען דארפן אים נאר העלפן. זיי דארפן נאר טאן זייער פליכט און „פאנאנדערבומען" דעם ענין, דאס הייסט, טאקע שרייבן וועגן דעם יעדן טאג און נישט זשאלעווען קיין פלאץ אין דער צייטונג, וועט ער דעמאלט ווייזן, וואס פאר א האספיטאל פאר יידן, געשאפן פון יידן, אויף יידיש געלט און אויף יידישער ענערגיע, בראנזוויל וועט האבן! א, אז ער, סעם בלום, נעמט עפעס אריין אין די הענט, קומט אלעמאל דערפון ארויס עפעס וויכטיקס. בפרט נאך א זאך, וואס איז אזוי נאנט זיין יידיש הארץ...

און ער האט צוגעלייגט נאך מיט גרעסערער באגייסטערונג:

— איר וועט זען, וואס איך וועל נאך אויפטאן, איבערהויפט, פאר די יידן. א, איך האב נאך אויפן קאפ א סך פלענער, אפילו פאר דעם ציוניזם. יא, יא, ווי איר הערט, פארן ציוניזם!... אין

הארצן בין איך אלעמאל געווען א ציוניסט. אויף דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאנגרעס וועל איך באשטימט פארן, און דארט וועל איך פארלייגן מיין פלאן. און וועגן דער נייער באנק אין בראנזוויל וויל איך אייך אויך דערקלערן:

— ערשטנס, — האט ער ווייטער פארגעזעצט צו רעדן, — דארפט איר וויסן, אז דער פלאן וועגן דער באנק איז אינגאנצן מיינער. און ווייסט איר זוי אזוי דער פלאן איז מיר איינגעפאלן? גאנץ פשוט: מיר האבן געגומען פילן, אז די באנקן הויבן אונז אן צו דריקן ווען עס קומט אויס צו צאלן אדער צו נעמען א מארגעדזיש. איז מיר איינגעפאלן: צי איז דאס אפשר נישט אנטי־סעמיטיזם? און איך האב זיך דעמאלט געפרעגט: מיר בראנזווילער יידן האבן אזויפיל קאפיטאל, אויף צענטליקער מיליאנען, טא פארוואס זאלן מיר נישט האבן אונזער איינענע יידישע באנק? און גלויבט מיר, ווען איך זאל ווערן פרעזידענט פון אט דער באנק, האב איך אזעלכע פלענער, אזעלכע פלענער... אין יעדער גרויסער שטאט פון די פאראייניקטע שטאטן וועט אט די באנק האבן א בראנטש. און פארוואס בלויז אין די פאראייניקטע שטאטן אליין? פארוואס נישט איבער דער גאנצער וועלט ווו נאר יידן זענען? וואס איך וועל נאך אויפטאן! — האט ער פארענדיקט מיט א פליסטערן, אזוי ווי ער וואלט א סוד דערציילט. — די יידישע צייטונגען דארפן מיר נאר העלפן... און זיי וועלן נישט צולייגן צו דעם אויך... איך גאראנטיר אייך...

דערווייל האט דער עולם געגעסן און געטרונקען און געלאזט זיך וווילגיין ווייטער.

פאמפערניקעל, שטארק באשנאסקעט, האט אנגעהויבן זיך צוטשעפען צו חיים־זיסע פליוך, פארוואס ער האט זיך געגט מיט זיין ערשט ווייב, וועלכע איז געווען זיין, פאמפערניקעלס, א קרובה. ער האט געקוקט אויף אים מיט זיינע ווייסע אויגן פארשמורעט און האט זיך געקאכט:

— דו האסט אין גאט פארגעסן, חיים־זוסע!! ווען דו ביסט געווען אן ארימאן, ביסטו געווען אן ערלעכער ייד, א שטילער מענטש, און היינט ביסטו א פארך, כאטש דו האלסט זיך פאר א

גאַנצן „ריסטאַקראַט". דו פאַרסט אום שבת; אין שול קומסטו בלויז אַמאָל אין אַ נאָווינע; האָסט זיך געגעט מיט דיין ווייב און חתונה געהאַט מיט שדים ווייסן וועמען, מיט אַ דינסט! וואָס איז? גאָט האָט דיר געהאָלפן, דו האָסט געמאַכט געלט אין ריעל־עסטייט! איר הערט, מיסטער בלום? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו סעמקען וואָס איז נאָך געזעסן מיט די צייטונגס־לייט. — עס זענען נאָך דאָ פאַראַן אַנדערע פאַרבעס אַ חוץ אייך!...

סעמקע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווייטער גערעדט מיט די שרייבער.

דערפאַר איז אָבער דער שטילער חיים־זוסע פּליוך בייז געוואָרן אויף פּאָמפּערניקעל פאַרוואָס ער האָט באַליידיקט זיין יונג ווייב און ער האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— ביסט שיכור, ביסטו. דו בעסער שווייג, בעסער. אַנישט וועסטו כאַפּן פון מיר אַ גאָב, וועסטו, אַז דיר וועט פינסטער און ביטער ווערן, וועט דיר! אַזאַ פאַרד אַזאַ, זיינע חזירישע ביינעס! זיינע!...

און ער, חיים־זוסע, האָט נאָכדעם אָנגעהויבן צו באַרואיקן זיין יונג ווייבל, וועלכע האָט זיך געוואָלט אויפהויבן פון טיש און אַוועקגיין.

פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ ליאַרעם. מען האָט גערעדט. מען האָט געלאַכט און מען האָט זיך געקיבעצט.

עס האָבן זיך געקיבעצט יאַכנעטשיק און כינדזשיק איינער דעם אַנדערן און אויך די ווייבער צווישן זיך האָבן געלאָזט שפּילקעס איינער דער אַנדערער.

און צום סוף האָט מען פון אַלע זייטן געהערט ווי מען האָט דערמאָנט איינע די אַנדערע די פריערדיקע אָרימקייט און די פריערדיקע באַשעפטיקונג, — י מענער אויף אַ גוטמוטיקן אופן, און די ווייבער, — אויף אַ בייזווייליקן אופן...

און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט סעמקעס קול:

— שאַ! שאַ! מיר זענען אַלע מיוחסים און מיר זענען אַלע פריער געווען אָרימעלייט. פריער האָבן מיר נישט געהאַט קיין געלט, זענען מיר טאַקע געווען אויף צרות, און היינט האָבן מיר געלט

פייפן מיר אויף דער גאַנצער וועלט! מיר זענען אַלע אַלרייט! גרע־טערע ביזנעסלייט פון מאָרגאַנען און פון ראָקפעלערן. פון בלאָטע האָבן מיר געמאַכט געלט. פון זומפּן און פון שטויב. אָן דער הילף פון מיליאָנען, נאָר מיט אונזערע קעפּ, מיט אונזערע פעאיקייטן!

און פון אַלע זייטן האָט מען אונטערגעכאַפּט:

— אמת! אמת! נאָר מיט אונזערע קעפּ, נאָר מיט אונזערע פעאיקייטן!

— טאָ לאָמיר טרינקען פאַר אונזער וווילזיין און פאַר אונ־זערע ווייטערדיקע אויפטואונגען! — האָט זיך סעמקע געהיצט. — אי פאַר די ביזנעס, אי פאַר בראָנזוויל, אי פאַר דעם יידישן פאָלק אין אַדגעמיין! טרינקט, יידישע קעפּ! הוראַ!...

— הוראַ! — האָבן געשריגן די אַנדערע, האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, סתם אין דער וועלט אַריין און האָבן געטרונקען.

שפּעטער אַ ווײַלע איז דער גאַנצער עולם אַריין אין אַ צווייטן צימער, ווו דער פּאָנאָגראַף האָט זיך געפונען.

סעמקע האָט געלאָזט הערן אויפן פּאָנאָגראַף אַפּריער קאַ־רוזאָן, נאָכדעם מעלבאַן און צום סוף דעם יידישן חזן סיראָטאַ, וואָס האָט געזונגען אַ יום־כפורדיקע תפילה.

ביי דער דאָזיקער תפילה האָט זיך דער עולם צעאָכצעט און צעזיפצט פאַר מתיקות און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— אַי איז דאָס אַ חזן! אַי איז דאָס אַ קול! אײַ־אײַ, ווי גע־שמאַק!...

מיטאַמאָל האָט סעמקע אויסגעשריגן:

— אַ פרייליכס!...

ער איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק ווו עס זענען געלעגן די פּליטן, האָט אַרויסגעשלעפּט איינע און זי אַרויפגעטאָן אויף דעם פּאָנאָגראַף.

באַלד האָט געקוויטשעט און געפּילדערט אַ פרייליכס, און סעמקע האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין ווייב און איז מיט איר אַוועק טאַנצן.

די אַנדערע מענער האָבן אים נאָכגעטאָן, און ווער פון זיי עס האָט געקאָנט טאַנצן האָט געכאַפּט אַ ווייבל און זיך געדרייט מיט איר.

סאמועלסאָן האָט געטאַנצט מיט רײטשלען. אָרע האָט געזען װי פּריש און װי שײן זי האָט אױסגעזען בעת זי האָט געטאַנצט מיט סאַמועלסאָנען און ער האָט גאָר אַנטקעגן פון איר.

אין דער אײגענער צײט האָט עטל מיט איר מאַן און מיט פּיניען זיך געשושקעט װעגן דעם װי אַזױ דער אַלטער עובר־בטל קװעלט־אָן פון איר.

12

די פּאַניק

אַט אַזױ האָט יענעם נאָכמיטאָג פאַרבראַכט, געטאַנצט און געהוליעט אַ טײל פון די בראָנזװילער יידישע גבירים, פון די הױפּט־בױער פון בראָנזװיל און די אַנדערע נײַע יידישע געגנטן אין ברוקלין, בײַ סעמקע בלום אין הױז, און זײ איז גאָר נישט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס האָבן זײ געטאַנצט זײער לעצטן טאַנץ, אַז דאָס איז געװען זײער לעצטע הולאַנקע און אַז אַ מוראדיק־פינסטערע, שװאַרצע בשורה האָט זיך שױן געטראָגן פאַר זײ איבער די בראָנזװילער גאַסן...

באַלד װי זײ האָבן אױפגעהערט צו טאַנצן און זײ האָבן זיך צונױפגעזעצט אַרום די קאָרטן־טישלעך, האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען און מען האָט אַ רוף געטאָן סאַמועלסאָנען. ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, האָט גערעדט אַ מינוט צװײ און איז אַ צעדודערטער אַרױסגעלאָפן פון צימער, נישט געזעגנענדיק זיך מיט קײנעם.

און כמעט אין דער אײגענער צײט איז אין צימער אַרײנגעלאָפן אַ ייִד מיט אַ גרױער באָרד, אַ באַבריליטער און געפרעגט אױף אברהם גוטמאַנען.

דער דאָזיקער ייִד האָט אױסגעזען בלײך, צעשראָקן און צעטומלט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צײַטונג.

װען אברהם גוטמאַן איז נאָכדעם צו אים צוגעגאַנגען (ער

איז געווען זיין שוואָגער און שותּף) האָט ער עפּעס געוואָלט זאָגן גוטמאַנען און נישט געקאָנט. ער האָט נאָר געוויזן מיט אַ פינגער אויף דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט און די אויגן האָבן געפינטלט.

— וואָס איז, איטשע? וואָס איז דער מער? — האָט גוטמאַן צעשראָקן געפרעגט.

— אַן אומגליק... די נעשאָנאַל באַנק... — האָט יענער געמורמלט.

— וואָס איז די נעשאָנאַל באַנק?

— אָט לייען!

גוטמאַן האָט גענומען די צייטונג ביי אים פון דער האַנט און זי אָנגעהויבן צו לייענען.

ער איז געוואָרן בלייך און די צייטונג האָט גענומען ציטערן ביי אים אין די הענט.

אַנדערע זענען צו אים צוגעגאַנגען און אויך אַריינגעקוקט אין דער צייטונג. און באַלד איז געוואָרן אַ טומל און עס האָבן זיך דערהערט צעשראָקענע געשרייען:

— די נעשאָנאַל באַנק האָט געקראַכט!

— אַי וויי, וואָסער אומגליק!

— עס קאָן נישט זיין! די שטאַרקסטע באַנק!

— דער פּרעזידענט פון דער באַנק האָט זיך דערשאָסן.

אַנדערע זענען צוגעלאָפן מיט די קאָרטן אין די הענט:

— וואָס איז געשען? וואָס איז דער מער?

— די נעשאָנאַל באַנק האָט אָנגעזעצט!

— מען הערט אַז נאָך אַנדערע באַנקען אויך, — האָט געקרעכצט גוטמאַנס שוואָגער און שיער נישט געוויינט.

— מיר זענען אומגליקלעך! — האָט געמורמלט אברהם גוטמאַן. — אונזער גאַנצע „קעש" ליגט דאָך דאָרט! וואָס שטייען מיר? לאָמיר לויפן!

און גוטמאַן האָט זיך געלאָזט לויפן און נאָך אים זיין שוואָגער.

סעמקע און זיין ווייב און רייטשל איז אויך נישט גוט געוואָרן, און אַזוי די אַנדערע. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קאָרטן

און אַרויסגעלאָפן צעשראָקענע פון צימער, אַזוי ווי אַרום זיי וואָלט דאָס הויז געברענט. אין דער איינענער צייט האָט זיך געהערט ווי אַ ווייב האָט היסטעריש גערופן איר מאַן און ווי איר מאַן האָט צעשראָקן גערופן זיין ווייב, אַז מען זאָל לויפן.

און מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון יאַכנע־טשיקס ווייב:

— געוואַלט, מיין מאַן האָט ערשט נעכטן אַריינגעטראָגן אַהין זיין גאַנצע קעש!

און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַ צעדולטער און געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַרום זיך, און זי האָט אים געשלעפּט ווי אַ משוגענעם מיט אַ געשריי:

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? קום, דו האָסט דאָך גע־הערט! קום, לאָמיר לויפן צו דער באַנק!

און דעמאָלט האָט יאַכנעטשיק זיך ראַפּטעם אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ קרעכצן:

— אַי ווי איז מיר, וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? — און ער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך זיין ווייב.

דאָקטאָר הורקין מיט עטלעכע זענען אויך אַרויסגעלאָפן און נאָך זיי פיניע.

אָרע מיט די צוויי צייטונגס־שרייבער און דאָקטאָר זילבער־שטיין זענען דאָרט פאַרבליבן, מחמת זיי איז אויסגעקומען צו מינטערן אַ פרוי וואָס איז דאָרט געפאַלן אין חלשות, און אויך פּאָמפּערניקל, וואָס זיין גאַנץ פאַרמעגן איז געלעגן אין יענער באַנק.

ווען זיי האָבן אָפּגעמינטערט די פרוי און פּאָמפּערניקלען, איז דאָקטאָר זילבערשטיין באַלד אַוועקגעלאָפן, און אויך די צייטונגס־שרייבער זענען אַוועקגעגאַנגען, און נאָר אָרע אַליין איז געבליבן מיט דער פרוי און מיט פּאָמפּערניקלען, וואָס איז געווען זייער היסטעריש. ער האָט געטענהט:

— ערשט פאַרקויפט אַלצדינג און אַריינגעטראָגן אַהין דאָס געלט! קיין זיכערערע באַנק נישט געווען. וואָס איז דאָס, רבונו של עולם? איבער זיבעציק טויזנט דאָלאַר!

און ער איז אויך אַוועקגעלאָפן.

די פרוי האָט זיך נאָכדעם געווענדעט צו אָרען:

— זאָגט מיר, מיסטער כיריג, אפשר איז דאָס אַ ליגן? מען קאָן דאָך משוגע ווערן!

אָרע, וואָס איז געווען צעטומלט, מחמת אין יענער באַנק איז אויך געלעגן אַ גרויסער טייל פון זיין געלט, וואָס איז אים נויטיק געווען פאַר דעם מאָרטגיידזש, וועלכן ער האָט מאָרגן געדאַרפט באַצאָלן דער בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאָן, האָט פונדעסט־וועגן געפרווט בארואיקן יענע פרוי.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— וויים איך וואָס! ווער קאָן וויסן וואָס דאָרט איז געווען? די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. מסתמא וועט גאָט העלפן!

פונדעסטוועגן איז ער נאָכדעם אַליין אַוועקגעלאָפן צו דער באַנק, וואָס האָט זיך געפונען אויף סטאָן עוועניו, די סטייט־באַנק, כדי זיך צו זען דאָרט מיט דעם באַקאַנטן וויים־פרעזידענט און פרעגן ביי אים וואָס ער דענקט וועגן דער נעשאָנאַל באַנק.

אָבער די באַנק אויף סטאָן עוועניו איז געווען צוגעמאַכט און אַרום זענען געשטאַנען טויזנטער מענטשן, — מענער און פרויען און אפילו קינדער, — אַלע יידישע נפשות, און זיי האָבן גערעדט און געטענהט און געבראָכן מיט די הענט, הגם די דאָזיקע באַנק אויף סטאָן עוועניו האָט נישט אָנגעזעצט. זי איז נאָר צוגעמאַכט געווען, מחמת עס איז געווען שוין נאָך דריי ווען די באַנק איז שטענדיק צוגעמאַכט.

אָרע האָט באַמערקט אַ סך פּאָליציי, וואָס האָט געשטופּט און געטריבן די מענטשן.

איין פרוי האָט זיך געפרווט אויסטענהן מיט אַ פּאָליסמאַן. זי האָט געבראָכן די הענט און געוויינט פאַר אים:

— מיין גאַנץ אייגנס איז דאָרט! ערשט פאַרקויפט מיין סטאָר! ווען איך זאָל דאָס פאַרלירן קומט מיר אוים אַוועקצוליגן זיך און שטאַרבן!

איינער פון דער באַנק האָט זיך באַוויזן אויף די טרעפּלעך ביים אַריינגאַנג אין באַנק און געפרווט באַרואיקן דעם עולם, פאַר־זיכערנדיק אים, אַז מאָרגן, ווען די באַנק וועט זיך עפענען אין דער

איינגענער שעה ווי יעדן טאָג, וועט יעדער איינער קאָנען קומען און אַרויסנעמען זיין געלט.

דאָס האָט אָבער וויניק־וואָס געהאָלפן. דער עולם האָט זיך נישט באַרואיקט. ער איז געווען צעשראָקן פון די נייעס, וואָס מען האָט געלייענט אין די צייטונגען, אַז נאָך אַנדערע גרויסע באַנקען האָבן אָנגעזעצט, און פון אַלע זייטן האָבן זיך שטימען דערהערט:

— זאָל מען נישט וואַרטן ביז מאָרגן! מאָרגן וועלן מיר גאָר־נישט קריגן! איצט זאָלן זיי אונז אַרויסגעבן דאָס געלט!

— געוואַ־אַלט! — האָט געשריגן אַ יידענע מיט אַ צעקרומטן פּנים און האָט זיך געשלאָגן מיט ביידע הענט אין קאָפּ. — געוואַלט, יידן, איך וועל משוגע ווערן! די גאַנצע פּראַצע פון מיינע ביידע טעכטער, ביידע כּלה־מוידן, ווי איז צו מיינע יאָרן! שרייט יידן: געוואַלט! זאָל מען אָפּשליסן די באַנק און אונז אָפּגעבן אונ־זער געלט צוריק! אפשר קאָן מען נאָך ראַטעווען!

און איר האָבן אָפּגעענטפערט היסטערישע קולות פון אַלע זייטן:

— אויפברעכן די טירן!

— ראַטעווען אונזער געלט!!

— נישט וואַרטן ביז מאָרגן!

און אַנדערע פון דעם עולם האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין פאָרויס מיט ווילדע קולות און האָבן זיך גענומען שלאָגן מיט די פּאָליסלייט, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג.

אָרע איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און האָט געקוקט אויף די צעשראָקענע און היסטערישע מענטשן אַרום אים און איז אַליין אויך אָנגעשטעקט געוואָרן פון זייער שרעק, אָבער ער האָט זיך נישט פאַרלוירן ווי די אַנדערע. ער האָט ביי זיך געטראַכט:

אפשר איז דאָס גאָר אַן אומזיסטע שרעק?

ער האָט געוואָלט גלייבן דעם אָנגעשטעלטן פון דער באַנק, אַז מאָרגן וועט מען די באַנק עפענען אין דער ריכטיקער צייט און דעמאָלט וועט יעדער איינער קאָנען צוריק קריגן זיין געלט.

און מיט אַמאָל האָט דער עולם אַרום אים זיך גענומען שטויסן און שטופּן.

פּאָליסלייט אויף פערד זענען געקומען צו רייטן און האָבן זיך אַריינגעריסן מיט זייערע פערד צווישן די מענטשן.

אָרע איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון זיין אָרט און מען האָט אים אַוועקגעשטופּט צום טראָטואַר איבערן וועג.

ערשט פּלוצים האָט ער דאָרט דערזען אויפן טראָטואַר צווישן די אַנדערע מענטשן, פּיניען מיט שרהן, זיי ביידע זענען דאָרט גע־שטאַנען און האָבן צעשראָקן געקוקט אויף די מענטשן, וואָס די פּאָליסלייט אויף פערד האָבן זיך געטראָגן אויף זיי.

נישט פּיניע און נישט שרהקע האָבן באַמערקט, ווי אָרע איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ בהלה? — איז אָרע צו זיי צוגעגאַנגען.

ביידע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן, און שרהקע האָט גלייך אַ פּאַק געטאָן אָרען פאַרן אָרעם און אים גענומען שלעפּן.

— קום, קום, טאַטע, אַוועק פון דאַנען! — האָט זי צעשראָקן געמורמלט. — די פּאָליסלייט, די גזלנים, וועלן נאָך היינט דער־הרגענען מענטשן מיט זייערע פערד! קום דו, פּיניע, אויך!

און סיי אָרע און סיי פּיניע האָבן געפאָלגט שרהקען און זע־נען האַסטיק מיט איר אַוועק איבער פיפטין עוועניו, אַרונטער צו סאַראַטאָגע עוועניו, וווּ פּיניע האָט געוווינט.

באַלד אָבער האָט זיך שרהקע ווידער אָפּגעשטעלט.

— וווּהין גייען מיר? אפשר דאַרפן מיר שטיין דאָרט, ווי זיי אַלע און נישט אָפּשרעקן זיך פאַר די פּאָליסלייט מיט די פערד? אפשר וועט מען זיי צווינגען די באַנק צו עפענען? אָדער די מענטשן אַליין וועלן אויסברעכן די טירן? פון גיין אַהיים וועלן מיר דאָך אונזער געלט נישט אַרויסקריגן! — האָט שרהקע געזאָגט אַ פאַרצווייפלטע. — אוי, טאַטע, חלילה וחס, אַז די באַנק זאָל אַנזעצן, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!

— די באַנק וועט נישט אַנזעצן! די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. און זייט נישט אַזוי משוגע, איר אַלע! — האָט אָרע גע־פּרוווט טרייסטן אי שרהקען, אי זיך אַליין טאַקע אויך.

— שווער, עס איז נישט פּריילעך! — האָט פּיניע אויך

ארויסגעזיפצט. — גאָר־גאָר נישט פריילעך. נישט אומזיסט האָט מען די לעצטע צייט געדערט און זיך געריכט אויף צרות. ווען אַזאַ באַנק, ווי די נעשאַנאַל האָט געפּלאַצט, קאָן מען זיך ריכטן, אַז די אַנדערע באַנקן זענען אוודאי אין דר׳ערד.... און די צייטונגען שרייבן טאַקע...

— די נעשאַנאַל־באַנק האָט נאָך אויך נישט געפּלאַצט. מאַלע וואָס דאָרט איז געווען. דער פּרעזידענט פון דער באַנק האָט זיך דערשאָסן. ווער ווייסט פאַרוואָס א גוי האָט זיך דאָרט דערשאָסן? אפשר גאָר צוליב א מיידל? צוליב א ווייבל? מען ווייסט דען, אפּנים, צוליב וואָס א רייכער גוי קאָן זיך דאָרט דערשיסן? אפשר האָט עס גאָר אינגאַנצן נישט צו טאָן מיט קיין ביזנעס, מיט קיין געלט? מען האָט צוגעמאַכט די באַנק, ווייל ער, דער פּרעזידענט האָט זיך גענומען דאָס לעבן. א שטיקעלע בהלה דאָרט דערפאַר געוואָרן. מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז פאַר יענער באַנק דאַרף מען זיך אויך נישט שרעקן...

— הלוואַי זאָלט איר זיין גערעכט, שווער, — האָט פּיניע געזאָגט. — דערווייל שרייבן די צייטונגען, אַז א פאַר אַנדערע באַנקן האָבן זיך אויך צוגעמאַכט. א סך געלט אייערע, שווער, ליגט אין דער נעשאַנאַל־באַנק?

— גענוג געלט, — האָט אָרע א שמייכל געטאָן צעטראָגן.— אָבער איך האָף צו גאָט, אַז עס וועט נישט פאַרלוירן גיין. אַז איך זאָל זיך גאָר אַרויסדרייען מאָרגן מיטן איינצאָלן אין דער בילדינג ענד לאָן אַסאָסיאיישאָן, האָב איך נישט וואָס זיך צו שרעקן. און איר דאַרפט זיך אויך נישט שרעקן פאַר אייער געלט אין דער סטייט באַנק. די באַנק, מיט גאָטס הילף, וועט זיך מאָרגן עפענען און איר וועט צוריקקריגן אייער געלט, און איך וועל ביי די קריגן פּיניע, דעם גמילות חסד, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

— הלוואַי, רבונו של עולם, זאָל איך אייך קאָנען געבן דעם גמילות חסד.

— בלויז אויף עטלעכע טעג. איך וועל דיין געלט לאַנג נישט האַלטן.

שרהקע האָט נישט געהערט, וואָס איר טאַטע האָט גערעדט

מיט איר מאַן, אַזוי פאַרטאָן איז זי געווען מיט זיך אַליין און מיט אירע געדאַנקען. זי האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן:

— איך גיי צוריק צו דער באַנק! איך גיי נישט אַהיים! פיניע, גיי ברענג מיר דעם באַנק־ביכל. איך וועל שטיין דאָ אַרום באַנק אַ גאַנצע נאַכט און היטן ביז מען וועט די באַנק מאָרגן עפענען. אפשר וועט מען זי טאַקע עפענען, ווייל איך זיין פון די ערשטע... און דו וועסט שטיין מיט מיר, פיניע. אַזאַ אייגנס מיט געלד! אַזוי פיל טויזנטער!...

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ביזטו פון זינען אַרונטער, שרהקע? וואָס הייסט דו וועסט שטיין אַ גאַנצע נאַכט, משוגענע?

— וואָס איז? וואָס איז? — האָט זי זיך צעשריגן מיט טרערן אין קול. — דו וועסט מיר געבן אַנדערע טויזנטער? טאַטע, עס איז שוין ביי דיר פאַראַן, ווער עס זאָל נעמען די טויזנטער: דיין ווייבעלע, רייטשקע.

— שאַ, הולטאַיקע! — האָט איר אָרע איבערגעשלאָגן. — וואָס מישסטו דאָ אַריין רייטשעלען? און וואָס שטעלסטו זיך מיט מיר קריגן אין מיטן דער גאַס?

— איך וויל זיך מיט דיר נישט קריגן, טאַטע. איך האָב איצט מיינע אייגענע צרות אויפן קאָפּ. פיניע, וואָס שטייסטו? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיר ברענגען דעם באַנק־ביכל.

פיניע האָט זיך אַ קער געטאָן צו אָרען.

— עס וועט נישט העלפן, שווער. איך מוז גיין נאָכן באַנק־ביכל און וועל מוזן מיט איר שטיין די נאַכט אַרום באַנק. און אפשר איז זי גערעכט.

און פיניע איז אַוועקגעלאָפן אַהיים נאָך דעם באַנק־ביכל.

גראָד אין אָט דער צייט האָט אָרע באַמערקט פון דערווייטנס משה־בערן, רייטשלס שוואָגער, אויף דעם אַנדערן טראָטואַר אי־בערן וועג.

—

דער לאַנגער, דאַרער משה־בער מיט דעם געלן בערדל איז

דאָרט געגאַנגען אַ פּאַרהאַוועטער, מיט אַ פאַרדרייטן הוט אויפן קאָפּ.

אָרע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים און אים גערופן. ער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געשריי און טומל, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַרום סטייט־באַנק, און זיינע אויגן האָבן צעשראָקן און צעטומלט געקוקט אַהין, וווהין די מענטשן זענען געלאָפן, און די פּאָליציי אויף פערד נאָך זיי...

און פּלוצים איז משה־בער שטיין געבליבן, מחמת ווייטער האָט ער מורא געהאַט צו גיין, און דאָ האָט אים אָרע אָנגעיאָגט און אים אַ צופּ געטאָן פון הינטן פאַר אַן אָרעם.

— וואָס לויפסטו און וווהין לויפסטו, משה־בער? — האָט אָרע אַרויסגערעדט אַ פאַרסאָפּעטער.

אַז משה־בער האָט אים דערזען האָט ער גלייך זיך אָנגערופן אַ פאַרהאַוועטער:

— אַנו, האַ, רבי אָרע? ווער איז גערעכט געווען? איך האָב אָבער די גאַנצע צייט געטענהט, אַז מען דאַרף זיך היטן, מען דאַרף זיך ריכטן אויף צרות. מען האָט מיר נישט געגלויבט, די חכמים. און איצט, איר זעט, האַ? איר זעט? — האָט ער אָנגע־וויזן מיט אַ לאַנגער האַנט אין דער זייט פון וואַנען דער טומל האָט זיך געטראָגן.

אָרע האָט געזאָגט, אַ מאַכטאָענדיק מיט דער האַנט:

— מאָרגן וועט שטילער ווערן, די וועלט גייט נישט אונטער און דו ביזט נישט אַזאַ חכם. וווהין גייסטו?

— איך האָב געוואָלט זען, וואָס דאָ טוט זיך, איר ווייסט וואָס איך האָב געהערט נאָר־וואָס און פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט אַקוראַט? אַז שולדיק אין דעם איז נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר פּרעזידענט רוזוועלט (טעאָדאָר רוזוועלט איז דאַן געווען פּרעזידענט).

— פאַרוואָס איז עפּעס ער שולדיק? — האָט אָרע געפרעגט.

— מחמת ער האָט גענומען וואָיעווען מיטן טראַסט, איז ראָקפעלער בייז געוואָרן און האָט אַרויסגענומען זיין געלט פון אַ פּאָר גרויסע באַנקן און באַץ! די חתונקע איז פאַרטיק!

אָרע האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען.

— ווער ווייסט און ווער קאָן עס וויסן? — האָט ער פאַר־טראַכט אַרויסגעמורמלט.

— אָ, יענער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, ווייסט וואָס ער רעדט. און זאָגן אייך דעם אמת? ביי מיר אַליין ליגט זיך עס אויפן שכל. אַ קאַטאַוואַס פאַרטשעפּען זיך מיטן טראָסט! ראָקעפעלער איז דען אַ יינגל?

— און אַ פּרעזידענט ווי רוזוועלט, מיינסטו איז אַ יינגל? ער וועט זיך לאָזן שפּייען אין קאַשע פון אימיצן? אַי גיי שוין, גיי! מען רעדט... ציגענע באָבקעס! די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. איך בין זיכער, אַז עס איז נאָר אַ שרעק, וואָס וועט באַלד אַריבערגיין. זאָג מיר בעסער: וואָס הערט זיך דאָרט ביי דיר?

— קיין גוטע נייעס נישטאָ, רבי אָרע. נאָך צוויי שכנים האָבן אַרויסגעמופט, און ביי די אַנדערע, ביז וואַנען מען קריגט אַרויס דעם רענט קומט אויך אָן מיט גרינע ווערים!

— זעסטו, דאָס טאַקע, משה־בער, איז נישט גוט. וואָס די הייזער בלייבן אָן שכנים, דאָס געפעלט מיר נישט. אַי־אַי, געטאָן אַ גרוי־סע נאַרישקייט! מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך געקאָנט פאַר־קויפן די הייזער. נו, מילא, פאַרפאַלן, מסתמא וועט גאָט צושיקן אַנדערע קונים. מען דאַרף גיין אַהיים. רייטשל אַוודאי שרעקט זיך דאָרט אויך. און וועגן די שכנים, משה־בער, זע עפּעס צו טאָן. לאָז אַרונטער אַ פּאָר דאָלאַר פון דירה געלט, אַבי די הייזער זאָלן נישט שטיין ליידיק.

— ווען שטעלט איר זיך בויען, ר' אָרע, אויף דער פינף און צוואַנציקסטער סטריט?

— די וואָך מיט גאָטס הילף. הייזער, קאָרטינקעס, צאַצקעס. וועלן זיין די שענסטע אין פלאַטבוש. איך האָב זיי שוין ריכטיק אויסגעפּלאַנעוועט — האָט אָרע געענטפערט און דאָס פּנים האָט ביי אים מיט אַמאָל אויפגעלויכטן. — נו, איצט גיי איך אַהיים. און דו, משה־בער, גיי אויך אַהיים, בעסער קריך נישט אַהין. פּאָליסלייט יאָגן זיך אויף מענטשן מיט זייערע פערד. הלמאי

זאָלסטו קריכן אהין? עס וועט זיין געזונטער פאַר דיר, אז דו זאָלסט גיין אהיים.

— איר זענט גערעכט, רבי אָרע, — האָט משה־בער מיט אים מסכּים געווען און איז אוועק צוריק.

און אָרע איז אויך אוועק אהיים מיט אַן אַנדער גאַס.

אָבער אויף דער אַנדערער גאַס האָט זיך אויך געהערט דער טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון סטאַן און פּיטקין עוועניוס, פון אַרום דער סטייט באַנק, הייסט עס.

אָרע האָט זיך צוגעהערט צו אָט דעם טומל און אים איז ווידער שווער געוואָרן אויפן האַרצן. עפּעס סומנע איז געוואָרן סיי אין אים און סיי אַרום אים. הגם דער טאָג איז געווען אַ שיי־נער און אַ זוניקער, האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, עפּעס שווערס און אומעטיקס, עפּעס אַ פינסטערער אָנזאָג וועגן אַ גרויסן אומגליק.

פונדעסטוועגן האָט ער אין די געדאַנקען זיך נאָך אַלץ גע־ווערט קעגן דעם: משוגע ווערן דאַרף מען נישט; עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט; ער וועט מסתמא רחמנות האָבן.

דערנאָך האָט ער מיט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן: אין וואָסער באַנק האָט רייטשל אַריינגעלייגט די צען טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט איר אַנומלט געגעבן?

און ער האָט ווייטער געטראַכט:

ווהין איז זי פריער אַנטלאָפן פון סעמקעס בלומס הויז? נישט געזאָגט אים אפילו... נישט צוגעגאַנגען צו אים אפילו... מסתמא האָט זי זיך אויך דערשראָקן ווי די אַנדערע. אַ קאַטאַוועס אַזאַ שרעק, אַזאַ בהלה! אפשר איז זי שוין דאָרט אינדערהיים?

און ער האָט גענומען גיין שנעלער. נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געדאַרפט מאָרגן אַריינטראָגן געלט אין דער „בילדינג ענד לאָן אַסאָסיאיישאָן", און ער האָט ווידער גע־נומען גיין לאַנגזאַמער און פאַרטראַכט. עס וועט אַלץ זיין גוט, ווען פייגע וועט אַרויסקריגן זיין געלט פון דער באַנק און ער אַליין אויך, וועט ער זיך דעמאָלט קאָנען אויסקירעווען, אַנישט, חלילה וחס...

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דעם דאָ־זיקן געדאַנק געוואָלט אַרויסטרייסלען פון זיין מוח, און האָט צו זיך געזאָגט:

עט, ער איז אויך משוגע געוואָרן, ווי די אַנדערע! די באַנק אויף סטאָן עוועניו וועט מען מאָרגן עפענען, און סיי ער און סיי פיניע וועלן אַרויסקריגן זייער געלט, און מסתמא וועט ער זיך אַרויסדרייען מיט דער צאָלונג אין דער „בילדינג און לאָן אַסאָסיאיישאָן", און דאָס געלט אין נעשאַנאַל באַנק וועט אויך נישט פאַרפאַלן גיין. ער איז זיכער אין דעם.

און ער האָט גענומען שפּאַנען ווידער מיט האַסטיקע טריט. אויפן האַרצן איז אים גרינגער געוואָרן.

שפּעטער איז ער צוריקגעקומען צו פּענסילווייניע עוועניו און האָט דערזען זיין הויז מיטן רויטן דאַך און מיט אַ סך פענסטער, וואָס זענען פאַרהאַנגען געווען מיט ווייסע פאָרהאַנגען, און מיטן גרויסן גאַנעק צו דער גאַס־צו, אַהינטער בוימער.

אַז ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום הויז האָט ער באַמערקט אויפן גאַניק אַ מאַנספּאַרשוין און ער האָט אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען זיין לאַנדסמאַן שלמה־זלמן דער שוואַרצער, אַ בראַנזוויל׳ער תושב, וואָס האָט מיט אַ וואָך צוריק פאַרקויפט זיין קרעמל אויף פּיטקין עוועניו, און דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַר איר געקריגן איינגעלייגט ביי אים. דערדאָזיקער שלמה־זלמן, אַ לאַנגער מאָגער ייד מיט אַ שוואַרצן פּנים, וואָס איז געווען אַזוי ווי פאַררויכערט און מיט אַ שפּיציק בערדל, און מיט אַן אַלטן הוט, וואָס איז ביי אים געווען אַרונטערגערוקט כמעט ביז איבער די אויגן, איז דאָרט איצט אַרומגעלאָפן איבערן גאַנעק, שפּרייזנ־דיק נערוועז אַהין און צוריק.

אָרע איז אַרויף אויפן גאַנעק.

— וואָס עפּעס גוטס, שלמה־זלמן? — האָט ער זיך אָנגע־רופן.

שלמה־זלמן איז גראַד דאַן געווען אויף דער אַנדערער זייט פון גאַנעק און האָט גאָר נישט באַמערקט ווי אַזוי אָרע איז אָנגע־

קומען, האָט ער מיט אימפּעט זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק מיט דעם פּנים צו אָרען און איז מיט איין שפּרונג געווען נעבן אים.

— ר׳בּי אָרע, איך וואַרט אויף אייך. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל זיך אויף אייך קיינמאָל נישט דערוואַרטן — האָט ער אַרויסגערעדט אַ צערודערטער.

— וואָס איז? וואָס דאַרפסטו מיך, שלמה־זלמן?

— ר׳בּי אָרע, מיין געלט, ציטערדיקע געלט...

— וואָס דיין געלט? — האָט אָרע אים אָנגעקוקט פאַרווּנדערט.

— וואָס איך האָב ביי אייך איינגעלייגט. איך וויל האָבן צוריק — האָט שלמה־זלמן דער שוואַרצער, ווי מען האָט אים גערופן, גערעדט, און די הענט האָבן ביי אים געציטערט אַזוי ווי זיין קול.

— אָ, דו ביזט געקומען נאָך דיין געלט? נו, נו, איז וואָס־זשע ביזטו אַזוי צעטראָגן? וואָס טרייסלסטו זיך אַזוי? דיין געלט ביי מיר איז גאַנץ. דו וועסט דאָס צוריקקריגן ביז אַ פּעני.

און ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— אָ, דו נאַר, דו האָסט זיך דערשראָקן דערפאַר, וואָס מען האָט דאַרטן אַ באַנק צוגעמאַכט? קום, קום אַריין אין שטוב!

רייטשל איז אינדערהיים נישט געווען. אָרע איז אַריינגעגאַנגען מיט שלמה־זלמנען צו אים אין ביבליאָטעק־צימער.

— זיץ, שלמה־זלמן. דו וועסט קריגן דיין געלט, האָב נישט מורא. אַ דאַנק גאָט, איך בין קיינעם גאַרנישט שולדיק און וועל קיינעם גאַרנישט בלייבן שולדיק. פאַרוואָס זיצסטו נישט?

אָבער שלמה־זלמן האָט זיך נישט געזעצט. ער איז געשטאַנען מיט אַ נעבעכדיקן שמייכל און האָט געקוקט פון אונטער זיין אַלטן, פאַרשטויבטן הוט אָרען אין פּנים אַריין. נאָכדעם האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט זיך אָנגערופן:

— נו גיט־זשע מיר דאָס געלט, רבי אָרע!

אָרע האָט אים געענטפערט:

— דו וועסט מוזן וואַרטן ביז מאָרגן. פאַרשטייסט דאָך, איך האַלט דאָך נישט מיין געלט אין שטוב. מאָרגן, אַז מען וועט דער־

לעבן, קריגסטו ביז אַ סענט, וואָס עס קומט דיר. איך וועל אַרויסנעמען געלט פון דער באַנק.

שלמה־זלמן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, ווי איז מיר! און אָן דער באַנק האָט איר קיין געלט נישט, האַ? אוי, איך בין אַ געקוילעטער!

אָרע האָט זיך אויף אים אַ בייזער געטאָן:

— וואָס איז דאָס? הער נאָר, הער נאָר, אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים געוואָלט קוילן אויף אַן אמת!

— רבי אָרע, — האָט שלמה־זלמן גענומען טענהן אַ פאַרצווייפלטער, — דאָס איז דאָך נישט קיין קאַטאָוועס. מיינע לעצטער פּאָר דאָלאַר. מען רעדט, אַז פון די באַנקן וועט מען קיין געלט נישט אַרויסקריגן. די צייטונגען זענען פול דערמיט. איך האָב געהערט, אַז ראָקפעלער האָט נאָך פריער געוווסט, אַז עס וועט זיין צרות מיט די בענק און ער האָט שוין אַרויסגענומען זיין געלט פריער!

אָרע איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ שופלאָד און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ העפט מיט שוואַרצע טאָוולען.

— וואָס טויג דיר דיין טענהן, שלמה־זלמן? — איז ער צוגעגאַנגען צו אים מיט דעם ביכל, — דו זעסט? אָט דאָ איז פאַרשריבן יעדער סענט, וואָס ווער עס האָט ביי מיר איינגעלייגט.

ער האָט געעפנט דעם העפט און האָט מיט אַ פינגער גענומען פירן איבער די געשריבענע שורות, זוכנדיק צווישן די אָנגעשריבענע נעמען שלמה־זלמנס נאָמען. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָט־אָ דאָ ביזטו אָ! זעסט? קאָנסט לייענען מיין כתב? נאַ, לייען, לייען. דאָס מאַכט „אַכאָכעם, אַמופלעג שלמה־זאַלמען, נערע יאָער''...

שלמה־זלמן, וואָס האָט אויך אַריינגעקוקט אין דעם העפט, האָט אומעטיק אַרויסגעמורמלט:

— אַ מין אויסלייגעכץ אַ ביסל. ווי קומט אַ גימל צו שלמה־זלמן? ווער וועט דערפון קאָנען וויסן, אַז דאָס בין איך אַזוי פאַרשריבן?

— וואָס איז, נישט גוט אויסגעלייגט? אודאי, אַז עס קומט צו דעם, הינק איך אונטער, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, איך ווייס דאָס אַליין. אָבער וועגן דעם דאַגהסטו דאָך נישט? דו דאַגהסט דאָך וועגן דיין געלט, ווייז איך דיר: אַט דאָ ביסטו פאַרשריבן ביי מיר! אַט לייען ווייטער: „זעקס מייעש קעשעוו". און אַט די זעקס הונדערט דאָלאַר וועסטו ביי מיר קריגן מאָרגן. זאָל דיר נישט דרייען דער קאָפּ: באַנק שמאַנק! גיי אַהיים און קום מאָרגן נאָך דיין געלט.

שלמה־זלמן האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אָרע האָט אים נישט געלאָזט מער רעדן:

— קיין וואָרט וויל איך מער נישט הערן דערפון. גיי אַהיים! איך האָב דיר געזאָגט, און עס וועט זיין אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט. ביי מיר איז פרעמד געלט הייליק. גיי, גיי געזונטערהייט גיי!

און ווען שלמה־זלמן איז אַוועק, איז אָרען ווידער געוואָרן שווער אויפן הארצן. די אַנדערע, חלילה, זאָלן צו אים נישט קו־מען בעטן זייער געלט צוריק. וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן? איבער אַ פּופצן טויזנט דאָלאַר האָט ער זייערע. אין אַ רואיקער צייט איז דאָס אַ קלייניקייט: מען גייט צו צו דער באַנק, און נאָט אייך אייער געלט צוריק! אָבער, ווען די נעשאַנאַל באַנק זאָל, חלילה, טאַקע בלייבן צוגעמאַכט, און דאָס געלט וואָס ער וועט מאָרגן אַרויסנעמען פון דער סטייט ־ באַנק, שוין מיט דער הלוואה ביי פיניען, דאַרף ער האָבן ביז אַ פּעני פאַר דער „בילדינג ענד לאָון אַסאָסיאיישאָן", אים וועט נאָך אויסקומען צו זוכן ביי נאָך עמעצן אַ הלוואה... ניין... ער וועט בעסער נישט טראַכטן דערפון... איבער־לאָזן דאָס צו גאָט!...

און דאָ האָט ער פּלוצים דערהערט רייטשלס קול פונם עס־צימער. אָרע האָט צוריק אַריינגעלייגט דעם העפט אין שופלאָד פונם שרייב־טיש און איז אַוועק צו רייטשלען.

זי איז געווען אין עס־צימער און האָט עפּעס גערעדט דאָרט אין טעלעפאָן.

אָרע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט. זי האָט דאָרט

עמעצן באַרואיקט. זי האָט דערציילט, אַז זי קומט ערשט פון דעם וויים־פּרעזידענט פון דער סטייט־באַנק און ער האָט איר בפירוש פאַרזיכערט, אַז מען וועט אַלעמען מאָרגן אויסצאָלן זייער געלט. און אַז מען דאַרף זיך איבערהויפּט נישט שרעקן.

און דאָ האָט זי מיטאַמאָל באַמערקט אָרען, האָט זי האַסטיק אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן „גוד־ביי", און אַרונטערגעלאָזט דעם טרייבל אויפן הענגער.

— צו וועמען האָסטו דאָס גערעדט, רייטשל? — האָט אָרע געפרעגט.

— צו מיסעס בלום, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב צוגעזאָגט איר לאָזן וויסן, וואָס איך וועל אויסגעפינען וועגן דעם טומל.

— און וואָס האָסטו אויסגעפונען?

— נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. די סטייט־באַנק וועט מאָרגן זיין אָפן ווי אַלעמאָל, און די אַנדערע באַנקן, וואָס האָבן זיך היינט צוגעמאַכט, וועלן זיך אויך עפענען אין אַ טאָג־צוויי שפּעטער. אפילו סאַמועלסאָן זאָגט עס אויך.

— און דעם וויים־פּרעזידענט פון דער סטייט־באַנק האָסטו אויך געזען?

— אודאי. איך בין געפאָרן צו אים אַהיים. ער לאַכט זיך אויס אינגאַנצן פון דעם. און ער ווייסט, גלויב מיר, אויף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

— יאָ, יאָ, ער ווייסט אודאי, — האָט אָרע מיט איר מסכים געווען, — און סאַמועלסאָן ווייסט אויך. הייסט עס, אַז עס איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן. וואָס דען, אודאי, דאָס טענה איך דאָך אַליין אויך!

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אוי, איך בין מיד!

זי האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און פאַרלייגט אירע ביידע אָרעמס אונטערן נאַקן און גערעדט ווייטער:

— אַ געוואַלט, ווי די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן, ווען מען האָט זיך דערוווסט וועגן דער נעשאַנאַל באַנק! און פאַרוואָס

האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן?... איך האָב דאָרט נישט קיין געלט. נאָר מסתמא דערפאַר, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דיין געלט ליגט דאָרטן... עפּעס אַ סך געלט, אָרע?

— אַקוראַט ווייס איך נישט. מען דאַרף פרעגן מיין בוכהאַלטער, ביי חיים־אַלין. איך ווייס נאָר, אַז מער ווי אַ העלפט פון מיין גאַנצן „קעש" ליגט דאָרט. אין דער סטייט־באַנק ליגט דאָס איבעריקע. ביי פיניען וועל איך מאָרגן נעמען אַ הלוואה.

— ביי פיניען? — האָט רייטשל זיך פאַרוווּנדערט — אַזוי שמאָל האַלט עס ביי דיר?

— שמאָל? — האָט אָרע אַ שמייכל געטאָן, — הלוואי אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן נישט ערגער. נאָר ווען איך וואָלט פאַרקויפט אַנומלט די הייזער, וואָס דיין שוואָגער גיט אויף זיי אַכטונג, וואָלט איך געהאַט אַריינגעקריגן נאָך אַ זיבעציק טויזנט קעש און וואָלט נישט געדאַרפט איצט אָנקומען צו פיניעס הלוואה... הער נאָר, רייטשל, ווו האָסטו אַריינגעלייגט די צען טויזנט דאָלאַר, וואָס איך האָב דיר אַנומלט געגעבן?

— דו מיינסט אין וועלכע באַנק?

— יאָ.

— איך האָב דאָס געלט אין קיין באַנק נישט אַריינגעלייגט, איך האָב דערמיט געקויפט די הייזער אויף סענט דזשאָנס פּליים.

(און דאָס איז געווען אמת אויך: ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זי ביי סעמקען געקויפט עטלעכע הייזער אויף סענט־דזשאָנס פּליים און זי האָט דערביי אַרונטערגערעכנט די 10 טויזנט דאָלאַר וואָס עס איז איר געקומען פון אים, די צען טויזנט דאָלאַר, וועגן וועלכע אָרע האָט גערעדט).

און מיט אַמאָל האָט זיך רייטשל אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, אָרע, דערמאָנט זיך, אַז איך וועל מוזן אָנקומען צו דיר ווידער די וואָך.

— וואָס איז?

— איך מיין טאַקע פאַר עטלעכע טויזנט דאָלאַר. איך וועל דאַרפן אַריינטראָגן מיין צווייטע צאָלונג פאַר די הייזער אויף

סטוירלינג פליים, וואָס איך האָב געקויפט, האָב איך מורא, אַז איך וועל מוזן אָנקומען צו דיר.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— דו האָסט דאָך געלט אין דער סטייטס־באַנק?

— נישט גענוג, אַרע. נאָך אַמאָל אַזויפיל דאַרף איך אויף צו דעקן מיין צווייטע צאָלונג פאַר די הייזער אויף סטוירלינג פליים. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? וואָס האָסטו זיך אָנגעבלאָזן? זאָג נאָר נישט, אַז דו וועסט מיר נישט געבן קיין געלט, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז דו וועסט מיר יאָ געבן. קום אַהער, זעץ זיך נעבן מיר. קום אַהער, — האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און אים אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַ האַנט צו זיך און צוריק זיך אַוועקגע־לייגט, — קום אַהרצו! — האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון אירער, ביז ער האָט זיך געזעצט נעבן איר אויף דער סאָפע.

— וואָס ווילסטו הולטאַיקע? — האָט ער געפרעגט שוין מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— פאַרוואָס בין איך עפּעס אַ הולטאַיקע? — האָט זי אים גענומען גלעטן די האַנט און געקוקט אים שטיפעריש אין די אויגן — אפילו איצט אויך הולטאַיקע? און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט שוין מער קיין טענות נישט צו מיר...

— רייטשל, איך האָב איצט צו דיר גאָרנישט. הלואי וואָלסטו אַזוי געווען די גאַנצע צייט, וואָלט איך אַזויפיל יסורים נישט געליטן און מיין אַלטע מאַמע וואָלט נישט אַוועק פונדערהיים. אָבער מילא, וואָס איז געווען איז געווען, איצט אָבער... אַי, אַ געזונט דיר אין הארצן אריין! — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן און איר אַ קוש געטאָן.

און ער האָט צוגעלייגט גוטמוטיק:

— וואָס דען, איך וועל דיר נישט געבן? דו זיי נאָר נישט קיין מרשעת וועסטו ביי מיר קריגן אפילו דאָס טעלערל פון דעם הימל!...

שפּעטער האָט ער מיט התפּעלות איר גענומען דערציילן

וועגן די נייע הייזער, וואָס ער הויבט די וואָך אָן צו בויען אין פּלאַטבוש. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק פאַרביי דער סאָפע, ווו רייטשל איז געלעגן, און האָט גערעדט דערפון און האָט זיך אַלץ מער און מער צעוואַרעמט.

— הייזער צאַצקעס וועלן זיי זיין, קאַרטינקעס, — האָט ער גערעדט,—יעדעס הויז אויף צוויי „לאָטס". היינט אינעווייניק און אַרום די הייזער, — איך זאָג דיר, רייטשל, אַז אפילו פון דער פינפטער עוועניו וועט מען מעגן דאָרט וווינען. אפילו איצט, נאָך איידער מען האָט זיך געשטעלט בויען, קאָן מען די געגנטן דאָרט נישט דערקענען. פריער זענען דאָרט געווען בלאָטעס ביזן גאַרטל, האָט מען זיך דאָרט אין די בלאָטעס געפּליוסקעט, און היינט האָסטו געדאַרפט זען, רייטשל, וואָס פאַרא בריה דיין מאַן איז! טרוקן, פאַרפלאַנצט מיט בוימער. און אַרום וועלן ביי מיר זיין אויסגעלייגט אין שורות לאַנגע בייטן מיט פלערליי בלומען...

רייטשל האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ווער איז דאָרטן, אַרע? עמעצער האָט אָנגעקלונגען.

— האַ? — האָט זיך אַרע אַ כאַפּ געטאָן און ער איז אַרויס זען, ווער עס האָט געקלונגען.

איינע פון די דינסטן, אַ דיק מיידל, מיט הויך־פאַרקאַשערטע אַרבל איבער די רויטע אָרעמס און מיט פייכטע, רויטע הענט און אַ רויט שקאָצעוואַטע פּנים, וואָס מען האָט זי גערופן בײַלקע, — האָט דאָרט געעפנט די טיר, און דער יאַנאָוויצער רב, אַרעס לאַנדס־מאַן, איז אַריינגעקומען.

— אָ, אַן אורח, — האָט אַרע אַ צופרידענער אים אויפגענומען, — וואָס מאַכט איר עפּעס, רבי?

— אַ דאַנק גאָט, — האָט דער יאַנאָוויצער רב געענטפערט, און אַ גלעט געטאָן מיט זיין ווייסער דינער האַנט דאָס זיידן שוואַרץ בערדל, — איך בין געקומען עקסטרע צו פאָרן צו אייך, מחמת איך וויל וויסן, וואָס הערט זיך ביי אייך דאָ, איך מיין... מיט די באַנקן... מיט דער גאַנצער בהלה.

— מיין געלט ליגט אויך אין דער נעשאָנאַל באַנק, אָבער

איך שרעק זיך נישט. מען וועט צוריק עפענען. ס'איז גאָרנישט. אומזיסטע שרעק.

— איר דענקט אַזוי?

— נישט נאָר איך אַליין, סאַמועלסאָן זאָגט דאָס אויך. און מײַנע האָט זיך געזען מיט דעם וויס־פּרעזידענט פֿון דער היגער באַנק און ער האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז גאָרנישט, נישטאָ פֿאַרוואָס זיך צו שרעקן. און אויף אים, רבי, קאָן מען זיך פֿאַר־לאָזן.

— הלוואי, רבי אָרע. גלויבט מיר, אַז איך פֿריי זיך ממש, ווען איך הער פֿון אײַך די ווערטער. איך האָב זיך געשראָקן, טאָמער, חלילה־וחס, זענט איר דאָ אויך אַזוי צעטומלט, ווי די אַנדערע. א קאַטאָוועס, מען לייענט אַזוינס אין די צײַטונגען, וועגן די באַנקען...

אָרע האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין עס־צימער. רײטשל איז שוין דאָרט נישט געווען. איז אָרע מיט אים אַרײַנגעגאַנגען אין ביבליאָטעק־צימער, און דאָרט האָט אָרע מיט זײַן לאַנדסמאַן, דעם רבין, נישט געשמועסט מער, נישט וועגן דעם ענין באַנק און נישט וועגן דער בהלה, נאָר וועגן זײַן איצטיק גוט לעבן מיט רײטשלען. ער האָט אים דערציילט, אַז איצט איז זי, רײטשל, אַזוי גוט געוואָרן, אַז ער איז זיכער, אַז נאָר אינגיכן וועט ער קאָנען ביי איר פּועלן, זי זאָל גיין איבערבעטן זײַן מאַמע.

דער יאַנאָוויצער רבי האָט אַ צופֿרידענער אַ טשיפּליע געטאָן מיט זײַנע דינע, ווייסע פֿינגער דאָס בערדל אונטער דער ליפּ און געזאָגט:

— נו, אַ דאַנק גאָט, אַבי שלום־בית...

דער רב איז פֿאַרבליבן ביי אָרען אויף אָוונט־ברויט און רײטשל האָט זיך באַנומען קעגן אים מיט גרויס דרך־ארץ. און שפּעטער נאָכן עסן איז רײטשל ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן און אָרע מיטן רב זענען אַ ווײַלע געזעסן אַ־יפּן גאַנעק און דאַן זענען זיי אַוועק אין דעם נײַעם בית־המדרש.

13

ווען אָרע האָט זיך ווידער געטראָפן מיט שרהקען...

א זייגער צען ביינאַכט איז אָרע געזעסן אַליין אינדערהיים. רייטשל האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט. איז אים פּלוצים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל גיין זען, וואָס טוט זיך דאָרט אַרום דער סטייט־באַנק און צי פּיניע מיט שרהקען שטייען טאַקע נאָך דאָרט. ווי זיי האָבן געזאָגט. און ער איז אַוועק אַהין.

א שיינע לבנה־נאַכט געווען. פּיטקין עוועניו איז פאַרגאָסן געווען מיט כוואַליעס עלעקטרישן ליכט. אַרום דער באַנק איז איצט געווען שטיל. נאָנט אַרום זענען קיין מענטשן נישט גע־שטאַנען, בלויז עטלעכע פּאָליסלייט. דערפאַר איז געשטאַנען אַן עולם אין קופּקעלעך אויף די טראָטוואַרן קעגנאיבער דער באַנק. אָרע האָט אָט צווישן דעם עולם געגומען זוכן זיין טאָכטער מיטן איידעם. ער האָט אויף איינעם פון די טראָטוואַרן זיי דערזען, מחמת זיי ביידע האָבן אים שוין פריער דערזען און זיי זענען געגאַנגען אים אַנטקעגן.

— איר שטייט טאַקע דאָ? משוגעים, גייט אַהיים! — האָט אָרע זיך אָנגערופן צו זיי, — איך וויים זיכער, אַז מאָרגן איני־דערפרי וועט זיך עפענען די באַנק, ווי אַלע מאָל, און יעדער וועט קאָנען אַרויסנעמען זיין געלט. גייט אַהיים, זאָג איך אייך.

שרהקע אַ בלייכע און אַ צעטומלטע, האָט אים געענטפערט:

— מיר רירן זיך נישט פונם אָרט. אָט דאָ שטייען מיר. מיר וועלן היטן, טאָמער וועט מען טאַקע אפשר עפענען די באַנק.

אָרע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— אָבער, שלאָק וואָס דו ביסט, מאָרגן וועט מען עפענען, מאָרגן, נישט היינט.

— אויב מען וועט עפענען מאָרגן, וועלן מיר זיין פון די ערשטע. דו זעסט, טאַטע, וויפל מענטשן עס שטייען דאָ און וואַרטן? זיי וועלן דאָ שטיין און וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט, ווילן מיר אויך וואַרטן...

אָרע האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען:

— נו, נו, משוגע געוואָרן, צו מיינע שונאימס קעפּ!

פּיניע האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר שווער, זענט איר גערעכט, אָבער, אַז איר וואָלט געלייענט די צייטונגען, וואָלט איר אויך נישט געווען אַזוי רואיק. נאָך אַ באַנק־פּרעזידענט האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ווער ווייסט, אפשר וועט דער פּרעזידענט פון אָט דער באַנק זיך אויך נעמען דאָס לעבן ביז מאָרגן איבערמאָרגן...

— און אַז איר וועט דאָ שטיין, וועט ער זיך דאָס לעבן נישט נעמען? געוואָלט, פּיניע, ווו איז דיין שכל? דו ביזט דאָך געווען אַ חכם!

פּיניע האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— מיין שכל, שווער, האָט זיך באַהאַלטן ביי מיר אין די פּיאַטעס, און איצט טרייסלט ער זיך צוזאַמען מיט מיינע פּיאַטעס.

שרהקע האָט אויף אים אָנגעשריגן:

— פּיניע, וואָס חכמהסטו זיך איצטער, אַ וויטאָק איז מיר.

האָט זיך פּיניע דערמאָנט אַ קער געטאָן צו אָרען און געזאָגט:

— איר זעט, שווער, קאָן מען איצט זיין אַ חכם? זי לאָזט נישט! ———

און פּלוצים האָט שרהקע אויסגעשריגן:

— זע נאָר, טאַטע, זע נאָר זע, אָט איז דאָך דיין גדולה דאָרטן אין דער מאַשין פאַרבייגעפאָרן! מיט סעמקעלען, אַ קלאָג צו איר! איצטער אויך מיט דעם אָדעסער זשוליק, אַז איינגעזונקען זאָלן זיי ביידע ווערן!

אָרע האָט נאָר געזען, ווי אַ מאַשין איז נאָר פאַרבייגעפאָרן, אָבער ווער דאָרט איז געזעסן, האָט ער נישט באַמערקט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וועמען שעלטסטו אַזוי, שרהקע?

— דיין אוצרל, דיין גדולהלע, דיין רייטשקעלען מיט איר פּאָליובאָוניקל, מיט מיסטער בלומעלען, מיט אָט דעם באַנדיט, מיט אָט דעם אָדעסער זשוליקל! — האָט שרהקע געענטפערט צערייצט הויך אויפן קול.

— שאַ שטילער, הולטאַיקע! — האָט אָרע אַרויסגערעדט פֿון צווישן פֿאַרשטשעמעטע ליפּן, און ער האָט זיך אַ צעמישטער אומ־געקוקט אויף אַלע זייטן, געוואָלט משמעות זען, צי האָבן אַנדערע נישט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט, — אוי ווי, די מרשעת קאָן נאָך אויפֿן פֿייער אַרויפֿברענגען! פּיניע, זי איז דאָך טאַקע משוגע. נעם זי אַהיים און זאָל זי גיין שלאָפֿן.

שרהקע האָט זיך צעלאַכט אויפֿגערעגט.

— זע נאָר דעם קלאָרן. איך בין משוגע און ער איז קלאָר! — האָט זי געזאָגט צערייצט.

פּיניע האָט זיך אַריינגעמישט:

— אוי געוואָלט, הער־אויף, נישט איצטער איז די צייט, נישט איצטער! — האָט ער צו איר געוווּנקען מיט די אויגן.

— איצטער און פֿריער, מען האָט אים שוין לאַנג געדאַרפֿט זאָגן!

אָרע האָט אויף איר געקוקט נאָך מער צעטומלט:

— וואָס זאָגן? מרשעת דו! — האָט ער געמורמלט.

פּיניע האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— הערט אויף. איינמיטן גאַס. אַ חרפּה.

— אַז זי שעמט זיך נישט צו פֿאָרן מיט אים אין אַזאַ צייט בעת דער מוח קערט זיך איבער, קאָן מען מער נישט שווייגן! — האָט שרהקע געענטפֿערט, און דער פּנים האָט ביי איר געפֿלאַמט.

אָרע האָט אויפֿגערעגט אַ לאַך געטאָן.

— וואָס שווייגן, ווען שווייגן? ווייסטו וואָס דו רעדסט, מרשעת?

— אודאי ווייס איך און ער, פּיניע, ווייסט אויך וועגן דעם און דיין טאָכטער עטל ווייסט אויך וועגן דעם, און דיין דאָקטאָר קלויבט זיך אויך דיר צו דערציילן וועגן דעם. לאָז מיך, — האָט זי אַ שטופּ געטאָן פֿון זיך פּיניען, וואָס האָט זי אַ צי געטאָן פֿאַר אַן אָרעם, אַז זי זאָל נישט רעדן מער, — אָנגעהויבן דאַרף מען ענדיקן. איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל, זאָל ער וויסן!...

און זי האָט זיך אַ קער געטאָן ווייטער צו אָרען.

— און דערפֿאַר, טאַטע, האָט זי אויך געריסן אַזוי דעם פּעלץ,

אז ער, איר פּאָליובּאָוויטש, זאָל ווערן דער פּרעזידענט פון דער נייער באַנק. נו, אָט איצט ווייסטו!

אָרע איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז אויף אַ רגע האָט ער דעם לשון אָנגעוווירן. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך און האָט געקוקט שרהקען אין פּנים אַריין מיט אויפגערעגטע אויגן און זיך שטיל צעלאַכט.

— פּאַר אַזוינע ווערטער, הולטאַיקע, — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן קול געזאָגט, — וואָלט איך דיר געדאַרפט אויספּאַטשן אפילו אינמיטן גאַס. איך טו דאָס אָבער נישט, ווייל איך וויל נישט מאַכן קיין לייטישן געלעכטער. איין זאַך זאָג איך דיר אָבער שרהקע, — האָט ער זי אַ סטראַשע געטאָן מיט אַ פינגער, — פאַר מיינע אויגן זאָלסטו זיך מער נישט ווייזן. איך וויל דיך מער נישט אָנקוקן. די שוועל פון מיין הויז זאָלסטו זיך נישט דערוועגן אַריבערצוטרעטן. אַזאַ מרשעת!...

און ער האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק אַהיים. אויפן וועג האָט ער געמורמלט:

„אַזאַ הולטאַיקע! אַזאַ מרשעת! האָסטו געהערט?״

באַלד אָבער האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: אָבער טאַקע, נו? וואָס איז דאַרטן מיט איר און מיט יענעם? עפּעס מוז דאָך זיין אין דעם. פונם קאָפּ האָט די מרשעת דאָך נישט אויסגעטראַכט? אַ הולטאַיקע, אַ מרשעת אמת; אַז זי ווערט משוגע, רעדט זי פאַר פייער און פאַר וואַסער, טאַקע אמת, פונדעסטוועגן, האַ, פונדעסטוועגן?... אינגאַנצן פון קאָפּ וועט זי, שרהקע, דאָך אַזאַ זאַך נישט אויסטראַכטן?...

ער האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער און איז פּלוצים געבליבן שטיין און האָט גענומען קוקן פאַרטראַכט, ווי ער האָט פּלוצים פאַר זיך עפּעס דערזען, וואָס האָט אים נייגעריק געמאַכט.

„וואַרט, וואַרט, האַ? אויף אַן אמתן, פאַרוואָס האָט רייטשל אַזוי איינגעלייגט די וועלט, אַז ער זאָל ווערן פּרעזידענט פון דער נייער באַנק? און גלאַט איז עפּעס מאָדנע איר גאַנצע מחותנשאַפט מיט אים, האַ?״

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

אוי, געוואלט, ער איז דאָך באַלד אַזוי משוגע ווי שרהקע! באַרישקיימן. רייטשל איז אַמאָל אַ שלעכטע, אַ מרשעת, אַ צו־להכעיסניצע, אָבער אַזאַ, אָט־אַדאָס־אַ, ניין, ניין! אוי, אוי, ווי קאָן דאָס אים גאָר אויפן זינען אַרויף!.. און ער האָט מיט כעס אַ שפּיי געטאָן.

— טפו, אַזאַ מרשעת, אָט די שרהקע! האָט אים אַזוי צע־טומלט, אַז... אַז... ער טראַכט שוין ווייסן וואָס!...

און ער איז אַוועק ווייטער.

רייטשל איז נאָך נישט געווען אין הויז, ווען ער איז אַהיים־געקומען. האָט ער געוואַרט אויף איר, און ווי ער האָט נישט גע־וואָלט זיין רואיק, האָט ער נישט געקאָנט איינשטיין און נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער איז געגאַנגען פון איין חדר אין דעם אַנדערן, האָט אַריינגעקוקט אין פראָנט־צימער, אין די שלאָף־צימערן. האָט געשפּאַנט מיט האַסטיקע טריט הין און צוריק איבער דעם ביבליאָטעק־צימער, האָט אַריינגעקוקט אין קיך, איז אַרויס אויפן גאַנעק און איז געזעסן דאָרט אַ ווײַלע, — קורץ, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען...

ביידע דינסטן זענען שוין געשלאָפן. איז ער שפּעטער אַריין אין קיך און האָט זיך אַליין געמאַכט טיי און איז דערנאָך מיט דער גלאָז טיי אַריין אין עס־צימער און האָט זיך געזעצט ביים טיש טרינקען. ער האָט אָבער גאָר איין זופּ געטאָן פון דער גלאָז און דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבן אַ צעטראָגענער און גענומען שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק און האָט גאָר פאַרגעסן אָן זיין טיי.

ווו איז זי? קאָן דאָס געמאָלט זיין, — האָט ער געטראַכט,— אַז זי פאָרט דאָרט נאָך אַלץ אַרום מיט סעמקע בלום? אוי, וויפל יסורים ער האָט שוין געהאַט פון איר! אָבער ניין, דאָס קאָן נישט זיין, חלילה, חלילה!...

ער האָט זיך פאַרשטאָפּט מיט ביידע הענט די אויערן. ווי נישט צו הערן עפּעס, וואָס האָט אויף אים אַ שרעק אָנגעוואָרפן. נאָכדעם איז ער אַריינגעלאָפן אין ביבליאָטעק - צימער, האָט אויפגעזוכט

אין א שאַנק דעם ספר „קב הישר" אויף עברי־טייטש און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש לייענען.

ער האָט געלייענט אויפן קול מיט א ניגון, ווי אין די פריַ־ערדיקע צייטן, בעת ער איז נאָך געווען אָרעם דער פעדלער. ער האָט געוואָלט אויפבלאָזן אין זיך מער די פרומקייט, די פרומע כונה, האָט ער זיך צוגעשאָקלט איבערן ספר און צעזונגען זיך נאָך שטאַרקער. אָבער נאָר אויף א ווײַלע. מחמת זיינע געדאַנקען האָבן אים געריסן, און בעת זיין מויל האָט געלייענט מיטן פרומען ניגון די ווערטער פונם ספר, האָט אין זיין מוח נישט אויפגעהערט צו עגבערן די פראַגע:

ווו איז רייטשל? ווו איז זי? שוין־זשע פאַרט זי איצט אַרום מיט יענעם?

און עס איז אים גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז אין פלוג איז דאָך רייטשל אין דער צייט קיינמאָל נישט געווען אינדערהיים. זי איז דאָך אַלע מאָל אהיים געקומען שפּעטער, אפילו גאָר אין די לעצטע צייטן, ווען זי איז שוין געווען אַזא „גוטע ווייב"...

א זייגער צוועלף איז רייטשל געקומען אהיים. אָרע איז נאָך דעמאָלט געזעסן אין ביבליאָטעק־צימער. ווען ער האָט דערהערט, אַז זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז ער אַרויס צו איר. ער האָט זי געטראָפן אין עס־צימער. זי האָט זיך געקליבן צו טרינקען טיי. זיין גלאָז טיי איז נאָך געשטאַנען א קאַלטע דאָרט אויפן טיש. אָרע האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק.

— ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — האָט ער געפרעגט.

— שפּעט? נאָך פאַר צוועלף. וואָס איז, דו האָסט אַזוי גע־בענקט נאָך מיר?

— און אַז אפילו געבענקט — אָר איך נישט, וואָס? — האָט ער געענטפערט מיט א געמאַכטן שמייכל, — אודאי, אַז איינער מאַן בענקט...

זי האָט א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט.

— אי, לאָז צורו מיט די נאַרישקייטן דיינע. ווער וויל דאָס און ווער קאָן דאָס הערן. גאָך איצטער, אין אַזא צייט, ווען מען

ווייסט נישט, וואָס מאָרגן וועט זיין. ווילסט אַ גלאָז טיי? איך וויל טיי טרינקען.

און זי איז אַוועק אין קיך.

האָט אָרע געוואַרט ביז זי איז צוריקגעקומען פון דער קיך מיט צוויי גלעזער טיי. און אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און געפרעגט אָרען, פאַרוואָס ער טרינקט נישט, האָט ער איר געענטפערט:

— איך וויל נישט קיין טיי. אָט שטייט נאָך דאָרט מיין גלאָז טיי אַ קאַלטע פון פריער. דו, בעסער, זאָג מיר, רייטשל: דו ביזט עס פריער פאַרביינגעפאָרן אויף פיטקין עוועניו אין אַ מאַשין מיט מיסטער בלום?

האָט רייטשל אויף גיך זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? מיסטער בלומען? צי איך בין פאַרביינגעפאָרן מיט אים אין מיין מאַשין? אַוודאי. איך האָב דיך געזען דאָרט שטייענ־דיק מיט פיניען און שרהקען און איך האָב געמאַכט צו דיר מיט דער האַנט אויך. דו האָסט עס גאָרנישט באַמערקט?

איז אָרע צעטומלט געוואָרן.

— וואָס נישט באַמערקט? — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— אָט ווי איך האָב צו דיר מיט דער האַנט געמאַכט. און דו האָסט גאָרנישט געהערט ווי איך האָב צו דיר געשריגן: „האַלאָ אָרע!”?

— דו האָסט געשריגן: „האַלאָ, אָרע!”?

— ביסט אַפּנים אויף דער עלטער טויב געוואָרן, אויב דו דו האָסט עס נישט געהערט.

האָט אָרען פאַרדראָסן וואָס זי האָט אים דערמאָנט דעם עלטער און ער איז ווידער אויפגערעגט געוואָרן.

— איך האָב אָבער גוט געהערט, ווי איך בין אַלט, וואָס אַנדערע האָבן גערעדט וועגן דיר.

— וועגן מיר? מיר, אָרע, גייט עס גאָרנישט אָן וואָס אַנדערע רעדן. מסתמא עמעצער פון דיין „שאַמפּאַכע”. איך לאַך פון זייער קאָפּ!

— מיר אָבער לאַכט זיך נישט, רייטשל,—האָט אָרע אַרויס־

גערעדט מיט פארשטיקטער אויפרעגונג און געקוקט אויף איר מיט כעס. — און מיר גייט יא אן וואס מען רעדט וועגן דיר. זאג מיר נאר: פארוואס ביזטו אזוי מחותנתטע מיט אט דעם זשוליק? און פארוואס האסטו אזוי איינגערעדט די וועלט, אז דווקא אט דער מיסטער בלום זאל זיין פרעזידענט פון דער באנק? און פארוואס איז דווקא ער און נישט קיין אנדערער מיט דיר אזא מחותן?

זי האט געקוקט אים אין פנים אריין און געשמייכלט.

און דערנאך, אז ארע איז אנטשוויגן געווארן און געווארט אויף איר ענטפער, האט זי געזאגט:

— נו, פארטיק? דו האסט שוין אלצדינג אפגערעדט? גוט נאכט!

און זי האט זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך געלאזט גיין צו איר אין שלאף-צימער.

ארע איז לכתחילה געבליבן שטיין א געפלעפטער. באלד אבער האט ער זיך א כאפ געטאן און זיך געלאזט לויפן נאך איר מיט א געשריי:

— פארוואס ענטפערסטו נישט? פארוואס שווייגסטו? איך וויל, אז דו זאלסט מיר ענטפערן אויף דעם!

רייטשל האט אבער געשוויגן. זי האט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אין זיין זייט. ערשט ביים אריינגאנג צו איר אין שלאף-צימער האט זי זיך אומגעדרייט צו ארען און מיט שפאט זיך אנגערופן:

— דו ווילסט איך זאל דיר ענטפערן, הא? און אז דו ווילסט איז דאך נישט שייך... מעגסטו וועלן!

און זי איז אריינגעלאפן אין שלאף-צימער און האט פארהאקט די טיר ארען אונטערן נאז.

איז ארע א ווײלע נאכדעם געשטאנען פאר דער צוגעקלאפטער טיר א צעמישטער, א צעטומלטער, און מיט אמאל האט זיך ביי אים ארויסגעריסן מיט גאל:

— גוט, גוט, רייטשעלע! דו ענטפער מיר נישט! דו פארשפאר זיך דארטן! דו וועסט מיר אבער מוזן ענטפערן! און געלט

אויף איינצוצאָלן פאַר דיינע הייזער, וועסטו אויך צו אים מוזן גיין בעטן!

און תיכף ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט רייטשל דאָרט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעקומען צו אים שמייכלענדיק מיט איר גאַנצן חן.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב דיר נאָר געוואָלט ווייזן, אָרע, ווי אַזוי איך האָב דיר געדאַרפט ענטפערן אויף דיינע נאַרישע פראַגן. דו האָסט זיך געדאַרפט שעמען אין דיין ווייטן האַלז אַריין אפילו אַרויסצוריידן עפעס אַזוינס. וואָס הייסט דו פרעגסט ביי מיר אַזוינע זאַכן? וואָס איז, ערשט פון נעכטן אָן בין איך באַקאַנט מיט מיסטער בלומען צי מיט מיסעס בלומען? דו ערסט זיך צו צו רכילות און לשון־הרע און קומסט דערנאָך צו מיר מיט שאלות. איך וויל דאָס נישט ליידן!

אָרע האָט אַ ברוגזער באַמערקט:

— האָסטו דאָך עס גלייך געקאָנט מיר ענטפערן.

— דו האָסט מיך באַליידיקט, דו האָסט מיר ווי געטאָן.

און זי האָט צוגעלייגט ווי אַ קינד וואָס פיעשטשעט זיך:

— בין איך נישט אַ גוטע ווייב? זאָג אַליין, האָסטו געדאַרפט נאָכרעדן די רכילות וואָס אַנדערע האָבן אויסגעטראַכט אויף מיר?

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ־אָ־אָט־אָ־דאָסדאָ! די רכילות וואָס אַנדערע האָבן אויסגעטראַכט! אָט דאָס־אָ האָב איך געוואָלט וויסן! און איצט, אַז דו רעדסט אַזוי ווי אַ מענטש, אויף קיין איין רגע איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז רכילות, לשון־הרע. און יענער וואָס האָט עס אויסגעטראַכט האָט מען געדאַרפט אויספּאַטשן, און איך וואָלט איר אויך אויסגעפּאַטשט ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר לייטישן געלעכטער!

— מסתמא שרהקע, האַ, אָרע?

— וואָס איז דער חילוק ווער, אַבי איך ווייס, אַז דאָס איז רכילות. און שאַ! גענוג דערפון צו רעדן! אַ מיאוסע זאַך! אַ חרפּה! דערפאַר וועט יענע נישט טאָרן איבערטרעטן די שוועל פון מיין

שטוב. אזא מרשעת! נאָך אזעלכע זאכן גאָר אויסטראַכטן!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַ ווײַלע איר אָנגעקוקט און נאָכדעם זיך ווידער אָנגערופן צו איר:

— פונדעסטוועגן ווען דו פאָלגסט מיך... דו פאַרשטייסט, רייטשל, ער איז אַ זשוליק, אַ הולטאַי. און אַז מען זעט דיך מיט אים, רעדט מען. דו פאָלג מיר און ווער אויס מחותנתטע מיט אָט־אָ־דעם הפקר־יונג.

— אוי ווי איז מיר, אַט דאָס האָט מען ווען מען האָט חתונה מיט אַן אַלטן מאַן. מען טאָר דעמאָלט נישט אויסרעדן אַ וואָרט מיט קיין יונגען! — האָט רייטשל געזאָגט.

ביי אָרען האָט זיך ארויסגעריסן מיט ווייטאָק:

— אַן אַלטער מאַן!... מיט געוואָלט האָט דאָך דער אַלטער מאַן דיך נישט געשלעפּט, אַז דו זאָלסט מיט אים חתונה האָבן. איז אפשר נאָך יענע געדעכט אויך? איז דאָס אפשר גאָר קיין רכילות נישט, האַ, רייטשל?

זי האָט אים רואיק געענטפערט:

— אָרע, אַז דו וועסט זי זען, זאָלסטו איר זאָגן, אַז איך לאָך פון איר קאָפּ, אַז איך האָב איר טיף אין דר'ערד!

אין דער אייגענער מינוט אָבער האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און צו זיך געזאָגט:

„גוואַלד, רייטשל, שכל, טאַקע! דאַרפסט דאָך עפּעס ארויס־קריגן ביי אים".

און זי האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— און דו זאָלסט יענער נאָך זאָגן, אַז וויפל איך האָב ער־לעכקייט און געטריישאַפט צו מיין מאַן דאָ אונטערן נאָגל, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ נאָגל פון איינעם פון אירע פינגער, — האָבן נישט טוצן ווייבער ווי זי צוזאַמען! און איך בעט דיך, אָרע, גענוג! טו מיר נישט ווי, באַליידיק מיך נישט!

און געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז רייטשל האָט אים היים אַ קוש געטאָן און נאָכאַמאָל ביי אים ארויסגעקריגן אַ צוזאָג, אַז ער וועט איר געבן געלט פאַר די הייזער אויף סטוירלינג פּליים.

אויף מאָרגן איז אָרע אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און באַלד נאָכן

דאוונען האָט ער אויף גיך עפּעס איבערגעביסן און איז אַוועק צו אים אין אָפיס, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער סטייט באַנק.

אין זיין אָפיס איז ער זעלטן ווען געגאַנגען, מחמת ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען ארום די הייזער, וואָס ער האָט געבויט. אהין איז ער נאָר געקומען, ווען ער האָט געדאַרפט אונטערשרייבן די טשעקן, וואָס זיין בוכהאַלטער חיים־עלי האָט פאַר אים צוגע־גרייט, אָדער ווען ער האָט באַשטעלט עמעצן זיך דאָרט צו טרעפן מיט אים.

יענעם אינדערפרי איז ער געגאַנגען אהין, כדי אויסצוגעפינען ביי זיין בוכהאַלטער, וויפל געלט זיינס איז געלעגן אין דער נע־שאַנאַל באַנק און וויפל אין דער באַנק אויף סטאַון עוו.

צוקומענדיק צו זיין ביורא, האָט ער דערזען אַ גרויסן עולם מענטשן ארום דער באַנק. די מענטשן זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער, לאַנגער שורה, וואָס האָט זיך געצויגן פון די טירן פון דער באַנק ביז עטלעכע גאַסן ארונטער. אָבער אַזוי ווי נעכטן האָבן זיי נישט געליאַרעמט. זיי זענען געשטאַנען שטיל און האָבן גע־וואַרט, אַז די באַנק זאָל זיך עפענען.

דאָ און דאָרט האָט אָרע באַמערקט אַ בלייכן, פאַרשלאָפענעם פּנים פון אַ מאַן אָדער אַ פרוי. וואָרים אַ סך פון אָט די מענטשן זענען דאָרט געשטאַנען פון נעכטן אָן.

אָרע האָט גענומען זוכן מיט די אויגן שרהקען מיט פּיניען. ער האָט זיי אָבער נישט געזען. ארום דער באַנק זענען געשטאַנען פּאָליציי, זיי האָבן אָבער נישט געשטופּט און נישט געשטויסן דעם עולם, ווי נעכטן.

אָרע האָט אויפגעזוכט ביי זיך אין אַ קעשענע אַ שליסל פון זיין ביורא, האָט אויפגעשלאָסן די טיר און איז אריין אינעווייניק. זיין בוכהאַלטער, חיים־עלי, וואָס איז געווען דער גאַנצער פאַר־וואַלטער פון זיין ביורא, איז נאָך דאָרט נישט געווען.

דאָס ביורא איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן, — פון אַ קלע־נערן און אַ גרעסערן. אין דעם גרעסערן צימער איז ביי אַ וואַנט געשטאַנען אַן אייזערנע קאַסע מיט אָרעס נאָמען אין גאָלדענע

אותיות אויף דער טיר. דאָרט, אין יענער קאַסע זענען געלעגן די ביכער און די קאָנטראַקטן און אַנדערע פּאַפּירן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אָרעם געשעפטן. אין מיטן צימער איז גע־שטאַנען אַ שרייב־טיש מיט אַ טעלעפאָן. עטלעכע שטולן האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען און איין שטול מיט פּאָרענצן, וואָס אויף אים איז אַלעמאָל חיים־עלי אַליין געזעסן.

וואַרטנדיק אויף זיין בוכהאַלטער איז אָרע געוואָרן אומגע־דולדיק. דער זייגער, אמת, איז נאָך געווען פאַר 8 און חיים־עלי האָט געזאָלט זיין אין ביוראָ נישט פריער פון 9, אָבער אָרען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז היינט, אין אַזאַ צייט האָט יענער געמעגט קומען אין ביוראָ פריער.

ער האָט דערזען אַ יידישע צייטונג אויף אַ שטול דערביי, האָט ער גענומען די צייטונג און אין איר אַריינגעקוקט. ער האָט אָבער נישט געוווסט וואָס ער לייענט. זיין קאָפּ איז נישט געווען דערביי. הגם, ער האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז דער שרעק איבער די באַנקן איז אַן אומזיסטער, האָט ער דאָך קעגן זיין ווילן געטראַכט וועגן דעם, צי וועט זיך די נעשאַנאַל באַנק עפענען, אָדער, חלילה, זי וועט בלייבן פאַרמאַכט, און צי וועט די באַנק אויף סטאָון עווענױ זיך היינט עפענען.

און דערמאָנענדיק זיך אין דעם, אַז ער מוז היינט אַריינטראָגן געלט אין דער בילדינג ענד לאָון אַסאָסיאיישאָן, האָט ער מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן: „גאָטעניו, חלילה וחס, ווען די באַנקן זאָלן בלייבן צוגעמאַכט!...״

ער האָט זיך אָבער קעגן דעם שרעק געוועהרט און מיט זיין געזונטער נאַטור האָט ער אים צום סוף בייגעקומען. און ער האָט דערנאָך גענומען טראַכטן וועגן די שיינע הייזער, וואָס ער האָט זיך געקליבן בויען אין פלעטבוש. איינס נאָכן אַנדערן זענען די הייזער אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן; אַלע אַזעלכע שיינע, גראַמע, ליכטיקע, מיט די נייעסטע איינריכטונגען און די בעסטע שניצערייען און געמעלעכצן, — הייזער צווישן בוימער און בלו־מען, הייזער פאַר גבירים...

אזוי איז ער דאָרט געזעסן אין דער בּיוראָ בּיז חיים־עלי איז געקומען.

חיים־עלי האָט אויסגעזען שטאַרק צערודערט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין בּיוראָ. זיין שוואַרץ בּערדל איז געווען צעפּאַטעלט און די אַקסלען אַזוי ווי איינגעפּאַלן. אַז ער האָט דערזען אַרען, האָט ער זיך נישט פאַרוווּנדערט און נישט געפרעגט בּיי אים, ווי אַזוי קומט ער עפּעס אַזוי פרי אין בּיוראָ; נאָר ער האָט אַרונטערגענומען די בּרילן פון זיינע קורצזיכטיקע אויגן און זיי האַסטיק בּאַלד ווידער אָנגעטאָן, נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט:

— גאָט ווייסט, גאָט ווייסט, גאָט ווייסט!...

— וואָס הערט זיך,חיים־עלי? — האָט אַרע אים אַ פרעג געטאָן.

— דערווייל איז שלעכט, רבי אַרע. איין גאָט ווייסט, איין גאָט ווייסט, איין גאָט ווייסט!—האָט ער גערעדט צערודערט איינע און די זעלבּיקע ווערטער.

— וואָס שלעכט? ווען שלעכט? דו, חיים־עלי, בּיסט דאָך אַלע מאָל אַ שרעקעוודיקער, איך קען דאָך דיך! דו מיינסט וועגן דער בּאַנק?

— נו, יאָ, שלעכט! אַ שרעק וואָס עס קאָן זיין!

חיים־עלי האָט אַראָפּגענומען דעם הוט פון דעם קאָפּ און אָנגעטאָן אַ פּירעקיקע יאַרמולקע, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט בּיי זיך פון אַ אונטערשטע קעשענע. נאָכדעם האָט ער ווייטער גערעדט:

— עס האָט מיך אָן אימה אָנגעכאַפּט, ווען איך האָב פריער געלייענט די ציייטונגען.

— וואָס שרייבּן די צייטונגען?

— פרעגט שוין בּעסער נישט. מען איז נישט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. ממש אַ וועלט ווערט חרובֿ!

— אַי, גיי שוין גיי! דו וואָרגסט, נאָר דו קראַקעסט! דו זאָג מיר בּעסער, חיים־עלי, וויפל געלט מיינס ליגט דאָרט אין דער נעשאָנאַל בּאַנק?

— אָן אוצר. איבּער צוואַנציק. מיר דאַרפן דאָך היינט אַריינטראָגן געלט אין...

— אודאי, דערפאַר פרעג איך דאָך ביי דיר.

— אויף יענע געלט קאָנען מיר נישט רעכענען. יעדנפאַלס נישט אזוי גיך, רבי אַרע.

אַרע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— טו א קוק, חיים־עלי, אין די ביכער; איך וויל וויסן אַקו־ראַט וויפל געלט איך קאָן היינט צונויפנעמען פון דער באַנק אויף חשבון עוועניו. און קוק נאָך, ווער עס דאַרף מיר היינט צאָלן, און רעכן אויך צו 5 טויזנט דאָלאַר, וואָס מיין פיניע גיט מיר היינט א הלואה.

— מיר דאַרפן היינט איינצאָלן 30 טויזנט, רבי אַרע.

— איך ווייס.

— דאָס הייסט, דאַרפן האָבן מיר געדאַרפט היינט איינצאָלן אין דער „בילדינג ענד לאָון אַסאָסיאיישאָן" 60, נאָר אונזער לאָיער האָט ביי זיי דאָרט געפּועלט, אַז זיי זאָלן געבן אַן „עקס־טענשאָן" און דערווייל זאָלן מיר איינצאָלן 30 טויזנט דאָלאַר.

אַרע איז געוואָרן אומגעדולדיק און זיך אָפּגערופן:

— נו, יאָ, יאָ, איך ווייס דאָס אַלצדינג אָן דיר. א מאָדנע נאַטור האָסטו, חיים־עלי, וואָלסט נאָר גערעדט. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, דו רעדסט!

— מיין זאַך איז אייך צו ווייזן, ווי איך האָב אַלצדינג אויפן קאָפּ. איר צאָלט מיר דערפאַר, רבי אַרע.

— נו, גוט, גוט. טו א קוק, וואָס דו האָסט דאָרטן ביי זיך אין דעם בוך. באַרעכן וויפל מזומנע געלט איך קאָן היינט צו־נויפקלאַפּן. רעכן אויך צו פיניעס 5 טויזנט...

חיים־עלי האָט געעפנט די אייזערנע קאַסע און ארויסגענומען פון דאָרטן א גרויסן בוך מיט לעדערנע טאָוולען און עס אַוועקגע־לייגט אויפן שרייב־טיש. און אַרע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט זיך קוקן אין דרויסן אַרויס.

דורכן פענסטער האָט ער געזען די באַנק און דעם עולם אַרום. די באַנק איז נאָך נישט געווען געעפנט און דער עולם אַרום איז איצט געווען א סך גרעסער איידער פריער.

מיט אמאָל איז זיין אויג געפאַלן אויף א מאשין, וואָס האָט

זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג פון פיטקין און סטאַון עוועניו. פון דער מאַשין זענען אַרויסגעקומען אַ מאַן מיט אַ פרוי, און זיי זענען געבליבן שטיין און האָבן געקוקט אויף דער לאַנגער שורה מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער באַנק.

אָרע האָט גענומען רייבן די אויגן, קוקנדיק אויף יענער פרוי און יענעם מאַן. וואָס איז דאָס? ווייזט זיך דאָס אים אויס? ייטשע מיט יענעם? סטייטש, ווען ער, אָרע, איז אַוועק פון דער היים, האָט זי דאָך נאָך געשלאָפן?

און אין אויפגערעגטער האָט ער אַ רוף געטאָן חיים־עלין:

— קום נאָר אַהער, חיים־עלי, זע אַקאַרשט, ווער שטייט דאָרט נעבן דער מאַשין?

חיים־עלי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אַ קוק געטאָן.

— וועלכע מאַשין מיינט איר, רבי אָרע?

— אָט די־אָ, וואָס שטייט אָט־אָ־דאָ־אָ. איז דאָס נישט ד'ער אַרעסער זשוליק מיט מיין ווייב, האָ?

— יאָ, יאָ, אַוודאי, רבי אָרע. דאָרט שטייט אייער ווייב מיט מר. בלומען. מסתמא געקומען אויך אַרויסנעמען געלט פון דער באַנק. פאַרוואָס קומט נישט אייער ווייב אַריין אַהער? וואָס שטייט זי דאָרטן מיט אים?

אָרע האָט נישט געענטפערט. ער איז אַ צעטראָגענער אָפּגע־טרעטן פון דעם פענסטער און איז אַווינק שפּרייזן איבערן ביוראָ פון איין צימער אין דעם אַנדערן, אַהין און צוריק. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ שטול און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— די גאַל קאָן פּלאַצן! — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— סאַמועלסאָן דאַרף אונז היינט צאָלן זעקס טויזנט פיר הונדערט דאָלאַר. אַכט טויזנט אונזערס איז אין דער סטייט באַנק. און מיט די פינף טויזנט דאָלאַר, וואָס מיר קריגן פון פיניען, וועלן מיר האָבן 19 טויזנט מיט פיר הונדערט דאָלאַר, וועט אונז פעלן 11 טויזנט זעקס הונדערט פאַר דער „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסי־

אײשאָן", — האָט אײן אַ װײַלע אַרום געדרעט חײם־עלי בײם שרײַב־טיש איבערן בוך מיט אַ פּעדער אין דער האַנט.

אָבער אָרע האָט נישט געהערט, װאָס חײם־עלי האָט גערעדט. ער האָט נאָך אַלץ געריבן זײַן שטערן מיט דער האַנט. נאָכדעם האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— זײ שטײען נאָך דאָרט?

— װער? — האָט חײם־עלי אױפגעהױבן דעם קאָפּ פון דעם בוך און געקוקט אָנגעשטרענגט מיט זײַנע קורצזיכטיקע אױגן דורך די ברילן אױף אָרען.

אָרע האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט זיך אױפגעהױבן און איז אַלײן צוגעגאַנגען צום פענסטער, כדי צו זען, אױב רײטשל איז נאָך דאָרט געשטאַנען מיט סעמקען. אָבער זײ זענען שױן דאָרט מער נישט געװען, נישט זײ און נישט די מאַשין.

האָט אָרע אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און װידער אַרױסגע־מורמלט:

— װאָס מען שטײט זיך אױס פון איר! מען קאָן פון איר משוגע װערן. נו, נו! — האָט ער טיף אַ זיפץ געטאָן.

אָבער אַ װײַלע אַרום האָט ער צו זיך געזאָגט מיט אַ באַ־זונדערער מין פעסטקײט:

— זי װעט שױן מיט יענעם מער קײן עסקים נישט האָבן, װען לײט רעדן! ער, אָרע, װעט שױן מיט איר רעדן קלאָרע דבורים!...

נאָכדעם האָט זיך אָרע באַרואיקט, װי ער װאָלט זיכער געװען בײַ זיך, אַז רײטשל װעט אים פאָלגן; אַז דאָס מאָל װעט זי אים מוזן פאָלגן. און ער האָט װידער גענומען רעדן מיט חײם־עלין װעגן געלט און װעגן די צאָלונגען.

— הײסט עס, חײם־עלי, אַז אונז װעט פעלן איבער 11 טױזנט דאָלאַר?

— 11 טױזנט מיט זעקס הונדערט, רבי אָרע.

אָרע האָט זיך פאַרטראַכט. אָבער מיט אַמאָל האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— עט, מיט אזא קלייניקייט זיך נישט קאָנען אויסהעלפן? מיט עלף טויזנט און זעקס הונדערט דאָלאַר? נאַרישקייט, ביי מיין דאָקטאָר וועל איך כאַפּן אַ הלוואה און ביי סאַמועלסאָנען וועל איך זיך אויך קאָנען אַרויסהעלפן. ער דאַרף מיר צאָלן אַזויפיל, וועל איך ביי אים נעמען אַביסל מער. אַן סכנות!...

פון דרויסן האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ טומל; סיי אָרע און סיי חיים־עלי זענען צוגעלאָפן צום פענסטער.

חיים־עלי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— די באַנק האָט זיך דאָרטן געעפנט און דער עולם שפּאַרט זיך אין די טירן מיט ליאַרעם, מיט אַ געפילדער.

— די נעשאָנאַל באַנק וועט זיך אויך מיט גאָטס הילף עפענען, — האָט אָרע מיט פרייד אונטערגעכאַפּט, — ביי מיר איז סיין איין רגע קיין ספק נישט געווען. ווו איז מיין באַנק־ביכל?

חיים־עלי האָט באַמערקט:

— איר דאַרפט זיך דאָרטן נישט שפּאַרן מיט די אַנדערע. וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, וואַרט אָפּ, זאָל דאָרט ווערן גראַמער.

— דו ביסט גערעכט. חיים־עלי, אויב אַזוי, וועל איך פריער צולויפן צו סאַמועלסאָנען.

14

פון ערגער צו ערגער

סאַמועלסאָנס ביוראָ האָט זיך געפונען נישט ווייט דערביי. אָרע איז אַוועק אַהין. סאַמועלסאָן האָט אים אויפגענומען מיט זיין געוויינלעכן גוטמוטיקן שמייכל. אָבער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן וואָס אָרע איז צו אים געקומען, האָט ער געזאָגט:

— איך גלויב נישט, מיסטער כיריג, אויב איך וועל היינט אייך קאָנען געבן אפילו דאָס געלט, וואָס אייך קומט. איר פאַרשטייט, איך האָב היינט זיך גערעכנט אַריינצוקריגן אַ סך געלט מיט דער פּאָסט און איך האָב אפילו קיין איין טשעק נישט באַקומען.

און איך אַליין דאַרף אויך צאָלן היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן פאַר „מאָרגעדזשעס". אַי, אַי, אַי אַביסל אַ בהלה! אויף דעם האָט מען זיך גאָרנישט געריבט! — האָט ער צוגעלייגט אַלץ מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל.

אָרע איז צעמישט געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגערופן:

— אויב אַזוי, איז דאָך שלעכט! אויב איך קריג נישט ביי אייך דאָס געלט, איז דאָך אַ מיאוסע זאַך. איך מוז היינט אַריינטראָגן געלט אין „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאָן". מיין לאָיער האָט געקריגן ביי זיי אַן „עקסטענשאָן".

— גייט היינט צו אַהין מיט אייער לאָיער, וועט איר ביי זיי קריגן אַ ווייטערן „עקסטענשאָן", — האָט אים געראָטן סאַמועלסאָן, — און איר דאַרפט זיך נישט שרעקן, מיסטער כירוג. עס וועט אַלצדינג ווידער גוט ווערן. עס איז נאָר אַ קליין לעבעלע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. מען וועט עס פאַרנייען, פאַרקלאַפּן, מען וועט נישט לאָזן אַזוי!...

— ווען מיינט איר ווען מיר קאָנען צוריקקריגן אונזער געלט פון דער נעשאָנאַל באַנק, מיסטער סאַמועלסאָן?

— שווער צו זאָגן. דערווייל איז שלעכט. איך בין אָבער זיכער, אַז מען דאַרף זיך נישט שרעקן.

אַז אָרע איז געקומען צוריק צו אים אין ביוראָ, איז ער ווידער געוואָרן צעטראָגן.

— נישט גוט, נישט גוט, חיים־עלי, ביי מיסטער סאַמועלסאָנען וועלן מיר היינט קיין געלט נישט קריגן. ער זאָגט, אַז ער האָט היינט נישט. וואָס טוט מען, הא, חיים־עלי? ער גיט מיר אַן עצה, איך זאָל גיין מיטן לאָיער צו זיי, וועל איך ביי זיי פועלן אַ ווייטערן „עקסטענשאָן". אַנו, רוף אָפּ אונזער לאָיער, זאָג אים, אַז ער זאָל גלייך קומען אַהער.

דער לאָיער איז נאָכדעם געקומען, — אַ פאַרהאָוועטער יונגערמאַן מיט פולע קעשענעס מיט ציגאַרן. און תיכף ווי ער איז אַריינגעקומען, האָט ער אַרויסגעכאַפּט עטלעכע ציגאַרן פון קעשענע, דערלאַנגט איינעם אָרען און אַ צווייטן חיים־עלין, הגם זיי ביידע האָבן נישט געריכערט, און אַ דריטן האָט ער אַליין פאַר־

רויכערט, און געדרייטערט האסטיק, ארויסשפייענדיק יעדע ווײַלע א פיצעלע פון דעם ציגאַר, וואָס ער האָט אָפּגעביסן מיט די ציין. אַז ער האָט דערהערט, וואָס אָרע האָט געוואָלט, האָט ער זיך אָפּגערופן האסטיק:

— אודאי געוויס. איך וועל ביי זיי קריגן אַן „עקסטענשאָן" פאַר אייך. אַן אנדערער אפשר נישט, אָבער איך? ביי מיר איז דאָס א קלייניקייט. ערשט די נאַכט פאַרבראַכט מיטן פרעזידענט פון „בילדינג ענד לאָאן אַסאָסיאיישאָן" א גאַנצע נאַכט. ווען ווילט איר גיין, מיסטער כיריג?

— אָט, איך וועל אַפּריער אַרויסנעמען געלט און וועל זיך זען מיט מיינע איידימס. מען וועט דאָך דאַרפן ברענגען עפּעס געלט אַהין.

— אודאי. ווען רעכנט איר, מיסטער כיריג, וועט איר קאָנען אַהין אַריינטראָגן דאָס איבעריקע געלט?

— איך ווייס? איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל היינט קאָנען. נו, קאָן סאַמועלסאָן, אַזאַ גוטער צאָלער, מיר היינט נישט געבן קיין געלט. וואָס האָט איר עפּעס געהערט וועגן די באַנקן? — האָט אָרע מיטאַמאָל זיך איבערגעשלאָגן.

— דערוויל ווייסט מען גאָרנישט. מען רעדט אַזוי, און מען רעדט אַנדערש.

— און ווי אַזוי איז אייער מיינונג? — האָט חיים־עלי זיך אַריינגעמישט.

— איך גלויב אין טעאָדאָר רוזוועלטן, — האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט, — דאָס וויל וואָל סטריט אָפּטאָן א שפּיצל אונזער פרעזידענט. אָבער נישט געטראָפן דעם אָרט! ער האַלט דעם גרויסן שטעקן אין דער האַנט און וואָל סטריט וועט כאַפּן פון אים איבערן קאָפּ! שאַ, מיסטער כיריג, איך מאַך מיט אייך עפּעס אָפּ, — האָט ער זיך האסטיק א כאַפּ געטאָן, — איך גיב אייך 90 סענט פאַר יעדן דאָלאַר, וואָס איר האָט אין די באַנקן.

אָרע האָט א שמייכל געטאָן.

— דערוויל האַלט איך נאָך נישט דערביי... — האָט ער געענטפערט, — קומט אַהער אַזייגער 2, וועלן מיר פאָרן אַהין.

דער יונגערמאַן איז אַוועקגעגאַנגען. און שפּעטער האָט אָרע אַרויסגענומען זיין געלט פון דער סטייט באַנק און איז אַוועק צו פיניען אַהיים.

אויפן וועג האָט ער זיך דערמאָנט אין שרהקען, און ער איז געוואָרן אויפגערעגט. ער וועט אפילו מיט איר נישט רעדן, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — אפילו אויף איר „גוט־מאָרגן" נישט ענטפערן...

ער האָט געטראָפן פיניען מיט שרהקען אינדערהיים.

— האָסט אַרויסגענומען געלט, פיניע? — האָט אָרע גע־פרעגט און אויף שרהקען האָט ער דערביי נישט געקוקט און האָט זיך געוווּנדערט מיט דעם כעס וואָס זי האָט געוועקט אין אים.

פיניע האָט זיך אָנגעכמורעט און געענטפערט:

— און אַז איך האָב אַרויסגענומען?

— טאָ גיב מיר די הלוואה וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

— איר לאַכט פון מיר, שוועד?

— וואָס הייסט איך לאַך? — האָט אָרע אים אָנגעקוקט פאַר־וווּנדערט. — וווּ זענען די פינף טויזנט דאָלאַר, וואָס דו האָסט מיר נעכטן צוגעזאָגט, אַז דו וועסט אַרויסנעמען פאַר מיר פון דער באַנק?

— איך האָב דאָס געלט טאַקע אַרויסגענומען, אמת, מחמת אפילו אַ באַנק טאָר מען היינטיקע צייטן נישט פאַרטרויען קיין געלט.

— מיר מעגסטו לייען. איבל דיר נישט אָנזעצן. האָב נישט מורא, — האָט אָרע זיך באַמיט צו רעדן רואיק.

— שוועד, איר זענט טאַקע אַן ערלעכער מאַן, אָבער איך בין אויך אַן ערלעכער טאַטע צו מיין פאַמיליע... ווען עס ברענט איז אַ סכנה צו קריכן אין פייער.

אָרע האָט זיך אָנגעצונדן און די אויגן ביי אים זענען פאַר־לאָפן מיט בלוט. ער האָט געקוקט פיניען גלייך אין פנים און האָט שווער געאָטעמט. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעמורמלט פאַרשטיקט:

— ווו ברענט? פאַרך וואָס דו ביסט! דו מיינסט, אַז איך בין שוין אָפּגעברענט? אַז איך בין שוין נישט מער איך? אפילו

איצט נאָך וועל איך אַזעלכע צען פֿאַרבעס ווי דו אָפּקויפֿן מיט מײַן מיסט!

פֿיניע אַן אָנגעכמורעטער האָט זיך אָנגערופֿן:

— שווער, איך טאָר איך איצט נישט לײַען קיין געלט, מחמת מען ווייסט נישט ווי ווײַט די פּאַניק וועט גיין. שווער, איך האָב אַ ווײַב מיט קינדער. איך דאַרף פֿאַרהיטן מײַן געלט.

— היים עס, אַז נישט, האָ? דו גיסט נישט, האָ? דו גלויבסט מיר נישט, האָ?

— איך קאָן נישט. איך טאָר נישט. און עס וועלן אייך גאָר נישט העלפֿן די רייד און דער כּעס, שווער. אפֿילו קיין איין דאָלאַר לאָז איך נישט אַרויס פֿון דער האַנט. זידלען זיך קאָן איך בעסער פֿון אייך!

אָרע איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעפּאַרעטער. אַ ווײַלע האָט ער דערנאָך געשוויגן און געסאָפּעט מיט זײַן ברייטער ברוסט און געקוקט דאָ אויף פֿיניען און דאָ אויף שרהקען מיט זײַנע אויגן, וואָס זענען פֿאַרלאָפֿן געווען מיט בלוט. נאָכדעם האָט ער זיך צעלאַכט שטיל און מיט גאַל:

— נו, וואָס זאָגט מען צו אַזאַ איידעם? האָב איך אים געדאַרפֿט געבן די טויזנטער, אַזאַ כּלבֿ? אָבער איך לאַך פֿון דײַן קאָפּ. איך גיי נאָך נישט אונטער, שייגעץ דו!

דאָ האָט זיך שרהקע אַרײַנגעמישט און געזאָגט:

— פֿאַרוואָס גייסטו נישט צו דײַן רײַטשקען לײַען? זי איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד! דו בעסער גיי צו איר און נעם־צו בײַ איר אַלצדינג וואָס דו האָסט איר געגעבן, אַנישט וועט דאָס אַלץ פֿאַרבלײַבן בײַ איר און בײַ איר פֿאַליובאָוניק.

אַזוי ווי מען וואָלט אָרען מיט אַ בײַטש איבערן נאַקעטן לײַב אַ שניט געטאָן! ער האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט זײַן גאַנצן ברייטן, שווערן קערפּער און זיך פֿון אָרט אַ ריס געטאָן און אַרויסגעבריעט, פֿאָכענדיק צו שרהקען מיט זײַן שטאַרקער פֿויסט:

— שרהקע מרשעת, שרהקע, איך וועל בײַ דיר די צונג אַרויסרײַסן, אויב איך וועל נאָך פֿון דיר הערן אַזעלכע רייד. פֿוי, צו אײַערע ביידנס קעפּ! — האָט ער אַ שפּײַ געטאָן.

און ער איז אַרויסגעלאָפן פון זייער הויז.

פון דאָרטן איז ער אַוועק צו זיין צווייטן איידעם, צו דאָקטאָר הודקינען, און אויפן וועג האָט ער געטראַכט:

„אײ־אײ־אײ! עס איז נאָך גוט וואָס איך דאַרף צו זיי נישט אָנקומען אויף אַן אמת. רבונו של עולם, אַ שיין וועלטל איז דיינע! ווי נאָר עס קומט צו געלט, אַזוי איז אויס טאַטע, אויס שווער. אָבער וואַרט, וואַרט, זיי וועלן דאָס ביי מיר געדענקען! זיי וועלן זיך מיר פאַר די אויגן מער נישט טאָרן ווייזן!"

און באַלד האָט ער אַ לאַך געטאָן און זיך מיט גאַל:

„זיי אויך נישט? די מאַמע נישט, זיי נישט און רייטשל שלעפּט זיך אַרום מיט יענעם, און דער דאָקטאָר מיט עטלען זענען אויך אויף שונאי ציון געזאָגט געוואָרן, וואָסער נחת איך האָב פון זיי!"

און ער האָט געטראַכט ווייטער פאַרביטערט און מיט ווייטאָק:

„הלמאי דער גאַנצער האַוועז, אויב אַזוי? זאָל דאָס אַלצדינג פאַרברענט ווערן!"...

קומענדיק צו דאָקטאָר הודקינען האָט ער זיך דערוווּסט פון אַ דינסט, אַז נישט דער דאָקטאָר און נישט עטל איז אינדערהיים; אַז זיי ביידע זענען אַוועקגעפאָרן ערגעץ, און אַז פריער ווי דריי אַזייגער וועלן זיי נישט זיין צוריק.

דעמאָלט איז אָרע אַוועק צוריק צו זיך אין בּיוראָ.

אויפן וועג האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז שלמה־זלמן דער שוואַרצער דאַרף קומען היינט צו אים נאָך זיין געלט און ער האָט אַרויסגעמורמלט אַ צעטראָגענער:

— ווײ, ווײ, גאָר פאַרגעסן! אים מוז מען היינט אָפּגעבן זיין געלט. מסתמא וואַרט ער דאָרט ביי מיר אינדערהיים.

און אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן כמעט מיט שרעק:

חלילה וחס ווען די אַנדערע זאָלן איצט קומען מאָנען דאָס געלט, וואָס זיי האָבן איינגעלייגט ביי אים, — ווו וועט ער דאָס פאַר זיי נעמען?

און ער איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומרואיק.

טאַקע אמת, האָט ער ווייטער געטראַכט, איינגאַנצן קומט זיי אַלעמען אַ קלייניקייט, אַרום און אַרום אפשר פופצן טויזנט, אָבער

ווען עס איז ענג און ווען מען איז אזוי פארדרייט, איז דאָס אויך געלט.

און ווי ער איז געגאַנגען איבער דער פּיטקין עוועניו און האָט אזוי געטראַכט, האָט ער זיך יעדע ווײַלע אָנגעטראָפן מיט עמעצן פון די באַקאַנטע ייִדן, בראַנזווילער גבירים אזוי ווי ער, און יעדער פון זיי איז איצט ערגעץ געלאָפן פארהאַוועט, צעטראָגן. זיי האָבן זיך אפילו מיט אים נישט באַגריסט. צי דערפאַר מחמת זיי האָבן קיין צײַט נישט געהאַט, צי מחמת צעטראָגנהייט האָבן זיי אים נישט באַמערקט.

און מיט אַמאָל האָט אים עמעצער אָפּגעשטעלט מיט ווערטער, אַרויסגערעדט אויף אַ גראָבן קול:

— אָט ביסטו דאָך!

דאָס איז געווען אברהם גוטמאַן. ער האָט אויך אויסגעזען צעטראָגן און זיין רויטער פּנים איז געווען פארשוויצט און די אויסגעפּוטשעטע אויגן פארזאָרגט.

— איך קום דאָך ערשט פון דיר, אָרע, — האָט ער ווייטער גערעדט מיט זיין גראָבן קול און אָפּגעווישט זיין פּנים און די ווייסע וואָנסעס מיט אַ טיכל, — איך דאַרף דיך האָבן.

— וואָס דאַרפסטו מיך?

— איך וויל נעמען ביי דיר אַ הלוואה אויף אַ טאָג אָדער צוויי. איך דאַרף אַרײַנקריגן געלט היינט אָדער מאָרגן. איך מוז אָבער אײַנצאָלן אַ מאָרטגיידזש.

אָרע האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך האָב זיך געקליבן צו גיין צו דיר נאָך אַ הלוואה. איך דאַרף היינט אויך צאָלן אַ מאָרטגיידזש.

— אפילו אַ פינף טויזנט אויך נישט, אָרע?

— און פינף סענט?

—איז דאָך ביטער! היינט וואָס טוט מען? איך בין שוין געווען ביי חיים־זוסען, ביי יאַכנעטשיקן, ביי בינדזשיקן, ביי סאַמועלסאָנען און ביי וועמען נישט? און פון אַלעמען האָב איך געהערט איין טענה: זיי האָבן זיך געקליבן צו גיין צו מיר נאָך אַ הלוואה... גוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס וועט ווערן דערפון?

ארע האט ווידער א שמייכל געטאן:

— און דו האסט מיר נעכטן אנגעבאטן אזויפיל מזומנע געלט פאר די הייזער. דו געדענקסט, אברהם?

— וואס דען, איך געדענק נישט? און היינט איז מיין גאנצער פארמעגן דארט פארקאפט. קיין סענט נישט ארויסצוקריגן. נו, האט?

— נו, נו! — האט ארע געענטפערט.

— ווען חלילה וחס... הא, וואס זאגסטו, ארע? מען וועט מוזן, חלילה, נאך אויסטאן דעם הויכן קאפעליוש! — האט אברהם גוטמאן ווייטער גערעדט.

— כ'וויים? ווער קאן וויסן, אברהם?

— דו האסט עפעס געהערט נייעס, ארע?

— און אז איך האב געהערט, ווייס איך, הפנים, וואס איך האב געהערט? איך שרעק זיך אבער נישט. עס איז פאראן א גוטער גאט און איך האב אין אים בטחון.

— און איך שרעק זיך, ארע. ווען איך זאל גלויבן וואס איך הער זיך אן, קאן איך ארויס פון זינען! אי־אי־אי, ווער זאל זיך ריכטן אויף אזא בהלה, אויף אזא חורבן! נו, גיי מאך א נייע באנק, ארע!...

— יא.

— מאך דיר א באנק און ווער א באנק־פרעזידענט, — האט אברהם גוטמאן ווייטער גערעדט מיט שפאט. — מען וועט שוין, דאכט זיך, ביי אונז אזוי גיך נישט טראכטן וועגן קיין נייער באנק.

— מסתמא נישט.

— אוי, בעסער גאר נישט טראכטן מער דערפון, — האט אברהם גוטמאן זיך א כאפ געטאן. — איך וועל נאך פרווון צוגיין צו פאמפערניקלען.

און ער איז ווייטער אוועקגעלאפן.

אז ארע איז דערנאך געקומען צוריק צו זיך אין ביורא האט ער זיך דערוווסט פון חיים־עלין, אז שלמה־זלמן דער שווארצער איז נאר וואס געווען און האט געפרעגט אויף אים.

דאן האט ארע אראפגענומען פון דעם געלט וואס ער האט געהאלטן ביי זיך אין דער בוזים־קעשענע, די עטלעכע הונדערט

דאָלאַר וואָס ער האָט געקומט שלמה־זלמן דעם שוואַרצן און האָט זיך אָנגערופן צו חיים־עלין:

— אַ חוץ אין דער באַנק האָב איך אין ערגעץ נישט געקריגן קיין געלט. איז שוין קיין חילוק נישט צי איבל אין דער „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאַן" אַריינטראָגן היינט מיט עטלעכע הונ־דערט דאָלאַר מער אָדער ווייניקער. אָט דאָ נעם איך אַראָפּ שלמה־זלמנס געלט, וואָס ער האָט בײַ מיר איינגעלייגט. איך האָב אים צוגעזאָגט היינט צו געבן. ער שרעקט זיך אַזוי פאַר זיין געלט, אַז מען מוז אים באַצאָלן.

— אמת, — האָט חיים־עלי באַמערקט. — ווען ער איז פריער דאָ געווען און איך האָב געהערט ווי ער האָט גערעדט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ משוגענער רעדט.

שפּעטער איז אָרע אוועק מיט זיין לאָיער צו דער „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאַן" און דאָרט האָט ער געטראָפן נאָך אַנ־דערע פון די בראָנזווילער יידן. און די מערסטע פון אָט די יידן האָבן געבראַכט אַהין נאָר אַ טייל פונם געלט וואָס זיי האָבן געדאַרפט איינצאָלן פאַר זייער מאָרטגײדזשעס און האָבן דערביי געקריגן אַן „עקסטענשאַן", ווער אויף אַ קירצערער צייט און ווער אויף אַ לענגערער צייט.

די פאַרוואַלטער פון דער „בילדינג ענד לאָאַן אַסאָסיאיישאַן" האָבן איצט געהאַט אין זינען נאָר איין זאַך: צוצונעמען ביי אָט די מענטשן וויפל „קעש" מען האָט נאָר געקאָנט ביי זיי אַרויסקריגן.

אָרע האָט געקריגן אַן „עקסטענשאַן" אויף אַ חודש. און דאָס האָט געמיינט, אַז אין אַ חודש שפּעטער האָט ער געדאַרפט איינ־צאָלן אין דער „בילדינג ענד לאָון אַסאָסיאיישאַן" דאָס איבעריקע פון די דרייסיק טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט היינט געדאַרפט דאָרט צאָלן.

מיט אַ גרינג האַרץ איז ער אוועק פון דאָרט, מחמת ער איז זיכער געווען, אַז ביז דער חודש וועט אַריבער, וועט ווידער אַלץ גוט ווערן. און אַזוי ווי ער האָבן געטראַכט די מערסטע בראָנז־ווילער יידן...

עס איז געווען נאָך דריי, ווען אָרע איז געקומען אַהיים צו עסן מיטאָג.

צוגייענדיק נענטער צום הויז, האָט ער באַמערקט אויפן גאַנעק עטלעכע פרויען און מענער און צווישן זיי אויך שלמה־זלמן דעם שוואַרצן. אָרען איז איינגעפאַלן אינם האַרצן. דאָס איז מען געקומען נאָך דעם געלט, וואָס מען האָט איינגעלייגט ביי אים. פאַר דעם האָט ער זיך געשראָקן. ווו זאָל ער נעמען געלט היינט פאַר זיי?

ער האָט דערקענט מירקע די בעקערקע און די אַלטע יאַכע, וואָס האָט פאַרקויפט רעשטלעך שניט־סחורה אין בעלמאַנט עוועניו אויף אַ וועגל, און שרה־לאה די נייטערקע, וואָס האָט אַרויסגענומען אַרבעט פון אַ שאָפּ פאַר זיך און פאַר אירע צוויי טעכטער, און נאָך אַ פּאָר ווייבער. ער האָט צווישן זיי אויך דאָרט דערקענט זעליג דעם מלמד, אַן עלטערן יידן מיט אַ גרויען בערדל, דער דאָזיקער מלמד, אַ ייד מיט איינגעהויקערטע אַקסלען און מיט וואַטע אין די אויערן שטענדיק, סיי זומער און סיי ווינטער, האָט געהאַלטן ביי אָרען זיינע אָפּגעשפּאָרטע פאַר הונדערט דאָלאַר, מיט וועלכע ער האָט זיך געקליבן אַראָפּצוברענגען זיין ווייב און קינדער פון רוסלאַנד. ער האָט דאָרט אויפן גאַנעק גערעדט מיט אַ פּאָר אַנדערע יידן.

— אָט גייט ער! — האָט מען גענומען טומלען אויפן גאַנעק, און שלמה־זלמן דער שוואַרצער האָט זיך דאָרט צעשריגן:

— שאַ, שאַ, שרייט נישט אַזוי, ווייבער! געוואַלדעוועט נישט אַזוי! איינציקווייז, איינציקווייז! ער וועט אונז יעדן איינעם באַצאָלן! רבי אָרע איז גוט־געלט!

אָרע איז אַ צעטומלטער אַרויף אויפן גאַנעק. די ווייבער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן קעגן אים און מירקע, די בעקערקע, מיט אַ גרויסן טוך איבערן קאָפּ, פריער פאַר אַלעמען.

— רבי אָרע, —האָט זי, און נאָך איר די אַנדערע ווייבער, גענומען רעדן.

און ווידער האָט שלמה־זלמן דער שוואַרצער, וואָס איז מיט איין שפּרונג געווען נעבן אָרען, זיי איבערגעשלאָגן:

— געוואַלט, שרייט נישט אַזוי, ווייבער! לאָזט מיך רעדן! —
און זיין שוואַרצער, ווי פאַררויכערטער פּנים, מיטן שוואַרץ־שפּיציק בערדל, האָט זיך געריסן נענטער צו אַרען.

אָבער מירקע די בעקערקע האָט אים מיט אַן אַקסל אָפּגעשטופּט פון אַרען און זי מיט דער אַלטער יאַכען און די איבעריקע ווייבער האָבן ארומגערינגלט אַרען פון אַלע זייטן, און שלמה־זלמן מיט די אַנדערע יידן זענען געבליבן שטיין פון הינטן.

— וואָס ווילט איר? רעדט איינציקווייז! — האָט אַרע זיך אָנגערופן.

האָט די ערשטע גענומען רעדן מירקע די בעקערקע מיט שרעק אינם קול:

— רבי אַרע, אוי, איך חלש אַוועק! בלוטיקע געלט מיינע, רבי אַרע. אַזויפיל יאָרן געאַרבעט אויף דעם. אַן אלמנה, ווי איז צו מיר. איך האָב נאָך קליינע קינדערלעך, יתומימלעך, נעבעך. געבראַכט צו אייך איינצולייגן דאָס געלט, ווייל איר זענט געווען מער בטוח פאַר די באַנקן. גיט מיר מיין געלט צוריק, רבי אַרע, האָט רחמנות, איך בין געקומען נאָך מיין געלט.

— און איך, רבי אַרע, בין אויך געקומען נאָך מיין געלט, אויך בלוטיקע געלט ביי מיר, — האָט געטענהט מיט טרערן אינם קול די אַלטע יאַכע.

און שרה־לאה, די נייטערקע, אַ מאָגערע, בלייכע יידענע מיט קראַנקע אויגן פון יאָרן־לאַנג נייען, האָט זיך גאָר צעוויינט אויפן קול:

— רבי אַרע, הרגעט אונז נישט אַוועק! כמעט בלינד געוואָרן פון דער אַרבעט. איך און מיינע טעכטער אַרבעטן פופצן־זעכצן שעה אין מעת־לעת. אָפּגעטוליעט עטלעכע דאָלאַר. פונם מויל אָפּגעריסן, מיינע טעכטערס נדן. ווען, חלילה וחס, אויב עס איז אמת, וואָס מען רעדט אין שטאָט, קומט אונז אויס כאָטש אַוועקצולייגן זיך אין מיטן דער גאַס און שטאַרבן.

אַזוי האָבן אויך געטענהט די איבעריקע ווייבער, און זיי אַלע האָבן געפאָדערט ביי אַרען צוריק זייער געלט.

און שלמה־זלמן דער שווארצער האָט בשעת דעם אויך גע־וואַלדעוועט:

— לאָזט מיך אויך רעדן אַ וואָרט, ווייבער! איך האָב מיין געלט אויך נישט געגנבעט!

און די אַנדערע יידן האָבן אויך נישט געשוויגן.

אַרע האָט געקוקט אַרום זיך אַ צעטומלטער און ער האָט בלויז געמורמלט:

— גאָט איז מיט איך, קיין איין סענט אייערן וועל איך, חלילה, ביי זיך נישט פאַרהאַלטן. וואָס פעלט אייך איין? וואָס רעדט איר? איר וועט קריגן אייער געלט. איר זענט אַלע ביי מיר פאַרשריבן, וויפל וועמען עס קומט. איר וועט נאָר דאַרפן וואַרטן עטלעכע טעג.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָט איין ווייליטשקע, איך דאַרף נאָר אים זען, — האָט ער אָנגעוויזן אויף שלמה־זלמנען, און ער האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו די איבעריקע,—איך בעט אייך, וואַרט דאָ אַ ווייליטשקע, איך קום גלייך צוריק.

און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צו שלמה־זלמנען, וואָס האָט זיך מיט אַן אימפּעט און אַ נערוועזער געלאָזט גיין נאָך אים.

— אָט דאָ איז דיין געלט! — האָט אַרע אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם אַ פּעקל געלט און עס דערלאַנגט שלמה־זלמנען, אַזוי גיך ווי ער איז מיט אים אַריין אין שטוב.

שלמה־זלמן האָט מיט ציטערדיקע הענט איבערגעציילט דאָס געלט און זיך אַזש ביים הארצן אָנגעכאַפּט פאַר פריידיקער אויפ־רעגונג.

— נו, אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט! — האָט ער געמורמלט, געהאַלטן זיך ביים הארצן און געשאָקלט דעם קאָפּ מיטן אַלטן הוט, וואָס איז ביי אים געווען אַראָפּגערוקט כמעט ביז איבער די אויגן. נאָכדעם, אַז ער האָט פאַררוקט טיף אין קעשענע זיין געלט, נישט אַרויסנעמענדיק די האַנט פון דאָרט, האָט ער זיך פּלוצים ראַפּטעם אַ ריס געטאָן פונם אָרט מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי: — אַ גוטן, רבי אַרע! — און איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק מיט איין האַנט

אויף דער קעשענע, ווו זיין געלט איז געלעגן, און מיט דער אנדע־רער פּאַטשנדיק אין דער לופטן.

— ווייבער, יידן,—האָט ער געשריגן שיער נישט מיט געוויין אינם קול, — האָט נישט מורא, יעדע פּרוטה איז ווי ביי אייך אין דער קעשענע! גוט געלט ביי רבי אָרען, גוט געלט! אַ כפּרה אַלע באַנקן! אָט־אַ, איר זעט? — האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע די האַנט מיטן געלט. איך בין אויך געווען אין היילע שרעק, טאָמער, חלילה, איז מיין געלט פאַרלאָרן ביי רבי אָרען, האָט ער מיר געכטן געזאָגט, אַז ער וועט מיר היינט געבן, און איצטער האָב איך געקריגן ביז אַ פּרוטה. און איר וועט אויך קריגן, שרעקט אייך נישט!

און ער האָט פאַררוקט ווידער די האַנט מיטן געלט אין דער קעשענע און ער איז אַוועקגעלאָפן.

און דאָ איז אָרע אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק פונם הויז מיט אַ געבונדענעם העפט אין האַנט, און דער גאַנצער עולם ווייבער מיט די עטלעכע מאַנסבילן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט אַ געפילדער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— רבי אָרע, רבי אָרע!

— איר וועט אַלע קריגן אייער געלט! — האָט אָרע דאָס מאָל, גאַנץ רואיק זיך אָנגערופן, — ווען איך וואָלט אייך שולדיק געווען הונדערט מאָל אַזויפיל, וויפל איך בין אייך שולדיק, וואָלט איר אויך נישט געדאַרפט מורא האָבן. איר זעט? — האָט ער געעפנט דעם העפט, — אָט דאָ איז פאַרשריבן יעדע פּרוטה, וואָס יעדן פון אייך קומט פון מיר. ווען מיר זאָל, חלילה, אויסקומען צו פאַרקויפן דאָס לעצטע העמד פונם לייב, כדי איך זאָל אייך נישט בלייבן שולדיק, וואָלט איך דאָס אוודאי און אוודאי געטאָן, בפרט נאָך, נאַראָנים, וואָס איר זענט, וויפל קומט אייך אינגאַנצן פון מיר? דערפאַר בעט איך אייך אַלעמען: גייט אַהיים און זייט רואיק. אייער געלט ביי מיר איז גאַנץ, איר וועט נאָר מוזן צווואַרטן עטלעכע טעג...

מירקע די בעקערקע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אָבער פאַרוואָס האָט שלמה־זלמן היינט ביי אייך געקריגן?

— ער האָט היינט געקריגן, ווייל איך האָב אים נעכטן צוגע־זאָגט, אַז ער וועט היינט ביי מיר קריגן. אייך זאָג איך צו, אַז איר וועט אין עטלעכע טעג אַרום אייער געלט קריגן און איר וועט אויך קריגן.

צום סוף האָט ער זיי אַלעמען באַרואיקט און זיי זענען אַוועק.

ער איז צוריק אַריין אין הויז. די דיקעביילע מיטן שקאָצעוואַטן פּנים האָט אים געפרעגט צי ער גייט עסן, אָבער פאַר אויפרעגונג האָט ער דעם אַפּעטיט פאַרלוירן און האָט קיין מיטאָג נישט גע־וואָלט עסן.

פון דער זעלבער ביילקען האָט ער זיך דערוווּסט, אַז רייטשל איז פון דערפרי אָן נישט געווען אינדערהיים. אָרע איז געוואָרן נערוועז. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „דער רוח ווייסט, וווּ זי שלעפּט זיך דאָרט אַרום. אפשר מיט יענעם?"

און ער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— נו, נו!...

ער האָט זיך דערפילט מיד און האָט זיך צוגעלייגט אין פראָנט־צימער אויף דער סאָפע. מיט אַמאָל איז אַריינגעקומען ביילקע און האָט אים געזאָגט, אַז מען רופט אים צום טעלעפאָן. דאָס האָט אים גערופן חיים־עלי. יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל גלייך קומען אין ביוראָ, זיין לאָיער וואַרט דאָרט אויף אים, ער דאַרף אים נוי־טיק האָבן. איז אָרע גלייך אַוועק אהין.

אין ביוראָ האָט אים זיין לאָיער אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה: די באַנק, וואָס האָט געזאָלט פינאַנסירן אָרעס נייע הייזער, וואָס ער האָט זיך געקליבן צו בויען אין פלאַטבוש, האָט באַשלאָסן אויף אַ ספּעציעלן מיטינג פון אירע דירעקטאָרן נישט צו געבן מער קיין געלט אויף נייע הייזער.

— וואָס הייסט? — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— אָט דאָס וואָס איר הערט! זיי האָבן זיך אַלע איבערגע־שראָקן פאַר אָט דעם טומל. אַ קלייניקייט, אַזאַ שטאַרקע באַנק ווי די „נעשאָנאַל" האָט זיך נעכטן פאַרקלאַפּט און מען רעדט, אַז עס איז גאָר קיין האָפענונג נישטאָ... און היינט לייענט מען אין די צייטונגען, אַז נאָך באַנקען האָבן זיך צוגעמאַכט און איין פרע־

זידענט פון א גרויסער באנק איז אנטלאפן קיין קאנאדע, האט מען מורא, היט יעדער איינער זיין אייגענע פעל...

איז ארע נאך מער צעטומלט געווארן און האט געמורמלט:

— וואס רעדט איר? חלילה וחס, אויב עס איז אזוי, בין איך דאך א געקוילעטער. ווו וועל איך דעמאלט נעמען פאר דער „בילדינג ענד לאאן אסאסיאיישאן״ אין א חודש ארום? איך האב אלץ גערעכנט, אז ביז יענער צייט וועט אלצדינג ווידער גוט ווערן. איך וועל ארויסקריגן צוריק מיין געלט פון דער נעשאנאל באנק און... און...

דער לאיער האט אים געזוכט צו בארואיקן:

— שרעקט זיך נישט, אפשר וועט טאקע ווערן נאך אלצדינג ווידער גוט. און וועגן די הייזער אייערע, וועל איך זען, אפשר וועט מען קאנען קריגן געלט אין אן אנדער באנק, און אפשר זאלט איר אפווארטן א פאר וואכן, נישט שטעלן זיך דערווייל בויען? מירן זען אפריער, וואס עס וועט ווערן פון דעם טומל...

— איך האב דאך אבער שוין באשטעלט ארבעטער, זיי דארפן קומען די וואך. דעם גאנצן מאטעריאל האב איך דאך שוין באשטעלט, די אלע פלענער שוין אויסגעארבעט, — האט ארע געטענהט א צעטראגענער.

חיים־עלי האט זיך ארייגגעמישט:

— דאס איז א קלייניקייט, רבי ארע. דעם מאטעריאל און אלצדינג קאן מען דערווייל אפשטעלן. מיין עצה איז אויך, אז מען דארף דערווייל אפווארטן. אין אזא צייט דארף מען זיך היטן, רבי ארע. מחמת מען קאן קיינמאל נישט וויסן, וואס מארגן וועט זיין...

— דו, חיים־עלי, האסט שטענדיק מורא. איך האב דאך דיר שוין געזאגט פריער...

— און איך האב אייך שוין אויך געזאגט פריער, רבי ארע. און דעם בעסטן סימן וועט איר האבן, אז איך בין גערעכט, ווען דער לאיער וועט זיך ווענדן איצט צו א באנק, אז זי זאל אונז געבן געלט אויף די נייע הייזער.

— דו מיינסט, אז ער וועט נישט קריגן?

— איר וועט שוין זען.

— אייער בוכהאַלטער איז גערעכט, — האָט דער לאָיער זיך האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ ציגאַר פון אַ קעשענע, אָפּגעביסן דעם שפּיץ און אַרויסגעשפּיגן, פאַררויכערט און האַסטיק אַ זאָג געטאָן, — מיר וועלן וואַרטן, גוד־בײַ!

און ער איז אַוועק.

— אַט האָסטו דיר,—האָט אָרע צעטראָגן אַרויסגעמורמלט,— אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט!

חיים־עלי האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, זיי אַ וויש געטאָן מיט אַ טיכל און נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אַ שופלאָד אַן ענגלישע צײַטונג און זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש אָרען פאַר די אויגן.

— איר זעט? — האָט ער מיט אַ פינגער געטײַטלט אויף די ענגלישע שורות, וואָס זיי זענען געווען אינגאַנצן פרעמד אָרען,— איר זעט? אָט דאָ איז אַ חורבן, און דאָ איז אַ חורבן, און דאָ איז אַ חורבן... אַלץ באַנקן, וואָס האָבן געפּלאַצט... און יעדע האַלבע שעה קומט אַרויס אַ נײַע ענגלישע צײַטונג מיט נײַע חורבנות, — ווייסט מען שוין וואָס מאָרגן וועט זײַן, האַ, רבי אָרע?

אָרע האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען און זיך אָנגערופן:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, חיים־עלי, אַז איך הער דיך, באַפּאַלט מיך אויך אַן אימה. אפשר איז טאַקע אַזוי ווי דו זאָגסט?...

און דאָ איז רייטשל אַרײַנגעקומען. זי איז אַרײַנגעקומען אַ צעטומלטע און אַ פאַרהאַוועטע.

— איך בין געווען אינדערהיים, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דו ביסט דאָ, בין איך געקומען אַהער.

חיים־עלי איז אויפגעשפּרונגען מיט די ווערטער: „אַי אַזאַ גאַסט!” און האָט איר אונטערגעטראָגן אַ שטול. און אָרע האָט זי אָנגעקוקט האַלב ברוגז און האַלב פאַרוואונדערט.

— וואָס איז, וואָס דאַרפסטו מיך? — האָט ער זיך אָנגערופן.

רייטשל האָט זיך געזעצט אויפן שטול, וואָס חיים־עלי האָט איר אונטערגעטראָגן, און האָט זיך צעשמייכלט מיט איר גאַנצן חן.

— איך בין געקומען... דו האסט פארגעסן וואס דו האסט מיר נעכטן צוגעזאגט? — האט זי געענטפערט.

ארע האט מיט גאל א שמייכל געטאן:

— א, דו מיינסט געלט? — האט ער געזאגט, — איך האב געדארפט אליין פארשטיין, וואס דו מיינסט ווען דו קומסט צו מיר, און נאך אין ביורא אריין.

— ארע, דו ביזט גאר אין כעס? — האט זי שטיפעריש א שמייכל געטאן צו אים.

— מיר וועלן רעדן אינדערהיים, — האט ער א מורמל געטאן.

— אויף אן אמת, ארע, האסט גאר פארגעסן, אז דו האסט מיר צוגעזאגט היינט צו געבן געלט?

— ווי האט ער געלט? — האט חיים־עלי זיך אריינגעמישט מיט א שמייכל.

— קיין סך דארף איך נישט, נאר עטלעכע טויזנט...

— וואס רעדט איר? ער לויפט ארום היינט א גאנצן טאג צו קריגן א הלואה.

— וואס הייסט? — האט רייטשל א קוק געטאן אויף אים.

— אט ווי איר הערט. דאס געלט, וואס מיר האבן היינט געדארפט קריגן, האבן מיר נישט געקריגן, און איינצאלן אין „בילדינג ענד לאאן אסאסיאיישאן" האבן מיר אויך געדארפט, האט אונז אויסגעפעלט געלט.

— פיניע האט דאך געזאלט לייהען עטלעכע טויזנט, האט ער געליהען?

— מיר נישט, אפשר וועט ער דיר לייהען, — האט ארע זיך א כאפ געטאן מיט כעס, — גיי, גיי צו אים, ער וועט דיר לייהען. נעם מיט א נייעם בייטל, צי א גרויסן זאק!

רייטשל האט זיך אויפגעהויבן. זי האט זיך אנגערופן, אלץ מיט א שמייכל:

— ארע, דו געפעלסט מיר א סך בעסער, ווען דו ביזט נישט אזוי אין כעס. וועל איך איצטער בעסער אוועקגיין. בפרט נאך, ווען איך מוז לויפן ערגעץ קריגן דאס איבעריקע געלט, וואס מיר

פעלט אויס פאר דער צאלונג, וואס איך דארף איינצאלן אין דער קאמפאני פאר די הייזער אויף סטערלינג פליים.

— קאנסטו נישט קריגן קיין הלוואה ביי דיין מייסטער בלום?— האט ארע איר א שטאך געטאן.

— צו אים טאקע וועל איך איצט גיין.

ארע איז ארויסגעגאנגען מיט איר אין צווייטן צימער, און דארט האט ער צו איר געזאגט:

— דו ווייסט מוזן מיט אים שלאגן כפרות, רייטשל. איך וויל נישט, אז דו זאלסט זיין א מחותנתטע מיט אים.

— שוין ווידער? — האט רייטשל אויפגערעגט א קוק געטאן אויף אים.

— מען רעדט, רייטשל, מען רעדט! היינט האט מען מיר דאס ווידער אויפגעווארפן!

— הער אויף, ארע, הער אויף! איך האב דיר נעכטן געזאגט אז דאס פאסט נישט פאר אן אלטן מאן.

ארע האט זיך א צאפל געטאן:

— הא, ווידער? אן אלטער מאן, הא? אן אלטער מאן? דערפאר לויפסטו צו יענעם, הא?

— און אז דערפאר?

און זי האט זיך א כאפ געטאן:

— אי, וואס טענה איך מיט אים!

און זי איז אוועק, איבערלאזנדיק ארען א צעקאכטן.

אין דרויסן האט געווארט איר מאשין. רייטשל האט זיך אריינגעזעצט און געהייסן דעם שאפער, ער זאל זי פירן צו בלומען אהיים. און פארנדיק אהין האט זי געטראכט: א, ווען דאס זאל טאקע זיין אן אמתע בראך, ווי מען רעדט, און דער אלטער זאל פארלירן אלצדינג, אלצדינג... דעמאלט וואלט איר גרינגער געווען צו מאכן א סוף און פטור ווערן פון איר גהינום. אבער אזוי וועט זי אויך מאכן א סוף! מער וועט זי נישט ליידן. אזא פארזעעניש. ער וויל איר נאר פארווערן צו טרעפן זיך מיט סעמען. יא, איצט קומט דער סוף, ער קומט, ער קומט! הלוואי וואלט ער געקומען מיט א פאר יאר צוריק!

נאָכדעם האָט זי גענומען טראַכטן וועגן סעמקען.

דעם גאַנצן פאַרמיטאָג האָט זי היינט פאַרבראַכט מיט אים. זי איז געווען מיט אים אין דער באַנק, און דערנאָך מיט אים געפאָרן אין לאָנג איילאַנד, און האָט דאָרט פאַרבראַכט מיט אים ביז נאָכמיטאָג. ער איז געווען נאָך בעסער אויפגעלייגט ווי אַלע מאָל, מחמת נישט ער און נישט זיינע שותפים, די שוואָגערס זיינע, זענען געווען דעפּאָזיטאָרס אין דער נעשאַנאַל־באַנק. די באַנק, ווו זייער געלט איז געלעגן, איז געווען די זיכערסטע אין אַמעריקע. גאַנץ וואָל סטריט, — האָט סעמקע פאַרזיכערט רייטשלען, — האַלט איר געלט אין אָט דער באַנק.

ווען אָט די באַנק זאָל זיך צומאַכן, איז קאַפּוט גאַנץ אַמעריקע. זיינע רייכע שוואָגערס האָבן שטענדיק געהאַלטן דאָרט זייער געלט, נאָך איידער זיי זענען געוואָרן „ריעל־עסטייטניקעס".

און די גאַנצע צייט האָט ער אויסגעדריקט פאַר רייטשלען זיין פרייד, וואָס ער דאַרף נישט מורא האָבן אין אַזאַ צייט, טאָמער וועט אים אויספעלן געלט צו דעקן זיינע „מאָרטגיידזשעס". די אַנדערע בראָנזווילער יידן, — האָט ער איר דערציילט, — פעלט עס שוין אויס. ביי אים אַליין זענען שוין היינט געווען עטלעכע נאָך הלוואות. ווי ער האָט היינט געהערט פון ריכטיקע מענטשן, וואָס ווייסן, קאָן אָט דער טומל מיט די בענק ברענגען די גרעסטע אומגליקן. מענטשן קאָנען פאַרלירן זייערע קאַפּיטאַלן, זייערע הייזער; זיי וועלן נישט קאָנען דעקן זייערע מאָרטגיידזשעס, וועט מען די הייזער „פאָרקלאָוזען", צונעמען...

רייטשל האָט אַ טראַכט געטאָן:

הלוואי זאָל דאָס זיין אמת! און הלוואי וואָלט סעמקע אויך פאַרלוירן אַלצדינג, וואָלט זי דעמאָלט אפשר גיכער געקומען מיט אים צו אַ טאָלק...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ווען זי האָט פריער געוואָלט פאָרן מיט אים צו אים אַהיים, האָט ער איר אָפּגערעדט דערפון. איצט דאַרף מען זיין באַזונדערס פאַרזיכטיק, האָט ער איר געזאָגט. און אַז זי האָט ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס דווקא איצט?

האָט ער געענטפערט, מחמת אים ווייזט זיך אויס, אַז זיין ווייב האָט עפּעס דערשמעקט...

און עס האָט אין איר אַ קאָך געטאָן, ווען זי האָט זיך אָן דעם דערמאָנט. און זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— ער איז אַן אמתער אומגליק אויף מיין קאָפּ!...

און שווער אָן אַ שיעור איז איר געוואָרן אויפן הארצן.

באַלד אָבער האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן: נו, וואָס גייט עס איר אָן, צי מרס. בלום האָט דערשמעקט עפּעס צי נישט? אדרבא, פאַרקערט, הלואי וואָלט עס אמת געווען, דעמאָלט וואָלט געמוזט ווערן אַ סוף, אַהין אָדער אַהער! זי וועט דוקא פאָרן צו אים. אָט דוקא! און זאָל מרס. בלום איר ווידער זען מיט איר מאַן, און טאָקע וואָס אָפּטער מיט איר מאַן. אים וועט עס נישט געפעלן? ער וועט זיין ברוגז? זאָל ער!...

פונדעסטוועגן, אַז איר מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן סעמקעס הויז, האָט זי דעם שאָפער געהייסן פאָרן ווייטער צו פּראָספּעקט פּאַרק צו. מחמת זי האָט זיך מיישב געווען, אַז עס האָט זיך איר נישט געלוינט אים איינצורוגזן, אויב זי וויל, אַז ער זאָל איר לייהען דאָס געלט, וואָס זי האָט געמוזט האָבן נישט שפּעטער ווי מאָרגן...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געהייסן אָפּשטעלן די מאַשין נעבן אַן אַפּטייק, און פון דאָרטן האָט זי טעלעפאָנירט צו סעמקען, אַז זי מוז אים גלייך זען, און זי האָט אים געזאָגט, ווו זי וועט אויף אים וואַרטן מיט איר מאַשין.

ער איז געקומען. זי האָט געוואַרט אויף אים נישט ווייט פון זיין הויז.

— וואָס איז געשען? — האָט ער איר געפרעגט פאַרוואונדערט, ווען ער האָט זיך געזעצט נעבן איר אין דער מאַשין.

— קיין באַזונדער זאַך נישט. איך האָב דיך געוואָלט זען וועגן אַ קלייניקייט. איך האָב געהאַט געוואָלט קומען צו דיר אַהיים, נאָר דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, ווי דו האָסט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר דיין ווייב, האָב איך דיר טעלעפאָנירט.

— דערפאַר דאַנק איך דיר, רייטשל. איך האַלט שטענדיק

פון דעם פּרינציפּ: בעסער צען מאָל זיך אויסהיטן, איידער איין מאָל אַריינפאַלן.

— מילא, מיר וועלן בעסער דערפון נישט רעדן, — האָט רייטשל איבערגעשלאָגן,—קיין גרויסן „פאַרגעניגנט" פון די רייד האָב איך נישט, דו קאָנסט מיר גלויבן, און עס וועט מוזן אַמאָל נעמען אַ סוף צו דעם! — האָט רייטשל זיך שוין נישט געקאָנט מער באַהערשן.

— אוודאי, זיכער, שור! — האָט סעמקע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אָבער דערווייל מוזן מיר זיך היטן. נאָך נישט געקומען די צייט, רייטשל. בפרט איצט, אין אַזאַ טומל. איך בין מיט דיר אָפנהאַרציק, רייטשל, פאַר דיר באַהאַלט איך קיין זאַך נישט. דיר זאָג איך אַלעמאָל דעם גאַנצן אמת. זאָג איך דיר איצט: עס וואָלט מיר מער נישט געפעלט, אַז זי און די ברידער אירע, מיינע פּאַרט־נערס, זאָלן זיך עפּעס אָנשטויסן. אוי ווי, וואָלט איך געלעגן דאַ־מאָלט אין דער ערד! אַ באַטרעף ביי זיי מיך צו דערשטיקן אין אַזאַ צייט?!

רייטשל האָט אַ זיפץ געטאָן און אַרויסגעמורמלט:

— איך זע שוין קלאָר מיין בראָך! מילא, — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ שפּאָטישן טאָן, — דו האָסט דאָך מסתמא מורא צו זיצן דאָ מיט מיר אין דער מאַשין און רעדן. דיין שטוב איז נישט ווייט, דיין ווייב, חלילה, קאָן נאָך אַרויסקומען..

— אפשר, רייטשל, זאָלן מיר צופאָרן צו פּראָספּעקט פּאַרק און דאָרט וועלן מיר זיך ערגעץ זעצן אַ ווײַלע און מיר וועלן רעדן. קיין צופיל צייט וועל איך מיט דיר נישט קאָנען פאַרברענגען, מחמת מיינע שוואָגערס דאַרפן באַלד קומען אַהיים צו מיר.

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי ביידע געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקער אַלייע אין פּראָספּעקט־פּאַרק.

— איך דאַרף מאָרגן צו האָבן עטלעכע טויזנט דאָלאַר אויף צו דעקן אַ צאָלונג פאַר מיינע הייזער אויף סטערלינג פּליים, — האָט רייטשל זיך אָנגערופן צו אים.

— איז דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט זאָגן? פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס נישט געזאָגט אינדערפרי?

— איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל דאָס קריגן ביי אַרען. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן היינט דאָס געלט.

— נו?

— האָט ער נישט. און חוץ דעם, איז ער נאָך אין כעס אויף מיר אויך.

— אין כעס, וואָס איז שוין ווידער?

זי האָט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אַ קוק געטאָן אויף אים און געענטפערט:

— דיין ווייב האָט אַ שמעקער, קאָן ער דאָך אויך האָבן אַ שמעקער, ניין?...

— דאַרף מען זיך טאַקע פאַר אים היטן, רייטשל.

— איך דאַרף זיך נישט היטן. איך האָב זיך נישט פאַר וואָס צו שרעקן.

סעמקע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַר און פאַרטראַכט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס צום ביישפּיל האָט דיין מאַן דיר געזאָגט?

— אַז מיך אַרט נישט וואָס ער זאָגט, — האָט רייטשל געענטפערט.

— פונדעסטוועגן, דאָך? זאָגסט, אַז ער איז געווען אין כעס, אַז ער האָט עפּעס דערשמעקט...

— נו, גוט, איכל דיר זאָגן, — האָט רייטשל אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, — דו ביסט מיין ליובאָווניק, זאָגט ער; נו, איז דאָס אמת?

זי האָט אַ לאַך געטאָן.

סעמקע האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— אַזוי האָט ער געזאָגט? — האָט סעמקע נאָכדעם אַרויסגעמורמלט, — אָט די ווערטער טאַקע?

— יאָ, אָט די קלוגע ווערטער! — האָט רייטשל אים געענטפערט אין טאָן, און זי האָט ווידער אַ לאַך געטאָן. — און טאָמער מיינסטו, אַז דאָס איז פון זיין קאָפּ אַליין, — האָט זי

גערעדט ווייטער, שוין צערייצט, — האסטו א טעות. דאס האבן אנדערע אים דערציילט!

און זי האט זיך איבערגעשלאגן:

— זע נאר, זע, קוק אים אן! אוים העלד, א צעשראקענער האז!...

סעמקע האט געמורמלט:

— את האסטו דיר! אוי, שלעכט.

— שלעכט נאר? פארוואס שלעכט, עס איז גוט, אז מען ווייסט דאס. איך אליין וואלט דאס סוף־כל־סוף דערציילט. וואס איז? עס דארף נישט זיין אמאל א סוף צו דעם? ווי לאנג נאך, הא? ווי לאנג נאך?

ער האט זיך א כאפ געטאן מיט כעס:

— שא! נישט געשריגן אזוי! זע נאר, אזוי ווי זי וואלט טאקע געזוכט צו מאכן אן עפנטלעכן סקאנדאל. איך האב דיר שוין נישט איינמאל געזאגט, אז איך בין נישט דיין מאן, און דו זאלסט צו מיר נישט רעדן אין אזא טאן! יא, איך האב מורא, אז דו צווינגסט מיך אז איך זאל מאכן א סוף! — האט ער מיט כעס אווארף געטאן דעם ברענענדיקן ציגאר פון זיך און זיך אויפגעהויבן.

רייטשל האט מיטאמאל געביטן דעם טאן אירן. זי האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל:

— נו, סעם, זיי נישט קיין בייזער פריץ און קריג זיך נישט מיט מיר. נישט צו קריגן זיך האב איך דיך גערופן. דו בעסער זאג מיר, דו קאנסט מיר לייהען די עטלעכע טויזנט דאלאר, וואס איך דארף מארגן האבן?

— איך האב קיין געלט נישט! — האט ער געענטפערט אונ־טער דער נאז.

— איך וויים דאך, אז דו האסט יא, און איך האב דאך דיר נישט איינמאל געליהען געלט?!

— האב איך דיר באצאלט!

— איכל דיר אויך באצאלן, סעם.

האט ער א ווײַלע געשוויגן און נאכדעם א שאקל געטאן דעם קאפ:

— ניין. דו ביזט גערעכט. איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז גע־מאַכט ווערן אַ סוף. זאָל דאָס געשען איצטער!

רייטשל איז אויפגעשפּרונגען מיט שרעק און מיט אַ געשריי:

— סעם, וואָס רעדסטו? וואָס זענען דאָס פאַר ווערטער?

— וואָס דו הערסט. יאָ, אַ סוף! און דאָס מאָל מיין איך וואָס איך זאָג, רייטשל!

— דערפאַר, ווייל דו האָסט מורא מיר צו לייהען דאָס געלט?

— דערפאַר, ווייל דו האָסט נישט קיין שכל, ווייל דו האָסט נישט קיין טאַקט. די גאַנצע צייט האָב איך דיר געוואָרנט: היט זיך! קיינער טאָר דערוויל נישט וויסן! און מיט אַמאָל — נאַ דיר! דיין מאַן ווייסט, אַנדערע וויסן. עס פעלט נאָך, אַז מיינע זאָל אויף ריכטיק זיך דערוויסן, דעמאָלט, — גוד־באַי! — בין איך אַן אָפּגעקאַכטער, מיט הויט און ביינער אַן אָפּגעקאָכטער! ניין. אַזאַ אידיאָט בין איך נישט. רייטשל, אַ סוף! עס טוט מיר לייד, איך באַדויער זייער, אָבער דו ביזט אַליין שולדיק...

רייטשל האָט געקוקט אויף אים צעטומלט. דערנאָך האָט זי אַרויסגעמורמלט:

— סעם, הער נאָר וואָס דו רעדסט!

— איך קאָן מיר נישט העלפן. גלויב מיר, אַז איך רעד דאָס מיט אַ ריס אין האַרצן, אַז יעדער וואָרט קאָסט מיר אַ שטיק גע־זונט! אָבער וואָס איז די יוז? ווען עס האַלט דערביי, אַז מען רעדט און מען ווייסט, מוז דאָך קומען צו אַ סוף, ניין?

— איז דאָס דער סוף, סעם?... אַזאַ סוף נאָך אַזאַ לאַנגער צייט?... נאָך די אַלע האָפענונגען?... נאָך אַלע דיינע צוזאָגונגען?...

ער האָט געשוויגן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון איר.

— פאַרוואָס שווייגסטו, סעם? קוק מיר אָן!

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר און אַ פּיר געטאָן מיט ביידע הענט:

— איך קאָן נישט העלפן! און זאָגן דיר דעם אמת? פאַר דיר אַליין איז אויך בעסער, אַז עס זאָל זיין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף. פון גטן זיך מיט מיינער איז אָפּגערעדט, איצטער אוודאי

נישט. טאַ וואָס טויג דאָס דיר? נו, האָב איך דיר איצטער געזאָגט דעם אמת!

רייטשל איז געוואָרן בלייך, און נאָכדעם רויט און ווידער בלייך.

— האַ? — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, און זי האָט גע־קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין מיט אָנגעצונדענע אויגן. דערנאָך האָט זי אַ טראַט געטאָן צו אים מיט די ווערטער:

— וואָס, דו רעדסט אַזוי?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז אָפּגעטרעטן פון איר עט־לעכע טריט הינטערווייל׳עכץ.

— רייטשל! — האָט ער אַרויסגערעדט אַביסל צעטומלט. — נישט זיין ווילד! נישט הויבן די הענט! געדענק, איך וועל איצט אויך נישט שווייגן!...

רייטשל איז געבליבן שטיין מיט די אויגן איינגעגעסן אין אים, און אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זי אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן און זיך אָנגערופן:

— אומזיסט האָסטו זיך דערשראָקן, העלד מיינער! איך האָב עס אפילו אין זינען נישט געהאַט, וואָס דו מיינסט.

מיטאַמאָל האָבן איר טרערן גענומען שטיקן.

— סעם, ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט איצט אַרויסלאָזן פון מויל? דערמאָן זיך נאָר: ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק ביזטו דאָך געווען אַזוי גליקלעך מיט מיר! — האָט זי געזאָגט און אי־בער די באַקן האָבן זיך ביי איר טרערן געקייקלט.

— איך בין געווען גליקלעך, און דו נישט? די אַלטע ווײַ־בערשע טענות! איך האָב זיי שוין געהערט, געהערט נישט איין מאָל! אָט די זאַכן זענען פּיפּטי־פּיפּטי, דו הערסט? פּיפּטי־פּיפּטי! און איך האָב פיינט דעם סאָרט בלאָפס! הער אויף!

האָט רייטשל דעמאָלט אויפגעהערט צו וויינען און דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן איין שטיק פייער, און זי האָט געקוקט אויף סעמקען מיט האַס, און דערנאָך האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:

— וואָסער באַנדיט דו ביזט! און ווי איך וואָלט עס געוואָלט דיר אָנשפּייען אַ פולן פּנים!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַה, וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן, גוד־באַי!

און ער איז אַנטלאָפן.

איז רייטשל געבליבן שטיין מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים און מיט האַס אין די אויגן און האָט אים נאָכגעקוקט און געקרימט מיט די ליפּן, ביז ער איז פאַרשוווּנדן דאָרט הינטער די אַלייען. נאָכדעם האָט זי פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענט, זיך צונויפגעקאָר־טשעט מיט דעם גאַנצן קערפּער און קאָנוואַלסיוו אויפגעציטערט מיט אירע אַקסלען.

שפּעטער, ווען זי איז געזעסן אין איר מאַשין און געפאָרן צוריק אַהיים, האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם געלט, וואָס זי האָט געדאַרפט האָבן פאַר מאָרגן. זי איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט געבראָכן די הענט און יעדע ווײַלע אַ כליפּע געטאָן.

„נו, וואָס איצט, האַ? — האָט זי געטראַכט. — וואָס וועט איצט זיין? בלייבן לעבן מיט אים, מיט דעם שטיק חלשות? אוי, ניין, איך וועל זיך בעסער דעם לעבן נעמען!״

„אַ שיינעם סוף געהאַט! — האָט זי דערנאָך געמורמלט. — פאַרוואָס האָב איך דעם באַנדיט דעמאָלט נישט אויסגעקראַצט די אויגן? פאַרוואָס האָב איך זיך אַליין די אויגן נישט אויסגעריסן?..״

15

דער סוף

ווען רייטשל איז שפּעטער אַהיימגעקומען איז זי אַריינגעגאַנ־גען גלייך צו זיך אין שלאָף־צימער און האָט האַסטיק פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם מאַנטל און דעם הוט, פאַרשפּאַרט די טיר און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט.

אַזוי איז זי געלעגן אַ היפּשע צייט און געטראַכט איין זאַך: וואָס טוט מען? וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט פון איר איצט ווערן?

זי האָט דערהערט הינטער דער טיר די שווערע טריט פון אַרעו, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן: „אוי, ער קומט שוין!‟ און האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ טיפער אין קישן.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי דערהערט זיין קול. זי זאָל עפענען די טיר האָט ער געפאָדערט.

זי האָט זיך נישט אָפּגערופן. זי האָט זיך נאָר אויפגעזעצט אויפן בעט און פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אויערן, און גע־קוקט מיט אַ צעקרומטן פּנים און מיט שנאה אין די אויגן אויף דער טיר, פון הינטער וועלכער אָרעס קול האָט זיך געהערט:

— וואָס האָסטו זיך דאָרט פאַרשפּאַרט? עפן די טיר!

רייטשל האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן.

— זיי נישט משוגע. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

קיין ריר.

— וועסטו עפענען, מרשעת?

און אַז זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגערופן, איז אָרע דאָרט נאָך מער אין כעס געוואָרן און האָט איר אַ סטראַשע געטאָן: וואַרט, וואַרט, זי וועט עס געדענקען!

און אַז עס איז ווידער שטיל געוואָרן הינטער דער טיר, האָט זיך רייטשל צוריק אָוועקגעלייגט אויפן בעט.

ווען נישט יענער באַנדיט, וואָלט זי שוין לאַנג אַוועק פון אים — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — זי וואָלט גאָר אײַנגאַנצן מיט אים נישט חתונה געהאַט!

און זי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט מיטן גאַנצן קערפּער און ווייטער געטראַכט, ווי אַזוי יענער באַנדיט האָט עס איר אויסגע־נוצט! ווו זענען געווען אירע אויגן? ווו איז געווען איר שכל?

אַזוי איז זי דאָרט געלעגן ביז אויפדערנאַכט, און אַפילו ביי־נאַכט איז זי פון איר צימער נישט אַרויס און האָט די טיר נישט געעפנט.

און אויף מאָרגן איז זי גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב און איז צופוס אַוועק צו איר שוועסטער.

סיי איר שוועסטער און סיי איר שוואָגער משה־בער האָבן

זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען זיי האָבן איר דערזען אַזוי פרי ביי זיי אין דער היים.

— וואָס איז דער מער, רייטשל? וואָס איז געשען? — האָט די שוועסטער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

רייטשל האָט געענטפערט:

— געשען איז, אַז איך בין אַ נאַר און אַ גלאָמפּ. דערפון אָבער וועלן מיר נישט רעדן. איך מוז היינט פאָרן אין אַטלאַנטיק־סיטי. איך בין אינגאַנצן צעבראָכן. איך מוז זיך אָפּרוען. און איך וויל נישט זען קיין מענטשן. קיינעם נישט, קיינעם נישט. הלואי וואָלט איך זיך אַליין אויך נישט געזען!

משה־בער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— אָ, זי האָט זיך דאָרט עפּעס צעבוטשקעט מיט איר מאַן. אמת, רייטשל?

— משה בער! — האָט זיך רייטשל אַ כאַפּ געטאָן. — נאַר נישט געפּלוידערט איצט. איך בעט אייך, זייט נישט איצט קיין קאַ־לעקאַטקע און פּלוידערט נישט. איך האָב איצט פאַר אייך קיין כוח נישט!

— דו האָסט עפּעס געגעסן, רייטשל? — האָט די שוועסטער אַ פרעג געטאָן.

— זינט נעכטן מיטאָג האָב איך גאָרנישט אין מויל געהאַט, און איצט וויל איך אויך נישט עסן. אַ גלאָז קאַווע וועל איך טרינ־קען.

דערלאַנגענדיק איר די קאַווע, האָט די שוועסטער נאָך אַמאָל געפרעגט:

— אָבער פאָרט, וואָס איז געשען, רייטשל?

— קיין זאַך נישט, אַ חוץ, וואָס איך וואָלט וועלן איינגעזונ־קען ווער? טיף אין דער ערד אַריין!

— ווי קורח! — האָט משה־בער אַ לאַך געטאָן.

רייטשל האָט נישט געענטפערט און פאַרטראַכט געטרונקען איר קאַווע.

שפּעטער האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך דאַרף האָבן אַ לאָיער. צו מיין לאָיער וויל איך נישט

גיין וועגן דעם, מחמת ער איז אויך אָרעם לאַיער. איך וויל נישט, אַז אָרע זאָל וויסן דערפון.

— וועגן וואָס איז עס? — האָט די שוועסטער ביי איר אַ פרעג געטאָן.

— איך דאַרף היינט דעקן אַ צאָלונג דער קאָמפּאַניע פאַר די הייזער אויף סטערלינג פּליים, האָב איך נישט די גאַנצע געלט פאַר אָט דער צאָלונג. אָרע האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן געלט און האָט נישט געגעבן, וויל איך, אַז דער לאַיער זאָל גיין צו דער קאָמפּאַניע און פועלן ביי איר, אַז זי זאָל דערוויילע נעמען אַ טייל פון דעם געלט, וואָס איך דאַרף איר היינט צאָלן, ביז איך וועל זיך אויסדרייען. עס וועט דאָך מיר אַריינקומען געלט פון רענט.

משה־בער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אַ קלייניקייט. לאַיערס, דאַנקען גאָט, פעלן נישט. זיי זענען דאָ ווי די הינט. איכל מיט דיר צוגיין צו איינעם. אָבער רייטשל, אויב דו האָסט זיך צעבּוטשקעוועט מיט דיין מאַן, ווייל ער האָט דיר נישט געוואָלט געבן קיין געלט, בין איך אַן עדות, אַז ער האָט קיין געלט איצטער נישט געהאַט דיר צו געבן. מחמת ער אַליין איז מוראַדיק פאַרענגט צוליב דער נעשאָנאַל־באַנק. און זאָגן דיר דעם אמת, רייטשל, — האָט ער גערעדט ווייטער שטילער, ווי ער וואָלט איר אַ סוד דערציילט, — דיין מאַן איז איצטער אויף גרעסערע צרות, ווי ער ווייסט אַליין. היינט דערוויס איך זיך, אַז נאָך אַנדערע שכנים קלייבן זיך אַרויס פון אונזערע הייזער. און דירה־געלט צו מאָנען היינט, — פרעג שוין גאָרנישט! פאַר אָט דעם חודש האָב איך קיין פערט־חלק דירה־געלט נישט איינגעמאָנט. וויפל עס קומט!

— בין איך גאָר אומגליקלעך דערפון — האָט רייטשל געזאָגט. — טאָמער וועט ער פאַרבלייבן אויף אַן אמת אַן אביון, וועל איך, זעט איר, זיך אוועקזעצן וויינען און קלאָגן. ווי דען, איך בין דאָך אַזוי גליקלעך מיט אים! הלואי וואָלט ער פאַרבליבן אַ פעדלער!...

— אוי, דיין שוועסטער איז דאָך, דאַכט זיך, משוגע געוואָרן! — האָט משה־בער אויסגעשריגן צו זיין ווייב.

אין יענעם טאָג האָט זיך רייטשל אויסגעגלייכט מיט דער ניו־יאָרקער קאָמפּאַניע פאַר די הייזער אויף סטוירלינג פּליים, אָבער קיין אַטלאַנטיק סיטי איז זי נישט געפאָרן, מחמת פּלוצים האָט זיך ביי איר אויפגעוועקט אַ האָפענונג, אַז זי וועט זיך קאָנען איבערבעטן מיט סעמיקען. מאַלע־וואָס ער האָט דאָרט גערעדט. ווען זי זאָל זיך רעכענען דערמיט, וואָס ער האָט אַמאָל געדרעדט, האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אַ סוף צווישן זיי. ניין, זי וועט נישט פאָרן. זי וועט וואַרטן. אפשר וועט ער זי אָפּרופן אויפן טעלעפאָן. זי וועט זיצן אינדערהיים. זי פילט, דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז דאָס איז נישט דער סוף...

און דעם גאַנצן טאָג איז זי נישט אַרויס פון דעם הויז; איז געזעסן פאַרשפּאַרט ביי זיך אינם שלאָפצימער און האָט אַלץ געוואַרט, טאָמער...

זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג, טאָמער וועט זי דערהערן דאָס קלינגען פון דעם טעלעפאָן. אָבער איין שעה איז אַוועק, אַ צווייטע, דער פאַרנאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט איבער די פענסטער פון איר צימער, און דער טעלעפאָן איז אַלץ געבליבן דאָרט שטום. און ווי די צייט האָט זיך געצויגן, אַזוי ווי פון פעך! זי האָט ביי רייטשלען דעם מאַרך פון די ביינער ממש אַרויסגעצויגן!...

רייטשל האָט נישט ליכטיק געמאַכט אין צימער; זי איז געבליבן זיצן אין דער טונקלקייט פון פאַרנאַכט איינגעהילט...

און מיט אַמאָל האָט זי דערהערט אַ קלאַפּן אין דער טיר. רייטשל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס זיצסטו דאָרט פאַרשפּאַרט? — האָט זיך דערהערט אַרעם קול. — וואָס איז, דו פאַסט תעניתים? דו האָסט דאָך גאָרנישט געגעסן, מרשעת, נישט קיין דינער און נישט קיין סאַפּער...

האָט זי ווי נעכטן, זיך נישט אָפּגערופן.

— וואָס שווייגסטו דאָרטן? ביזט דאָרטן מיט אַמאָל שטום געוואָרן, צי גאָר טויב? הולטאַיקע דו, הער אויף צו צאַפּן מיין

בלוט. איך האָב איצטער גענוג צרות אויפן קאָפּ אָן די, וואָס איך לייד זיך אויס פון דיר!

האָט רייטשל אַלץ געשוויגן.

— איך וועל די טיר צעברעכן! עפן אויף!...

ערשט דעמאָלט האָט זי די טיר געעפנט.

— וואָס זיצטו דאָ אין דער פינסטער? וואָס האָסטו צו מיינע יאָרן? — איז ער אַריינגעקומען אָן אויפגערעגטער צו איר אין צימער און האָט אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן לאָמפּ.

ער האָט דערזען ווי צעטראָגן און בלייך זי איז געווען, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— הולטאַיקע, דו זעסט דאָך שוין באַלד אויס ווי אַ פגירה! פאַרוואָס? אַלץ דערפאַר, ווייל איך האָב דיר נישט געגעבן קיין געלט, צי ווייל איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מער נישט זיין קיין מחותנתטע מיט יענעם...

האָט זי, רייטשל, אים דעמאָלט געענטפערט:

— איך בעט דיך, פרעג ביי מיר גאָרנישט און לאָז מיר צו־רו. איכל דיר קיין זאַך נישט ענטפערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט ווייטאָג און אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ זיפץ:

— אָי, איז דאָס אַ רייטשקעלע!...

די ביילקע, מיטן רויטן, שקאָצעוואַטן פנים איז אַריינגעקומען. אַרבל זענען ביי איר געווען הויך פאַרקאַשערט איבער די נאַ־קעטע, דינע, רויטע אָרעמס און דער קאָפּ שוואַרצע האָר צעשוי־בערט. זי האָט אַ פיר געטאָן מיט אַ האַנט אַרויף און אַראָפּ איבער דעם פאַרריסענעם נעזל אירן, אַ קוק געטאָן שעלמיש פון אָרען אויף רייטשלען און פון רייטשלען אויף אָרען, מחמת זי האָט זיך אונטערגעהערט, ווי שמענדיק, און געוווּסט וועגן אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דעם הויז און וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אָרען און רייטשלען, און זי האָט אויך געוווּסט, אַז איצט זענען יענע געווען אינמיטן אַ מחלוקה...

— אייער דאָקטאָר איז דאָ, מר. כיריג, — האָט זי געזאָגט,

און זי איז מיט דער אייגענער שעלמישער מינע און פּאַמעלעך, מיט אַ שלעפּעדיקן גאַנג, אַרויסגעגאַנגען צוריק.

— רייטשל, איך בעט דיך, זיי כאָטש איצטער נישט קיין מרשעת. שאַנעווע מיך כאָטש פאַר דעם דאָקטאָר. גיי אַרויס צו אים. ווייז אים אַ פרייַנטלעכע מינע און זיי ווידער אַ ווייב, ווי אַט ערשט מיט אַ פאָר טעג צוריק...

— גוט זייַן וועל איך מער נישט. איך דאַרף נישט און איך וויל נישט, און איך האָב נישט מער פאַרוואָס צו זייַן גוט.

— דו ביזט מייַן ווייב, רייטשל!

— האָט מיך אַ גליק געטראָפן!

— מיך האָט אויך נישט קיין גליק געטראָפן, רייטשל.

און ער האָט זיך תיכף פאַרכאַפּט, ווידער מיט געבעט אין דעם קול.

— רייטשעלע, מאַמינקע, דעם מאָל טו מיר צוליב. יענע מר־שעת רעדט, וויל איך, אַז ער, מייַן איידעם, דער דאָקטאָר, זאָל זען, אַז יענע האָט געבילן...

— ווער איז יענע? — האָט רייטשל אַ פרעג געטאָן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— די מרשעת שרהקע.

— אָה, זי האָט דאָס מיך פאַרמסרט? — האָט רייטשל אַ לאַך געטאָן.

— יאָ, זי, זי. דערפאַר, רייטשעלע, בעט איך דיך, ווייז דעם דאָקטאָר, אַז דו ביסט אַ לייטיש ווייבל, אַז... אַז...

מיט אַמאָל האָט זיך ביי רייטשלען די אויגן אָנגעצונדן און אַ צערייצטע האָט זי אויסגעשריגן:

— נו, אַז איך בין נישט קיין לייטיש ווייבל, לויגט דיר נישט. האָ? מיך אַרט נישט, אַז דו וועסט אַזוי מיינען און אַז דייַן דאָק־טאָר וועט אַזוי מיינען, און אַז דייַן שרהקע וועט אַזוי מיינען... יאָ, יאָ, איך בין נישט קיין לייטיש ווייבל, — איז וואָס, נו? איז וואָס, הא, גליק מייַנער, זיסער פאַרשווין מייַנער! גיי, גיי צו דייַן דאָקטאָר, וואָרום איצטער בעסער לאָז מיך צורו!...

האָט אָרע דעמאָלט אַ צעמישטער בלויז אַרויסגעמורמלט:

„געוואַלד, זי איז משוגע געוואָרן!״ און איז אַרויסגעלאָפן צו דאָקטאָר הודקינען.

און דאָקטאָר הודקין האָט געוואַרט אויף אים אין ביבליאָטעק־צימער. ער איז דאָרט געזעסן אַ בלייכער, אַ דערשלאָגענער.

— אַ גוטן אָוונט דיר, דאָקטאָר. וואָס איז, וואָס זיצסטו אַזוי?

דאָקטאָר הודקין האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגערעדט שטיל און פאַרשטיקט:

— וואָס איז, איר ווייסט נישט, שווער?

— וואָס וויים איך נישט? וואָס איז געשען?

— מיין באַנק האָט זיך היינט אויך געשלאָסן. מיין געלט און מיין ברודערס געלט, קאַפּוט!...

— דיין באַנק אויך? — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — דאַכט זיך געווען אַזאַ שטאַרקע, האָט מען גערעדט...

— איר זעט דאָך, שוועה, וואָס פאַר אַ ווערדע עס האָבן היינטיקע צייטן שטאַרקע באַנקן.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— אָט האָסטו דיר! און איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל ביי דיר קענען קריגן אַן הלואה. דערפאַר בין איך געווען ביי דיר נעכטן און היינט; אָבער איך האָב דיך נישט געטראָפן, נישט דיר און נישט עטלען...

— מיר זענען אַרומגעלאָפן, האָבן זיך אַלץ מישב געווען, צי מען זאָל אַרויסציען דאָס געלט פון דער באַנק, צי נישט, ביז... אוי, וואָס פאַר אַן אומגליק, וואָס פאַר אַן אומגליק! ערשט היינט אינדערפרי האָבן מיר זיך נאָך געקאָנט ראַטעווען.

— איז וואָס־זשע רעכנסטו איצט צו טאָן? — האָט ער געפרעגט.

— ערשטנס, ראַטעווען דאָס ביסל, וואָס מען קאָן נאָך ראַטעווען. וועגן דעם בין איך דאָס צו אייך איצט געקומען, שוועה.

— וועגן דעם? וואָס מיינסטו?

— די וואָך דאַרף איך צוטראָגן געלט פאַר דעם הויז אויף סעינט דזשאָנס פּליים און איך האָב נישט קיין מזומנעם סענט. ווו

צו לייהען איז נישטאָ ביי וועמען. דער איינציקער זענט איר, שווער, דערפאַר בין איך צו אייך געקומען.

אָרע האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— דו לאַכסט פון מיר? — האָט ער זיך אָנגערופן. — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין געווען ביי דיר און געוואָלט בעטן ביי דיר אַן הלואה. ערשט נעכטן האָב איך געדאַרפט צאָלן אין בילדינג לאָון אַסאָסיאיישאָן און געקאָנט איינצאָלן בלויז אַ טייל, ווייל מיר האָט אויסגעפעלט געלט.

— דאָס איז קיין תירוץ נישט, שווער. איך גיי אונטער. אייער טאָכטער גייט אונטער, שווער. מיין ברודער, ווען ער וואָלט געהאַט, וואָלט ער מיר געהאָלפן. איצט אָבער נויטיקט ער זיך אַליין אין הילף.

— אָבער ווו זאָל איך דיר איצט נעמען געלט? הלואי קריג איך עפּעס אַ קונה אויף עטלעכע הייזער מיינע, וואָלט איך זיי איצט פאַרקויפט פאַר האַלב אומזיסט, אַבי אַריינצוקריגן אַביסל מזומן געלט און נישט האָבן אַזעלכע קאָפּדרייעניש. דעמאָלט וואָלט איך דיר אויך געקאָנט העלפן, און בפרט... געוואָלד געשריגן — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ — איך דאַרף דאָך באַצאָלן יענע! זיי וועלן דאָך קומען פון מיר רייסן דאָס פלייש. און זיי זענען דאָך גערעכט, נעבעך. אָרעמעלייט... בלוטיק געלט. זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע גראָשנס! דאָקטאָר, טייערינקער, אפשר קאָנ־סטו געפינען אַ קונה פאַר אַ פּאָר הייזער מיינע? יענער וועט כאַפּן ביי מיר איצט אַ מציאה, אַבי די בלוטיקע חובות פון יענע אָרעמע לייט זאָלן ביי מיר פון קאָפּ אַראָפּ!

דאָקטאָר הודקין איז געוואָרן נאָך מער נערוועז.

— שווער!—האָט ער אויסגעשריגן. —זענט איר אַזוי קינ־דעריש, צי איר לאַכט עס פון מיר? איך בין געקומען צו אייך, אַז איר זאָלט מיר העלפן, פּשוט ראַטעווען, דערציילט איר מיר אַזעלכע מעשיות!

אָרע האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— ביי דיר, דאָקטאָר מיינער, זענען עס מעשיות, און ביי מיר קוועטשט עס אָט־אָ־דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן ביי זיך אויפן

מוח. — ווו וועל איך נעמען דאָס געלט פאַר זיי? איך האָב זיי געהייסן קומען אין עטלעכע טעג אַרום. סיידן גאָט זאָל מיר צושיקן אַ קונה אויף אַ פּאָר הייזער.

— ווער קויפט עס היינט הייזער? — האָט דאָקטאָר הודקין נערוועז איבערגעשלאָגן. — הייזער קויפן אין אַזאַ טומל, ווען אַלצדינג פאַלט איין, ווען פון אַלצדינג ווערט אַ חורבן! מען קאָן דאָך משוגע ווערן, שוועסטער! — האָט דאָקטאָר הודקין ווייטער גערעדט פאַרצווייפלט. אַזאַ פאַרמעגן אַריינגעטאָן אין דער „גאָלדען סיטי" אין קאָנאַרסי. מען האָט געמיינט, אַז מיליאָנען וואָלגערן זיך דאָרט; אַז מען וועט דאָרט אויסבויען אַמיוזמענט־פּלעצער, אַ צווייטע קוני־איילאַנד וועט מען דאָרט אויפבויען, אַ האַפן וועט מען דאָרט אויפבויען, און צום סוף, וואָס איז דאָרט איצט ווערט מיין פאַרמעגן! איז דאָס נאָך ווייניק, דאַרף איך אַריינלייגן דאָס גאַנצע געלט מיינס, וואָס איך האָב באַקומען פאַר מיינע הייזער אויף בערגען סטריט, אין איין באַנק, און איצט באַ־אַז, פאַר־קלאַפּט! ווער ווייסט, צי מען וועט נאָך אַמאָל אָנזען אַ סענט פון דאָרט! מען קאָן משוגע ווערן! — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין, און ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק.

אָרע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם און געזאָגט:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, אַזוי איז גאָר נישט קיין תּכלית. דו בעסער באַרואיק זיך. מיר האָבן נאָך אַ גוטן גאָט אין הימל. ער וועט העלפן!

— איר קאָנט מיר העלפן און איר מוזט מיר העלפן — האָט דאָקטאָר הודקין אַרויסגעמורמלט און געקוקט אויף אָרען ווי אַ משוגענער. — איר קאָנט מיר העלפן, שוועסטער. נעמט ביי אייער ווייב און העלפט מיר. זי האָט געלט. זי איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. איך ווייס עס. די גאַנצע וועלט ווייסט עס. ערשט נעכטן האָט זי אַרויסגענומען טויזנטער פון דער באַנק. איך ווייס עס אויף זיכער.

אָרע האָט זיך אָנגערופן:

— איך ווייס אויך, אַז זי האָט נעכטן אַרויסגענומען געלט

פון דער באַנק. זי האָט אָבער צוויי מאָל אַזויפיל געדאַרפט איינצאָלן פאַר הייזער. איך ווייס זיכער, אַז זי האָט נישט קיין געלט.

דאָקטאָר הודקין האָט אַ געשריי געטאָן:

— איר ווייסט גאָרנישט וועגן אייער ווייב! גאָרנישט! זי בלאָפט אייך! זינט זי האָט מיט אייך חתונה געהאַט, בלאָפט זי אייך! איך ווייס עס. אייערע טעכטער ווייסן עס. בעסער ציט מיך איצט נישט פאַרן צונג, שוועד...

אָרע האָט צעמישט אַ לאַך געטאָן:

— ביזטו דאָך טאַקע משוגע, דאָקטאָר מיינער! וואָס רעדסטו און וואָס שרייסטו אַזוי אויף מיר?

— שוועד, איך האָב אייך געזאָגט, בעסער ציט מיך נישט פאַרן צונג. איך בין אויפגערעגט און נעמט זיך אָן וואָס וויניקער פאַר אייער ווייב.

און דאָ איז מיט אַמאָל אַריינגעקומען רייטשל און האָט אַ קוק געטאָן אויף דאָקטאָר הודקינען מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, האָט זיך אָבער אָנגערופן צו אים רואיק און געלאַסן:

— וואָס איז? וואָס איז, דאָקטאָר? פאַרוואָס עפּעס זאָל אַזאַ גוטער מאַן ווי אייער שוועד זיך נישט אָננעמען פאַר זיין ווייב?

דאָקטאָר הודקין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָט איז זי דאָך אַליין!

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

— סעי, מיסטער דזשענטלמען, מיסטער דאָקטאָריע! — האָט רייטשל צערייצט אַ לאַך געטאָן פון אים.—וואָס איז, איר רעכנט, אַז איר האָט אַ שענערן הינטן, ווי אַ פּנים? וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט צו מיר? האָט נישט מורא, אייער שיינעם פּנים וועל איך, חלילה, קיין עין־הרע נישט געבן...

האָט דאָקטאָר הודקין זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו אָרען און געזאָגט:

— שוועד, בעסער הייסט איר איצט דאָ צו האַלטן דאָס מויל!

— און אַז נישט? — האָט רייטשל ווידער צערייצט אַ לאַך געטאָן.

אַרע האָט זיך געדרייט דאָ צו איר און דאָ צו דר. הודקינען אַ האַלב־צוטומלטער, מיט די ווערטער:

— דאָקטאָר, רייטשל, געוואַלד געשריגן!

דעמאָלט איז דאָקטאָר הודקין צוגעלאָפן צו דער טיר און אַ רוף געטאָן:

— ביילקע!

— וואָס דאַרפסטו ביילקען? — האָט אַרע געפרעגט פאַרוואונדערט.

אַנשטאָט אַרען צו ענטפערן איז דאָקטאָר הודקין אַרויסגעלאָפן און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט ביילקען, וועלכע האָט אים אויסגעזען צעשראָקן און צעטומלט.

— ביילקע! — האָט דאָקטאָר הודקין געשריגן. — איצט רעדט. איר האָט מיר צוגעזאָגט צו רעדן, רעדט איצט, דערציילט דעם שווער אַלצדינג, וואָס איר האָט מיר דערציילט!

ביילקע, מיט אַ פּנים פלאַם־פייער און מיט צעשראָקענע אויגן, האָט געעפנט מעשה גולם דאָס מויל. זי האָט אָבער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

פּלוצלינג איז רייטשל צוגעלאָפן צו איר מיט די ווערטער:

— אַך, דו שטיק נבזה, דו שטיק פּאַסקודסטווע! איך האָב די גאַנצע צייט געוווסט, אַז דו שמעקסט און הערסט זיך אונטער!

און זי האָט אַ פּאַק געטאָן ביילקען מיטן גאַנצן כּח פאַר די אַקסלען און איר אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ שטויס געטאָן פון זיך, און איר אַרויסגעשליידערט פון דעם צימער.

— פרעגט ביי מיר, איך וועל אייך אַליין זאָגן! — האָט זי דערנאָך זיך מיט אימפּעט אַ קער געטאָן צו אַרען און צו דאָקטאָר הודקינען, און די אויגן האָבן ביי איר זיך געצונדן, ווי ביי אַ צעווילדעוועטער קאַץ. — וואָס יענע פּאַסקודסטווע ווייסט וועגן מיר, ווייס איך אויך נאָך בעסער פון איר, און איך וועל אייך אַליין דערציילן! איך האָב פאַר אייך גאָר קיין מורא נישט! פאַר קיינעם פון אייך האָב איך קיין מורא נישט!

דאָקטאָר הודקין איז צעמישט געוואָרן. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט.

און צעמישט איז אויך געוואָרן אָרע. ער האָט אויסגעשטעלט ביידע הענט צו רייטשלען און געמורמלט:

— וואָס רעדסטו? וואָס ביסטו אַזוי ווילד געוואָרן, שיקסע?

— טאַ הער־זשע אויס: ווען איר וואָלט נישט געווען אַזאַ אַלטער נאַר — האָט זי מיטאַמאָל אָנגעהויבן אָרען צו „אירצן"— וואָלט איר שוין לאַנג געדאַרפט באַמערקן, ווי איך קאָן אייך נישט פאַרטראָגן; אַז יעדער גלעט אייערער איז געווען פאַר מיר סם. איך וואָלט שוין לאַנג פון אייך אַוועק, איך וואָלט שוין לאַנג גע־מאַכט אַ סוף צו אַזאַ לעבן מיינעם, ווען נישט יענער באַנדיט, יענער הפקר־יונג, וואָס אייער שרהקע האָט אייך וועגן אים דער־ציילט... יאָ, יאָ, אַלצדינג, וואָס זי האָט אייך דערציילט וועגן אים און מיר, איז אמת! — האָט רייטשל געשריגן אָרען אין פנים.

פאַר די אויגן האָט אים גענומען שווינדלען און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַלע עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן גע־ברענט אין צימער, זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן און אַרום אים איז פינסטער געוואָרן.

ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ שטול און זיך שווער אויף אים אַרונטערגעלאָזט. נאָכדעם האָט ער זיך מיט אַלע כחות צו־נויפגענומען און מיט ציטערדיקע ליפּן און אַ ציטערדיקן קול אַרויסגערעדט:

— הייסט עס, האַ?... הייסט עס, וואָס, האַ?... איז שרהקע, הייסט עס... האַ?...

און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רייטשלען מיט אַ בעטנ־דיקער מינע און אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו איר און ווידער אַרויסגערעדט:

— פאַרוואָס, האַ? פאַרוואָס, גזלנטע, האַ? פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, האַ? דו ווילסט מיר אַראָפּנעמען דעם קאָפּ... פאַרוואָס, האַ? איז דיר אַזוי שלעכט געווען ביי מיר, האַ?

און זי האָט אים געענטפערט:

— אַ גיהנום איז געווען מיין לעבן ביי אייך! באַשערט געווען מיר אַן אומגליק, האָט איר געדאַרפט רייך ווערן. און איך האָב זיך סגיזכעט פון פריער מיט אַט דעם שאַרלאַטאַן, מיט אַט

דעם באַנדיט, ווי איז צו מײַנע יאָרן, וואָס ער האָט מיך אויסגענוצט און מיך געמאַכט פאַר אַ צעלאָזענער און מיך אײַנגאַנצן פאַרסמט; וואָס ער האָט מײַן האַרץ מיר פאַרסמט און מײַן קאָפּ מיר פאַרסמט, און פון מיר אינגאַנצן געמאַכט אַ תל, אַ בראָך איז צו מיר!

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט און געקוקט אויף איר מיט אויגן ווי בײַ אַ משוגענעם. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי דער מוח וואָלט זיך בײַ אים איבערגעקערט.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און נאָכדעם האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער זײַנע אויגן און נאָכדעם ווידער געקוקט אויף רייטשלען.

זי איז איצט געשטאַנען אַן אײַנגעהויקערטע און האָט געהאַלטן אַ טיכל בײַ די אויגן און שטיל געוויינט.

און דאָ איז אָרע צוגעגאַנגען צו איר און האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט איר אויפן אַקסל, געקוקט אַ ווײַלע איר אין פּנים און דערנאָך שטיל אַרויסגערעדט:

— הייסט עס, האַ, אַז דאָס איז אמת, האַ? אויב דאָס איז אמת, וואָס דו זאָגסט און וואָס שרהקע האָט דערציילט, איז דאָך געווען אַ רב, הײַנט הלמאי, הלמאי, האַ?... איך האָב דאָך דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז דער זעלבער רבי, וואָס האָט אונז חתונה געמאַכט, קאָן אונז גטן... הײַנט הלמאי האַ? הלמאי האָסטו מטמא געמאַכט מײַן הויז? דו ווייסט וואָסער שטראָף עס קומט דיר דערפאַר? בײַ ערלעכע יידן האָט מען פאַרשטיינערט אַזאַ...

און מיט אַמאָל האָט ער אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס און אַ געשריי געטאָן נישט מיט זײַן קול:

— אַר־ר־ויס ! ! טומאה אַרויס פון מײַן שטוב! דײַן פוס זאָל דאָ נישט זײַן! אַר־ר־ויס־ס!!

דער פּנים האָט בײַ אים געפלאַקערט, אַזוי אויך זײַן דיקער האַלז, אויף וועלכן די אָדערן האָבן זיך אָנגעצויגן און אָנגעשוואָלן גראָבע ווי שטריק, און די אויגן בײַ אים זענען פאַרלאָפן מיט בלוט און האָט שווער געאָטעמט מיט זײַן ברייטער, מעכטיקער ברוסט.

רייטשל האָט אויפגעהערט צו וויינען און זי האָט זיך אויס־געגלייכט פאַר אים מיט אַ צולהכעיסדיקער מינע און זיך צע־לאַכט נערוועז:

— וואָס דען, איך וועל דאָ בלייבן? — האָט זי זיך אָנגע־רופן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל. — דערפאַר האָב איך דאָך אייך אַלצדינג דערציילט, ווייל איך האָב נאָך פריער ביי זיך אָפּגעמאַכט צו מאַכן אַ סוף...

— אָבער טאַקע גלייך, שוין, אין אָט דער מינוט גיי! נעם אַלץ וואָס דו ווילסט, נאָר גיי! איך זאָל די טומאה מער נישט אָנ־קוקן ביי מיר אין הויז. פּאַק אריין אַלצדינג אין דיין מאַשין און פאָר, פאָר, פאָר פון דאַנען! — האָט ער געמאַכט צו איר מיטביידע הענט, ווי ער וואָלט זי געשטופּט פון זיך. — פאָר פון דאַנען, אַ נישט וויים איך נישט, וואָס איך וועל איצט טאָן מיט דיר. דו ווייס־טאָג מיינער, דו חרפּה מיינע, ווי אַ קינעלע וואָלט איך דיך איצט צעבראָכן מיט מיינע אייגענע הענט!

רייטשל האָט ווידער אַ לאַך געטאָן. דאָס מאָל צערייצט. און זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו דאָקטאָר הורקינען, וועלכער איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון איבעראַשונג, און צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט מיט פאַראַכטונג:

— גוד־באַי, פאַנע דאָקטאָריע! איר זעט אַז מען האָט געקאָנט אויסקומען אָן ביילקען? איר זענט אויך אַ גוטער פּאַסקודניאַק, דעם באַנדיטס אַ קוזין.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

באַלד נאָך איר האָט אויך דאָקטאָר הורקין פאַרלאָזן אָרעם ביבליאָטעק־צימער. אָרע איז דאָרט פאַרבליבן אַליין. ער האָט דאָרט געשפּאַנט אַהין און צוריק, אַהין און צוריק איבערן צימער, גע־האַלטן דעם קאָפּ צווישן זיינעביידע הענט, געשאָקלט אים און געמורמלט מיט אַ תהלים־ניגון:

— פאַרוואָס אַזאַ שטראָף, האַ? פאַר וועלכע זינד, האַ? אוי ווי, ווי, ווי!

* * *

יענעם אויפדערנאַכט האָט רייטשל טאַקע פאַרנומען אַלע אירע

זאכן און זיך אריבערגעקליבן צו איר שוועסטער. און ערע איז א גאנצע נאכט ארומגעגאנגען איבערן הויז און אין דרויסן ארום הויז און האט זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען. און ווידער און ווידער האט זיך זיין גרויסע פארצווייפלונג ביי אים ארויסגעריסן אין איינע און די זעלביקע ווערטער:

— פארוואס האט גאט אים אזוי געשטראפט? פאר וועלכע שווערע זינד זיינע?

אויף מארגן האט ער זיך דעם גאנצן טאג אויסבאהאלטן פון מענטשן. ער איז געזעסן פארשפארט ביי זיך אין ביבליאטעק־צימער און האט מיט א געבראכענעם קול געזאגט תהלים. ער האט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געוואלט גיין צום טיש. וויפל ביילקע האט זיך ביי אים נית צעבעטן, אז ער זאל עפעס עסן, האט ער אויף אלע אירע טענות געענטפערט מיט אן אומגעדולדיקן שאקל מיטן קאפ. ער האט איר נאר געזאגט, אז אויב אימיצער וועט פרעגן אויף אים, זאל זי זאגן, אז ער איז נישטא אין דער היים, סיידן ווען דער רב וועט קומען. אים האט ער געוואלט זען.

זיין לאנדסמאן, דער רב, איז אבער יענעם טאג נישט געקומען. דער איינציקער מענטש, פאר וועלכן ערע וואלט איצט אויסגערעדט זיין צעווייטאגט הארץ.

ערשט אויפדערנאכט האט ערע דערהערט פון דעם צימער, ווו ער איז געזעסן, משה־בערס קול. יענער האט זיך דארט נאכגעפרעגט ביי ביילקען אויף אים, און ערע האט געהערט, ווי ביילקע האט משה־בערן דארט געענטפערט, אז ער איז נישטא אין דער היים. און אים, משה־בערן, האט ערע דווקא איצט געוואלט זען. ער האט אים געוואלט זען צוליב רייטשלען. ער האט ביי אים געוואלט אויסגעפינען, ווו זי איז איצט געווען, די מרשעת, און צי זי איז געווען ביי אים אינדערהיים. איז ער, ערע, ארויסגעגאנגען און האט א רוף געטאן משה־בערן און איז מיט אים אריינגעגאנגען אין פראנט־צימער.

— ווי איר זעט, נעבעך, אויס, מיסטער בירינג! — האט דער לאנגער משה־בער פארבראכן מיט די הענט. — ווי נאך א קרענק, זאל ער אויסהיטן! אודאי, גייט ריכט זיך גאר, אז צווישן אייך אוי

רייטשעלען זאָל ווערן אַזאַ ברוגז! הערט נאָר אַ מעשה, רייטשעל גייט גאָר אַוועק אין „פּראַטשקעס״! און ווי איך זע, קאָסט עס אייך שטיקער געזונט. עס איז דאָך פון אייך גאָר געוואָרן אַ תּל!...

אָרע האָט אַ מאַך געטאָן צו אים מיט אַ האַנט:

— מילא! — האָט ער געזאָגט, — קיין געזונט קומט דערפון נישט צו. אָבער דאָס איז נישט קיין „פּראַטשקעס״, משה־בער, דאָס איז אַ גט!...

— אַי, גייט שוין גייט! איר וועט זיך מיט איר איבערבעטן! זי האָט שוין געכאַפּט פון מיר אַ גאָב און פון מיין ווייב אַ גוטן גאָב. זי איז אַוועקגעפאָרן היינט אויף איר מאַשין קיין אַטלאַנטיק סיטי. אַז זי וועט צוריקקומען, וועט זי קומען צו אייך אַהיים און נישט צו אונז. מיר וועלן זי גאָר אין שטוב נישט אַריינלאָזן.

— און איך אודאי נישט, משה־בער. אַי, ניין, אַי, ניין! זי האָט ביי מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. אַזאַ... אַזאַ... עס איז גאָר אַ חרפּה און אַ בושה פונם מויל אַרויסצוברענגען, וואָס זי איז!... אָבער בעסער גאָרנישט רעדן פון איר. זאָג מיר, וואָס הערט זיך עפּעס... כ׳מיין, נייעס ביי אונז?

אָבער משה־בער די קאַלעקאַטקע, וואָס ער האָט נישט געוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אָרען און רייטשעלען, מחמת ביי אים אינדערהיים האָט מען דאָס געהאַלטן פון אים בסוד, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן נייגעריק:

— וואָס האָט איר געזאָגט? וואָס הייסט, זי איז אַזאַ, אַז עס איז גאָר אַ חרפּה און אַ בושה פון מויל אַרויסצוברענגען? וואָס האָט זי געטאָן אַזוינס?...

— גאָרנישט. גאָרנישט. דו ענטפער מיר אויף דעם, וואָס איך האָב ביי דיר געפרעגט. וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו געהערט מכּוח די באַנקן און די אַנדערע צרות?

— איך האָב געהערט דאָס אייגענע, וואָס אַלע האָבן געהערט. עס איז שלעכט! נאָך ערגער ווי שלעכט! נייע באַנקן מאַכן זיך צו און מענטשן ווערן בדיל־הדל, אומגליקלעך...

— זאָג מיר, האָסט עפּעס אויפגעמאַנט אַ סך דירה־געלט דעם

חודש? איך דארף איצט האָבן געלט אויף צו באַצאָלן נויטיקע חובות.

— קיין סך דירה־געלט האָב איך נישט אויפגעמאָנט. די בעסטע צאָלער פריערדיקע פוילן זיך הײַנט צו צאָלן דירה־געלט. עס איז שלעכט, זייער שלעכט, אַ סך ערגער ווי איר שטעלט זיך פאָר, — האָט משה־בער גערעדט ווייטער.

אָרע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגעזיפּצט:

— ווען איך קען באַצאָלן יענע, וואָס האָבן בײַ מיר אײַנגע־לייגט געלט... אַזעלכע בלוטיקע חובות... משה־בער, זע אויפצומאָ־נען וויפל דו וועסט נאָר קאָנען. איך וועל בײַ דיר זיין מאָרגן. צו די שכנים פון די אַנדערע הײַזער וועל איך מאָרגן צושיקן חיים־עליען, מיין בוכהאַלטער. איך מוז זען צונויפקלאַפּן דאָס ביסל געלט און זיי באַצאָלן. נאָך זיי האָבן איצטער אויפן קאָפּ! ס׳האָבן מיר אויסגעפּעלט צרות און יסורים...

משה־בער איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן בײַ אָרען און, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אָפּגערופן צו אים:

— איז וואָס־זשע פאַרט האָט רייטשל געטאָן? מיר מעגט איר דאָך זאָגן. איך בין דאָך אײַער אַ שוואָגער. איכל דאָך קיינעם נישט דערציילן...

— דערמאָן מיר נישט איר טרפהנעם נאָמען, איך בעט דיך.

— אַזוי צעריסן זענט איר מיט איר?

אָרע האָט אים נישט געענטפערט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און איז צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט.

דעמאָלט האָט משה־בער געזאָגט:

— גוט־נאַכט! — און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם גע־דאַנק אין דעם מח, אַז רייטשל האָט אָרען מסתמא עפּעס אָפּגעטאָן אַ ריכטיקע שטוקע און אַז ער מוז דערגיין בײַ זיין ווײַב, וואָס פאַר אַ שטוקע יענע האָט אָפּגעטאָן איר מאַן...

ווען אָרע איז אויף מאָרגן געקומען אין אָפּיס, האָט חיים־עלע זיך דערשראָקן, ווען ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן.

— וואס איז דער מער? איר זענט נישט געזונט? — האט ער זיך אפגערופן צו ארען.

— שוין א פאר נעכט נישט געשלאפן, חיים־עליע, — האט ארע אומעטיק א שמייכל געטאן, — און דעם חשק צו עסן האב איך אויך פארלוירן, פילט מען זיך אביסל שלאף...

ער האט זיך שווער ארונטערגעלאזט אויף א שטול און ווייטער גערעדט:

— מען האט נאר איין קאפ אויף די פלייצעס, חיים־עליע. א הארץ איז אויך נישט פון אייזן...

חיים־עליע האט אים א ווײלע אנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכ־טיקע אויגן דורך די ברילן און נאכדעם האט ער א זיפץ געטאן:

— יא, פרייליעך איז ביי אונז נישט. אבער מיר זענען דאך נישט די איינציקע. וואס עס וועט זיין מיט כל־ישראל, וועט זיין מיט אונז אויך...

— דו מיינסט וועגן די באנקן, הא? ניין, חיים־עליע, איך האב געקריגן מיט א פאבאינע אזוי איבערן קאפ, אז איך האב גאר פארגעסן אפילו, אז עס זענען דא באנקן אויף דער וועלט. חיים־עליע, ברודער, אזא אומגליק טרעפט גארנישט ביי קיין ארנטליכן יידן אין שטוב. דו הערסט, חיים־עליע? ווען עס זאל זיך עפענען א גרוב פאר מיר, איז מיר איצטער אזוי אויפן הארצן, אז איך וואלט אהין אריינגעשפרונגען, אין דער ערד אריין.

חיים־עליע איז צו אים צוגעגאנגען א פארוואונדערטער.

— וועגן וואס רעדט איר? איך פארשטיי נישט. וואס איז, וואס איז געשען?

און דא האט ארע זיך מיט אמאל צעלאכט שטיל און פאר־שטיקט און דערנאך האט ער געענטפערט מיט גאליקן שפאט:

— ברודערקע חיים־עליע, אזא מעשה, אז מען שטעלט עס אריין אין די פיפערס, וואלטן מענטשן געלעקט די פינגער דערפון... סטייטש א מעשה, — האט ער זיך ווידער צעלאכט שטיל און פאר־שטיקט. נאכדעם האט ער זיך אויפגעהויבן און מיט בעס זיך א זעץ געטאן אין הארצן:

— א מצוה אויף מיר, — דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

האָב איך זיך נישט געוואָלט פאַרדרייען מיט דער מרשעת. איך האָב געדאַרפט וויסן, ווער און וואָס זי איז. נאָך דעמאָלט, ווען זי איז געווען ביי מיר אַ „באַרדערקע", איז זי געווען אַ צעיושעטע, צעלאָזענע מויד, וואָס דאָס טריפהנע בלוט האָט נאָכאַנאַנד ביי איר געיושעט! קראַנק בין איך געווען חתונה צו האָבן מיט אַ ליי־טישער יידענע, האַ? דוקא אַ מיידל האָט זיך מיר פאַרוואָלט, אַ מיידל, און דוקא זי, די צעלאָזענע מויד! רק געטראַכט וועגן איר, רק וועגן איר. און נאָר דאָס אַליין? געקראָכן אַהין, וווּ מען דאַרף נישט און געקוקט, די אויגן זאָלן מיר אַרויס! אָט, אָט דערפאַר־אָ! אָט דערפאַר! פאַר קיין אַנדער זאַך נישט! אָט דערפאַר האָט דאָס גאָט מיך אַזוי געשטראָפט! און איך האָב דאָס כשר פאַרדינט, כשר, כשר, אָי ווי כשר! — האָט ער גענומען לויפן איבערן צי־מער, — קוק נישט אַהין, וווּ מען דאַרף נישט, אַ שוואַרץ יאָר אויף דיין קאָפּ! דו ביזט נישט קיין יונגאַטש, דו ביזט אַן עלטערער ייִד, טאָ קוק נישט, בלינד זאָלסטו ווערן! יאָ, יאָ, איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס גאָט האָט מיך אַזוי באַשטראָפט! איך האָב דאָס כשר פאַרדינט, אוי ווי כשר!...

ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט, איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך צעשאָקלט מיטן גאַנצן שווערן ברייטן קערפּער זיינעם, ווי אַן אבל.

שפּעטער, ווען חיים־עליע האָט זיך פון אים דערוווּסט, פאַר־וואָס ער איז אַזוי פאַרצווייפלט געווען, האָט ער אַליין געפּרוווט אים צו באַרואיקן און ער האָט אויך טעלעפאָנירט צו אָרעם לאַנדס־מאַן, דעם רב, אַז ער זאָל קומען.

דער רב איז געקומען און ער איז פאַרבליבן נאָכדעם מיט אָרען. ער איז אַוועק מיט אים אַהיים און איז פאַרבליבן ביי אים נעכטיקן. און אויף מאָרגן האָט ער אָרען אויך נישט געוואָלט אי־בערלאָזן אַליין. ווען ער, דער רב, האָט געדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער טעלעפאָנירט צו חיים־עליען, אַז ער זאָל קומען בלייבן מיט אָרען.

נאָך אַ טאָג איז אַוועק און עס האָט אויסגעזען, אַז אָרע האָט זיך אַביסל באַרואיקט נאָך דעם שאַרפן אויסברוך אין דעם אָפּיס

און נאָך אַ לענגערן שמועס מיטן רבֿ, איז אָרע אַ פּאָר טעג פאַר־בליבן אינעם הויז און ער האָט זיך ווי פאַרשלאָסן אין זיך. ער איז געזעסן פאַרטראַכט אויף איין אָרט. אָדער ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז פון איין צימער אין דעם אַנדערן און האָט געשוויגן. און אין מיטן דערינען האָט ער גאָר אַרויסגענומען אַ ספר אויף עברי־טייטש פון אַ שאַפע און האָט אים גענומען לייענען מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געזאָגט קינות...

נאָר איינמאָל אינמיטן לייענען דעם ספר האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום רבֿ, וואָס איז גראָד דערביי געזעסן און האָט געלייענט אַ צייטונג:

— איר זעט, רבי, אָט דאָ לייען איך אַ מעשה וועגן אַ זונה, אַ צעלאָזענע... האָט זי געכאַפּט דעם ריכטיקן פּסק, לייען איך, כּדי דאָס זאָל זיין אַן אָנלערע פאַר אַנדערע אַזעלכע!... אי, רבי, רבי, איר געדענקט? ס'האַרץ האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך מיט איר גטן; איר אָבער האָט מיך אַלץ אָפּגערעדט דערפון. אודאי, איר האָט דאָך נישט געוווּסט, אַז זי... אַז זי... נאָר מילא, פאַרפאַלן, זיך געענט און פון מאַרק אַראָפּ!...

נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען לייענען מיט אַ געבראָכענעם קול דעם ספר און מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט קינות געזאָגט...

דער רבֿ איז געקומען צו אָרען יעדן טאָג און ער האָט געוווּסט ווי ער האָט זיך געפילט און ווי זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלצדינג, וואָס עס איז אָרען נוגע געווען. ער, דער רבֿ, איז טיילווייז אָפּהענגיק געווען מיט זיין חיונה פון אָרען, וואָס האָט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר אים כּמעט אינ־גאַנצן אויסגעהאַלטן.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט און די לאַגע ביי אָרען איז געוואָרן אַזוי, אַז סיי דער רבֿ און סיי חיים־עליע, האָבן קלאָר גע־זען, אַז אָרע גייט אונטער.

ער, אָרע, ווי אַלע אַנדערע דעפּאָזיטאָרס פון דער נעשאַנאַל־באַנק, האָט נישט געקענט איצט שוין מער האָפן אויף אַרויסצו־קריגן אפילו אַ דאָלאַר פון דאָרט. אַ חוץ דעם, איז מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער געוואָרן אויפצומאָנען דירה־געלט ביי די שכנים. דע־

קריזיס האָט זיך געלאָזט פילן אַלץ מער און מער. באַנקען נאָך באַנקען האָבן געקראַכט. פאַבריקן האָבן זיך צוגעמאַכט. מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער אַרבעט. מענטשן האָבן אויפגעהערט צו פאַרדינען אויף ברויט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו הונגערן, און אַ סך פון די שכנים, וואָס זיי זענען פריער געווען גוטע דירה־געלט־צאָלער, האָבן נישט געקענט מער צאָלן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שכנים־איבערוואַנדערונג פון הייזער אין הייזער, צוליב ביליקערע דירה־געלט און צוליב דעם חודש. אָדער צוויי אומזיסטע וווינונג, וואָס יעדער נייער שכן האָט געקאָנט איצט קריגן אין די הייזער.

אָרע האָט אויך געמוזט עפּעס טאָן אויף איינצוהאַלטן די שכנים ביי אים אין די הייזער, האָט ער זיי אויך אַרונטערגעלאָזט פון דירה־געלט, און אַנדערע האָבן אינגאַנצן נישט געדאַרפט צאָלן קיין דירה־געלט אַ חודש אָדער צוויי חדשים. מחמת דעם האָבן די הייזער פאַרלוירן אַ סך פון זייער ווערט, און אין אַנדערע געגנטן — אינגאַנצן זייער ווערט.

דער רבי, וואָס אים האָט אָרעס לאַגע אַלץ מער געשראָקן, האָט אַמאָל זיך אַזוי אויסגעדריקט פאַר חיים־עליען:

— על־פּי־פּנים, אַז באַרג־אַרויף גייט מען נישט אַזוי האַסטיק ווי באַרג־אַראָפּ... אַ רחמנות אויף די מענטשן.

אָרע איז איצט אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. וואָס זאָל ער טאָן? ווו וועט ער נעמען דאָס געלט אויף איינצוצאָלן אין דער „בילדינג און לאָון אַסאָסיאיישאָן", ווען דער חודש וועט אַריבער? מען וועט, חלילה, אים נאָך יענע הייזער „פאַרקלאָוזן", דאָס הייסט צונעמען.

און וואָס וועט זיין מיט די אַנדערע הייזער זיינע, ווען די שכנים צעלויפן זיך, און אַפילו יענע שכנים, וואָס בלייבן האָבן אויפגעהערט צו צאָלן דירה־געלט?

און פאַרקויפן אַ הויז איז נישטאָ וועמען, כאָטש גיב עס אַוועק אומזיסט. ער האָט שוין פאַרגעלייגט הייזער, סיי דעם און סיי יענעם, און פון יעדן איינעם האָט ער געהערט דעם זעלבן ענטפער:

„קויפט מיינע!"...

דער עיקר אָבער האָט אים געפּייניקט דער געדאַנק: ווו זאָל ער נעמען דאָס געלט פאַר מירקע דער בעקערקע און פאַר די אַנ־דערע, וואָס האָבן ביי אים איינגעלייגט זייער אָפּגעשפּאָרט געלט? ווו זאָל ער נעמען דאָס געלט אויף צו באַצאָלן אָט די בלוטיקע חובות?

זיי זענען אים נאָכגעלאָפן, האָבן אים קיין רו נישט געגעבן. ער האָט זיך קוים ביי זיי אָפּגעבעטן צו וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, נאָך עטלעכע טעג, טאָמער וועט גאָט פאָרט רחמנות האָבן און ער וועט צושיקן עפּעס אַ קונה אויף זיינע הייזער. וואָרום, חלילה וחס, האָט אָרע געטראַכט, ווען קיין קונה זאָל זיך נישט מאַכן, זענען זיי דאָך דעמאָלט אַלע געקוילעטע. געלט פון אַלמנות, געלט פון כּלות, געלט פון יתומים—ער, אָרע, וואָלט עס נישט געקאָנט אַרי־בערטראָגן!...

ער האָט זיך אַזוי געשראָקן פאַר דעם, אַז איינמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— גאָט, דערבאַרעמדיקער, בעסער זאָל איך פאַרלירן מיין לעצט העמד, איידער זיי זייער בלוטיק געלט!

וועגן רייטשלען האָט ער נישט גערעדט, איר נאָמען האָט ער נישט דערמאָנט, אָבער געטראַכט האָט ער וועגן איר גאַנץ אָפט, געטראַכט מיט האַרץ־קלעמעניש און בענקשאַפט, הגם ער האָט נישט געוואָלט וועגן איר טראַכטן.

בלויז איינמאָל, ווען ער האָט זיך דערוווסט פון זיין לאַנדס־מאַן, דעם רב, אַז די אַלטע פרומע וויל נישט קומען צו אים אַהיים, סיידן ער וועט זיך אָפּריער גטן מיט רייטשלען, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן מיט ווייטאָג:

— אָ, רבי, איך אַליין וואָלט עס שוין אויך געוואָלט איבער־קומען. איבערקומען און פאַרגעסן. אַרויסרייסן זי פון קאָפּ און פון האַרצן. רבי, פאַר אייך וויל איך דאָס נישט פאַרלייקענען. איך זאָג אייך, רבי, דער הונט איז ווערט דעם שטעקן. קוקט מיך אָן, דאַרף איך וועגן איר טראַכטן, האָ? און איך טראַכט, רבי, איך טראַכט, און אַמאָל טראַכט איך וועגן איר ווי אַ... ווי אַ...

ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ טיפן זיפץ:

— ווונדן האָט זי מיר איבערגעלאָזט אין האַרצן. עס טוט אַזוי ווײ. זאָגט רבי, בין איך נישט אַ הולטאַי, האַ? בין איך נישט אַ הונט, אַ פֿערד?... אוי ווײ איז מיר!

דאָס איז אָבער געווען דאָס איינציקע מאָל, פֿאַר דער לעצטער צייט, וואָס אָרע האָט וועגן איר גערעדט.

16

די שוואַרצע טאָרבע

די צאָלונגען, וואָס אָרע האָט געזאָלט דעקן אין דער „בילדינג ענד לאָון אַסאָסיאיישאָן" פֿאַר אַ טייל פֿון זיינע הייזער אין אַ חודש שפּעטער, האָט ער נישט געקאָנט דעקן און ער האָט יענע הייזער פֿאַרלוירן. דאָס זענען געווען די ערשטע הייזער זיינע, וואָס מען האָט „פֿאַרקלאָוזט". אַ ביטערער טאָג איז יענער טאָג געווען פֿאַר אָרען, אָבער נישט פֿאַר אָרען אַליין, און נישט זיין ערגסטער טאָג איז עס געווען.

וואָרום אין יענער צייט האָט יעדער נייער טאָג דערהערגעט צענדליקער בראָנזווילער יידישע גבירים און צו שטויב געמאַכט זייער גאַנצע עשירות. יעדן טאָג האָבן זיך נאָך און נאָך באַנקן צוגעמאַכט, און ס'רוב פֿון אַט די יידן האָבן געהאַלטן זייער געלט אין די דאָזיקע באַנקן.

אַט די יידישע גבירים, וואָס זייער הויפּט־פֿאַרמעגן זענען געווען די אויסגעבויטע הייזער אויף וועלכע די „בילדינג און לאָון אַססן" און אַנדערע באַנקן האָבן געהאַט „מאָרטגעדזשעס", האָבן איצט, ווען זייער מזומן געלט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, נישט געהאַט מיט וואָס צו דעקן זייערע צאָלונגען פֿאַר אַט די „מאָרטגיידזשעס", און מחמת דעם האָט מען ביי זיי צוגענומען די הייזער.

די גאַנצע בוי־אינדוסטריע האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, מחמת מען האָט מער קיין געלט נישט געליהען אויף הייזער.

אין די שרעק געוואַקסן, די מהומה און די הילפֿלאָזיקייט

צווישן אַט די יידן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די אייגענע יידן, וואָס האָבן אַט ערשט נישט לאַנג זיך אַזוי געגרויסט מיט זייער חכמה, מיט זייערע געשעפטס־פעאיקייטן און וואָס זענען געווען אַזוי תקיף ביי זיך, האָבן מיט אַמאָל פאַרלוירן זייער שכל, זייער גאַנצע תקיפות, אַנגעווירן און זיי האָבן זיך דערפילט צעטראָטן און צע־קוועטשט.

און בלייבע, פאַרלוירענע, צעטומלטע, צעדריקטע נפשות, מיטן יאָמער פאַרגליווערט אין זייערע אויגן, זענען זיי, די דאָזיקע נעכ־טיקע גבירים, אַרומגעלאָפן איבער די בראָנזווילער גאַסן און אי־בער די הייזער פון פריינט און באַקאַנטע און האָבן געזוכט הילף, געזוכט מיטלען צו ראַטעווען זיך.

קיינער איז שוין מער נישט געווען קיין בטוח, נישט אַפילו קינדער ביי עלטערן און נישט עלטערן ביי זייערע קינדער.

פאַרקלאָוזד! פאַרקלאָוזד! פאַרקלאָוזד! — האָט מען איצט געהערט אויף די גאַסן פון בראָנזוויל, און אין דאָס רוב הייזער— זיפצן און קרעכצן, ווי אַמאָל אין די טעג פון דעם בום, דעם פאַר־האַוועטן געפילדער: פאַרסעלס! לאָטס!

— פאַרקלאָוזד! — דאָס הייסט צוגענומען, אַנגעווירן, פאַר־לוירן די הייזער; דאָס הייסט אויס גביר, ווידער אַן אָרעמאַן!

אַ בייזער, שוואַרצער גייסט מיט אַ טאָרבע, ווי אַ טיפער, שוואַרצער אָפּגרונט איז געגאַנגען צווישן אַט די נעכטיקע גבירים פון הויז צו הויז און האָט צונויפגעקליבן זייער גאַנצע עשירות און צו זיך אין דער טאָרבע אַריינגעוואָרפן...

איינמאָל אין אַט דער צייט — געווען איז דאָס אַן אויפדער־נאַכט אַרום פסח־צייט — זענען געגאַנגען איבער סטאָן עוועניו אָרע מיט זיין לאַנדסמאַן דעם רב. דאָס זענען זיי געגאַנגען פון דעם בראָנזווילער רבס הויז, וווּ אָרע האָט זיך ערשט געעצט מיט רייטשלען.

אַ ליכטיקער אויפדערנאַכט געווען, וואָס איז באַלויכטן גע־ווען פון אַ פולער לבנה. אַ וואַרעם פרילינגס־ווינטעלע האָט זיי געבלאָזן אַנטקעגן.

אָרע איז געווען אַזוי צערודערט און צעטריסלט פון דער גט־

צערעמאָניע, אַז אים האָט זיך געוואָלט וויינען. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, און די ברייטע אַקסלען זיינע ביי אים זענען איינגעהויקערט געווען, ווי ער וואָלט אַ שווערע משא געשלעפּט אויף זיך.

פאַר די אויגן איז אים נאָך געשטאַנען רייטשל. עס איז שווער געווען זי צו דערקענען: אַזוי בלייך און דערשלאָגן האָט זי אויסגעזען. זי האָט געהאַלטן ביים פאַרלירן אַלע אירע הייזער.

אָרע האָט אפילו געוווסט פון איר שוועסטער, אַז זי, רייטשל, האָט שוין געהאַט פאַרזעצט איר צירונג אויך און דאָס געלט אין די הייזער אַריינגעטאָן, כדי זיי צו ראַטעווען. אָבער, משמעות, אַז דאָס וועט איר נישט העלפן. די הייזער וועט זי פאַרלירן סיי ווי סיי און זי וועט בלייבן מיט גאָרנישט.

אָרע איז שוין נישט געווען אויפגעבראַכט און פאַרביטערט קעגן איר אַזוי ווי פריער, מחמת פאַר דער צייט האָט ער זיין כעס און פאַרביטערטקייט פון איר אַריבערגעטראָגן אויף סעמקען.

ער, דער אָדעסער זשוליק, אָט דער מופקר, איז געווען שולדיק. ער האָט עס איר אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרייט מיט זיין טריפהנעם צינגעלע און מיט זיינע געוגגעלעך. זי איז אַ קינד געווען, האָט זי נישט פאַרשטאַנען און זיך געלאָזט פון גלייכן וועג אַראָפּפירן.

אַזוי האָט רייטשלען פאַרענטפערט איר שוועסטער פאַר אים, אָרען, און אַפילו זיין לאַנדסמאַן, דער רב, האָט אים אויך אַמאָל געזאָגט, אַז ווען נישט יענער, וואָלט זי געווען גאָר אַ לייטיש, ייִדיש ווייבל און צום סוף האָט אָרע אַליין אויך גענומען גלויבן אַזוי (מיט איר איז ער פאָרט ווען־עס־איז אַזוי גליקלעך געווען!), און דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו האַסן סעמקען און אויף רייטשלען איז ער שוין נישט געווען מער אַזוי אין כעס.

פונדעסטוועגן האָט גאָר נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן איבערבעטן זיך מיט איר און לעבן ווייטער מיט איר ווי מאַן און ווייב, ווען זי זאָל אַפילו מסכים זיין דערצו. מחמת זי איז פאָרט געווען אַזוי מוראַדיק זינדיק. בפרט נאָך, ווען וועגן דעם האָבן געוווסט אַזויפיל מענטשן. אָבער אויפגעבראַכט ווי פריער איז ער שוין מער נישט געווען קעגן איר. דערפאַר האָט ער אויף איר איצט רחמ־

נות געהאַט, בעת ער האָט זי דערזען ביים רב אין הויז. אַזאַ בלייכע און אַזאַ דערשלאָגענע.

עפּעס נאָענטס און ווארעמס, עפּעס פאַטערלעכס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אויפגעוועקט צו איר. ער האָט דערפילט ווי טייער און נאָענט זי איז אים געווען: אַזוי טייער ווי זיין טאָכטער עטל, אַזוי טייער ווי זיין טאָכטער שרהקע, אפשר נאָך טייערער. דאָס האַרץ ביי אים האָט זיך צעוויינט. ווען ער וואָלט עטלען און שרהקען געזען אַזוי בלייך און דערשלאָגן, וואָלט אפשר ביי אים דאָס האַרץ אויף זיי אויך געוויינט, הגם ער איז אויף זיי איצט געווען אַזוי אין כעס, אַז ער האָט נישט געוואָלט קוקן מער אין זייער זייט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

,,אויף איר איז, נעבעך, אַ רחמנות; אויף מיר איז נעבעך אַ רחמנות, און אויף וועמען איז היינט נישט קיין רחמנות, נעבעך?''.

ער האָט אַ זיפץ געטאָן און דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך די עלטער מיט אַמאָל אַוועקגעלייגט אויף אים. ער האָט אויסגעזען פאַרשוואַרצט, פאַרחושכט. די באָרד איז ביי אים צוריק אָנגעוואַקסן, נישט אַזוי לאַנג ווי פריער און אויך נישט אַזוי שוואַרץ ווי פריער, מחמת די ווייסע פּאָסן האָר, וואָס האָבן זיך דאָרט באַוויזן...

אַ היפּשע צייט איז ער געגאַנגען נעבן זיין לאַנדסמאַן, דעם רב, און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך מיט אַמאָל אָנגערופן גאַנץ שטיל:

— רבי, ווער האָט עס געדאַרפט האָבן?

— וואָס, ר' אהרון?

— אָט־דאָס־אָ, רבי, אָט דאָס אינגאַנצן, וואָס מען איז פריער רייך געוואָרן און נאָכדעם אַ זעץ מיטן קאָפּ אין דער ערד אריין!.. ווער האָט עס געדאַרפט האָבן, רבי?

— ווער קאָן פאַרשטיין גאָטס וועגן, ר' אהרון?

האָט אָרע ווידער אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ זיפץ געטאָן און איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. זיין לאַנדסמאַן, דער רב, האָט מיט זיינע דינע, ווייסע פינגער אַ שטשיפּליע געטאָן פאַרטראַכט

דאָס שוואַרצע בערדל, דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך אַליין געענטפערט אויף אַ פראַגע:

— אפשר... יאָ, אודאי וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ווען מען וואָלט געקענט אויסקומען אינגאַנצן אָן געלט... אַזוי פיל אומגליק וואָלט דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען...

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ־אָ־אָ! אָט־אָ־דאָס איז דאָס! דאָס טראַכט איך שוין לאַנג. געלט, רבי, איז אַ קללה. יאָ, אַ קללה, ווי פון דעם מחבל אויסגעטראַכט, ווי פון דעם שטן המשחית! איך האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט דערפון!

אַ מאַן איז זיי אַנטקעגן אָנגעקומען — אַ הויכער, אַלטער מאַן. ער איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, פּאַמעלעך, מיט שלעפּעדיקע טריט און איינגעהויקערטע אַקסלען, ווי איינער, וואָס איז נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקן־בעט.

— אָ, אָרע? אַ גוטן אָוונט דיר! אַ גוטן אָוונט אייך, רבי! — האָט דער אַלטער זיי אָפּגעשטעלט.

אברהם גוטמאַן איז דאָס געווען. און אים איז אויך געווען שווער צו דערקענען. אַן איינגעהויקערטער איז ער איצט געשטאַנען, אָן אַ סימן פון זיין פריערדיקן גאוהדיקן שטעל, און דאָס פּנים איז ביי אים געווען שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועט און צעקנייטשט, און אַן אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, און אונטער זיינע ווייסע וואָנצעס האָט זיך געקאָרטשעט אַ נעבעכדיקער שמייכל.

— איך גיי עס איצט פון חיים־זוסע פליוך, — האָט אברהם גוטמאַן גערעדט ווייטער הייזעריקלעך אויף זיין באַסאָוון קול. — נו, אָרע, וואָלסטו אַמאָל געגלייבט, אַז אָט דער חיים־זוסע פליוך זאָל אַזאַ זאַך קאָנען טאָן? מען דאַרף דאָס קאָנען טאָן!

— וואָס האָט ער געטאָן? — האָט אָרע געפרעגט.

— האַ? דו האָסט גאָר נישט געהערט? ער פייפט שוין איצט אויפן קריזיס און אויף אַלע קאָפּ־דרייעניש! ער האָט זיך געהאַנגען. האָט זיך פאַרמאַכט דאָרט ביי זיך אין אַ צימער און מען האָט אים געפונען דערנאָך הענגען אויף דער טיר מיט אַ שטריק.

אָרום האַלז און מיט אַן אַרויסגעשטעלטן צונג דעם קריזיס און די אַלע צרות.

אָרע האָט מיט שרעק אַרויסגעמורמלט:

— חיים־זוסע האָט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן?

און צוגעלייגט נאָך שטילער:

— ברוך דיין האמת!

— יאָ, יאָ, ווי דו הערסט, אָרע. איך גיי עס איצט פון זיין היים. פאַרשטייסטו מיך, אַז ער איז געוואָרן אַן אָרעמאַן, נעמט זיין יונג ווייבל, אָט די אייגענע, וואָס איז פריער געווען ביי זיין ערשטער ווייב אַ דינסט, נעמט זי און אַנטלויפט מיט אירן אַ געליבטן קיין קענעדע. אין דער אמתן, הלמאַי זאָל זי זיך איצט האַלטן מיט חיים זוסע פּליוך, אַז ער איז געוואָרן אַן אָרעמאַן? נו, האָט חיים־זוסע געמאַכט אַ סוף... מען דאַרף דאָס קאָנען. אָ, יאָ, מען דאַרף עס קאָנען — האָט אברהם גוטמאַן צוגעלייגט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. — וואָרום אַנדערע ווילן דאָס אויך טאָן און קאָנען נישט. זיי האָבן מורא, שרעקן זיך.

ביי אָרען האָט זיך אַרויסגעריסן שטיל און פאַרוואונדערט:

— אַזוי גאָר?... זיין ווייב אויך?... און דערפאַר?... אַ שוטה! פאַרלירן צוליב אַזאַ ווייב יענע וועלט אויך? אוי אַ נאַר!

ער האָט אַ זיפץ געטאָן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— און איך זאָג דיר, אָרע, אַז איך בין אים איצט מקנא — האָט דער אַלטער אברהם גוטמאַן זיך ווידער אָנגערופן. — איך האַלט נאָר נישט פון הענגען זיך. בעסער זיך אָנטרינקען מיט גאַז, ווי סיימאָן האָט עס געטאָן. דו האָסט דאָך געקענט סיימאָנען, וואָס האָט געבויט די הייזער אויף האַוואַרד עוועניו.

אָרע האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און געענטפערט:

— יאָ, וואָס איז?

— דו האָסט גאָר נישט געהערט, אָרע, וועגן דעם? נאָך סיימאָנען איז שוין אויך ברוך דיין האמת... אַ פרומער ייד איז ער געווען. איז ער אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש, האָט אָפּגעדאַווענט און איז דערנאָך געקומען אהיים, האָט אָפּגעזאָגט ווידוי און זיך אויך פאַרשפּאַרט אין אַ צימער און זיך אָנגעטרונקען מיט גאַז...

סטייטש, ווי קומט עס, וואָס דו האָסט דערפון נישט געהערט? עס איז דאָך געכטן געווען זיין לויה!

— אַזוי? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט. — אײַ־אײַ־אײַ!

און האָט צוגעלייגט ווידער שטילער מיט אַ זיפץ:

— ברוך דיין האמת!

זיין לאַנדסמאַן, דער רב האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אַ משוגעת אַזאַ. אַ משוגעת, וואָס האָט אָנגע־כאַפּט אפילו באַנקירן. זינט דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן לייד־ענט מען אין די צייטונגען נאָכאַנאַנד, אַז דער האָט זיך גענומען דאָס לעבן און יענער...

— דער, וואָס קאָן עס טאָן איז אַזוי ווייל און גוט צו אים, רבי! — האָט דער אַלטער אברהם גוטמאַן זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר־שטיקט און הייזעריקלעך, און די אויגן ביי אים האָבן זיך אומ־היימלעך צעפינקלט. — וואָס דען, לײדן נאָך און נאָך? וויפל איז דער שיעור? וואַרטן ביז דאָס האַרץ וועט פּלאַצן? אָבער אַז דאָס האַרץ פּלאַצט נישט, האַ, רבי?

אָרעס לאַנדסמאַן, דער רב, האָט דערזען, אַז דער אַלטער אברהם גוטמאַן ווערט אַלץ מער אויפגערעגט און ער האָט געוואָלט אים בארואיקן. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ווייך קול:

— איר, מיסטער גוטמאַן, זאָלט אַזוי רעדן, איז מיר אַ גרוי־סער חידוש. אַזאַ קלוגער ייד ווי איר האָט געדאַרפט וויסן, אַז...

אָבער אברהם גוטמאַן האָט אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן. אַ נערוועזער האָט ער אים איבערגעשלאָגן:

— וואָסער חכם בין איך? אַ נאַר, אַ נאַר בין איך, אָט אַזוי ווי ער, אָרע, און ווי אַלע, וואָס האָבן געכאַפּט מיט דער דוביגע איבערן קאָפּ!... הונדערטער טויזנטער האָב איך פאַרמאָגט... ווער ווייסט וויפל איך האָב פאַרמאָגט?... סיידן גאָט ווייסט עס. און היינט? שטויב און רויך, אַ חורבן פון דעם געוואָרן! נישט קיין הייזער, נישט קיין געלט. טראַ־אַך אין דר'ערד אַריין! ביי די באַנקען גע־בליבן!... אפילו דאָס הויז וווּ איך וווין האָט מען ביי מיר די וואָך „פאַרקלאָוזד". קיין משוועקל אפילו איז שוין דאָרט נישט מיינער!

מען נעמט עס אוועק. מען הייסט מיר זיך ארויסקלייבן פון דאָרט. גו, האַ, רבי, בין איך אַ חכם?

סיי דער רב און סיי אָרע האָבן מיט טרויעריקע מינעס אים אויסגעהערט און אים מער נישט געענטפערט. איז אברהם גוטמאַן נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען מיט זיי און נאָכדעם האָט ער געזאָגט „אַ גוטן" און איז שנעל אַוועק ווײַטער. אָבער אָרע מיט דעם רב האָבן נאָך קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוגיין עטלעכע טריט, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט און זיי אָנגעיאָגט, און זיי ווידער אָפּגעשטעלט:

— רבי, איר זענט אַ רב, ווײַל איך בײַ אײַך פרעגן אַ קשיא, און איר ענטפערט מיר, אויב איר קאָנט — האָט דער אַלטער אברהם גוטמאַן זיך אָנגערופן צעטראָגן:

— אדרבא, מיסטער גוטמאַן — האָט דער רב ווייך געענטפערט.

— פאַרוואָס, רבי, זאָגט מיר, האָט גאָט זיך אַזוי געשפּילט מיט מיר? וואָס האָט ער געהאַט צו מיר? נאַ דיר, אברהם, הייזער, נאַ דיר עשירות, נאַ דיר, אברהם, כּבוד, און צום סוף אַ פּייג!... רבי, ווו איז זיין רחמנות? ווו איז זיין יושר? ווו איז זיין גערעכטיקייט? רבי, מען קאָן דאָך משוגע ווערן! און טאָמער ווײַל איך מיט גוואַלד מאַכן אַ סוף צו אַט די יסורים, טאָר איך דאָס נישט טאָן, אַנישט וועל איך פאַרלירן יענע וועלט אויך. פאַרוואָס טאָר איך דאָס נישט טאָן? איך האָב דאָך אַ גערעכטע טענה צו גאָט: ווער האָט אים גע־בעטן מיך צו מאַכן פאַר אַן עושר? איך בין געווען אַן אָרעמאַן, איז דער קאָפּ געווען בײַ מיר רואיק. איך האָב נישט געדאַרפט מורא האָבן טאָמער וועל איך משוגע ווערן. פאַרוואָס, האַ? — האָט ער געערדט און דער קול איז בײַ אים געווען נאָך הייזעריקער, און די אויגן מיט אומהיימלעכן גלאַנץ האָבן נאָך שטאַרקער געפינקלט, און דער פּנים מיט די וואַנצן האָט זיך אָנגעצונדן, — פאַרוואָס? האָב איך ווייניק צדקה געגעבן? האָב איך אָרעמעלייט נישט גע־האָלפן, דער תּלמוד־תּורה נישט געשטיצט? ער וועט מיר מוזן ענט־פערן אויף דעם!

דער רב האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם:

— מיסטער גוטמאַן, באַרואיקט זיך!

— ער וועט מיר מוזן ענטפערן. פאַרוואָס קומט עס מיר? ווען איך בין געווען אַן אָרעמאַן, האָט מען מיך פון מיין דירה קיינמאָל נישט אַרויסגעוואָרפן און היינט האַלט מען ביים אַרויסוואַרפן מיך. איך וויל דאָס נישט זען, איך וויל דאָס נישט דערלעבן!

פלוצים האָט זיך פון דער אַנדערער זייט גאַס דערהערט אַן איינטאָניקער געשריי פול מיט שרעק:

— עס ברע־ענט! עס ברע־ענט! אַ שר־ר־פ־ה!

סיי אברהם גוטמאַן און סיי אָרע האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— איר הערט, רבי? אַט! — האָט זיך ביי דעם אַלטן אברהם גוטמאַן אַרויסגעריסן מיט שרעק. — אַזאַ סוף, האָב איך מורא, וועל איך האָבן. דאָס איז פּאָמפּערניקל. ער האָט אַלצדינג פאַרלוירן, לויפט ער איצט אַרום איבער די גאַסן אַ משוגענער און שרייט, אַז עס ברענט. יאָ, רבי, עס ברענט, און נאָך ווי! אַי, וואָסער מוראדיקע שריפה! דו, אָרע, ביסט נאָך אינגאַנצן נישט אָפּגעברענט. דו וועסט אָבער אָפּברענען, אָפּברענען אַט אַזוי ווי איך. האָב נאָר נישט קיין מורא, — האָט אברהם גוטמאַן נערוועז אַ לאַך געטאָן און איז אַנטלאָפן.

— עס ברע־ענט! אַ שר־ר־פ־ה! — האָט זיך ווידער דער־הערט דער מאָנאָטאָנער קול, וואָס איז געווען פול מיט שרעק.

אָרע האָט אַרויסגעמורמלט:

— אַ מורא! לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען!

און ער מיטן רב האָבן גענומען גיין האַסטיקער.

— דאַכט זיך, אַז דער אַלטער גוטמאַן רעדט אויך עפּעס, ווי נישט קיין קלאָרער מענטש — האָט דער רב זיך נאָכדעם אָנגערופן.

אָרע האָט שטיל געענטפערט:

— נו, פרעג איך אייך, רבי, בין איך נישט גערעכט: איז געלט נישט קיין קללה?

און ער האָט צוגעלייגט פאַרטראַכט:

— ווען איך זאָל נאָר אָפּצאָלן יענע חובות מיינע. נאָכדעם... עה! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, — מעג איך שוין אַפילו בלייבן אַן אָרעמאַן. און זאָגן אייך דעם אמת, רבי? איך

וואָלט שוין וועלן דאָס איבערקומען. זאָל זיין אַ סוף. אַראָפּ פון מאַרק, אַראָפּ פון קאָפּ! איך זע דאָך שוין, אַז פאַרפאַלן. היינט הלמאי שלעפּן אַזאַ שווערן באַרג אויפן קאָפּ? מען קאָן דאָך טאַקע משוגע ווערן! איך שלאָף דאָך נישט נעכט, רבי.

דער רב האָט אים געפּרוווט באַרואיקן:

— ר' אהרון, פאַרלירט נישט די האָפענונג. אַ פרומער ייד טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג. און איר וועט איצט אָנהויבן צו פילן בעסער. אייער מאַמע וועט איצט קומען אַהיים און זי וועט אויך אייך שוין גוט אַכטונג געבן. אפשר איז זי שוין דאָרט ביי אייך אינדערהיים, אייער מאַמע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי איר גט זיך היינט, וועט זי היינט קומען אַהיים.

— אַי, שלאָפן, — האָט אַרע געמורמלט, ווי ער וואָלט גאָר נישט געהערט, וואָס דער רב האָט גערעדט. — ווען איך וואָלט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט.

שפּעטער זענען זיי צוגעגאַנגען צו פּענסילווייניע עוועניו, און אַרע האָט פונדערווייטנס דערזען זיין גרויס הויז מיטן בלויען גאַניק, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט לבנה־שיין. אויפן גאַניק איז געשטאַנען חיים־עלי און האָט געקוקט דורך זיינע ברילן אָנגעשטרענגט אין דער זייט פון וואַנען אַרע מיטן רב זענען אָנגעקומען. דערנאָך איז ער אַרונטער פון גאַניק און איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן.

— אייער מאַמע איז דאָרט געקומען, — האָט ער זיך אָנגערופן צו אַרען. — זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

— יאָ? געקומען? — האָט אַרע צעטראָגן אַרויסגערעדט מיט אַ צעטראָגענעם שמייכל.

— און איר ווייסט ווער דאָ איז נאָך געווען פריער?

— ווער?

— אָט זיי... געקומען ווידער מאָנען... זיי האָבן געוואָלט באַפאַלן אייער מאַמע. איך האָב קוים ביי זיי געפּועלט, אַז זיי זאָלן איר לאָזן צורו.

אַרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אַ צעמישטער:

— סטייטש, וואָס הייסט? איך האָב דאָך מיט זיי ערשט נעכטן

אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן נאָך אַ שטיקל צייט צורו. וויפיל דו האָסט איינגעמאָנט דירה־געלט האָב איך נעכטן צווישן זיי צעטיילט. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן וואַרטן נאָך אַ שטיקל צייט ביז מיר וועט ווידער אַריינפאַלן עפּעס געלט. הייַנט פאַרוואָס זענען זיי ווידער געקומען?

— איר זעט דאָך. זיי האָבן חרטה געהאַט, — האָט חיים־עלי געענטפערט.

— ווו זענען זיי?

— זיי זענען דאָ ערגיץ אַרום. זיי וואַרטן אויף אייך.

דער רב האָט זיך אָנגערופן:

— ר׳ אהרון, אויב זיי האָבן אָפּגעמאַכט מיט אייך דאַרפן זיי האַלטן דעם אָפּמאַך. אויב זיי וועלן קומען, וועל איך רעדן מיט זיי.

— עס וועט נישט העלפן, רבי,—האָט אָרע אַרויסגערעדט אַ פאַרצווייפלטער, — אָי ווי איז מיר, עס וועלן זיך ווידער אָנהויבן די יללות און די טענות. איך קאָן עס שוין מער נישט אַריבער־טראָגן. דער מח רייסט מיר דערפון. און דווקא די ערשטע נאַכט, ווען די מאַמע איז צוריק אַהיימגעקומען. דאָס איז מירקעס אויפ־טו. מירקע די בעקערקע. דאָס איז איר קאָפּ. הייַנט אינדערפרי איז זי ביי מיר געווען און האָט מיך געסטראַשעט, אַז אויב איך וועל איר נישט באַצאָלן שטילנקערהייט ביז אַ סענט, וועט זי זען, אַז מען זאָל מיך צעטראָגן די שטוב!

דער רב האָט אים איבערגעשלאָגן:

— באַרואיקט זיך, ר׳ אהרון, און גייט זען אייער מאַמען.

— יאָ, יאָ, איך גיי, — האָט אָרע גערעדט צעטראָגן. — חיים־עלי, איינגעמאָנט עפּעס דירה־געלט הייַנט?

— קיין סך נישט. דער עולם צאָלט נישט קיין דירה־געלט; האָט טאַקע אויך נישט, — האָט חיים־עלי געענטפערט און ער מיטן רב האָבן באַגלייט אָרען אין הויז.

די אַלטע פרומע האָט שוין באַמערקט דורכן פענסטער פון עס־צימער, אַז אָרע קומט, און זי האָט פאַר אים געעפנט די טיר.

— אַ גוטן אָוונט דיר, מיין זון,—האָט זי אים באַגעגנט, און איר קליין, שפּיציק פּנימל האָט זיך גערויטלט פון פרייד. — איך

בין געקומען צו דיר אויף פסח און וועל זיצן מיט דיר ביים סדר, ווי אין די גוטע צייטן, געלויבט און געדאנקט זאל זיין גאט!

— זאל זיין אין א גוטער שעה, מאמע! — האט ערע געקוקט איר אין פנים מיט א רחמנותדיקן שמייכל און מיט א האנט געגלעט איר איבער אן אקסל.

— אי־אי, מיין זון, ווי דו זעסט אויס! וואס דען? דיין מאמע איז נישט געווען אינדערהיים. איצט אבער, וועט זיין דיין מאמע אינדערהיים און ביי איר וועסטו שוין אויסזען אנדערש...

— גוט, גוט, מאמע, איך וויים. דו ביסט דאך מסתמא מיד? גיי לייג זיך שלאפן אויף דיין אלטן ארט. איך וועל דא זיין א־ביסעלע פארנומען מיט חיים־עלין. א גוטע נאכט דיר מאמע! — האט ערע געזאגט און ער איז אוועק מיט חיים־עלין צו זיך אין ביבליאטעק־צימער.

פרומע האט דעמאלט ערשט באמערקט דעם רב. זי האט זיך א כאפ געטאן:

— זע נאר, איר זענט אויך דא, רבי? א גוטן אוונט אייך! פאר שמחה האב איך גארנישט געזען, אז איר זענט דא! געלויבט זאל זיין זיין נאמען, רבי, אז די קליפה איז שוין מער דא נישטא, וועל איך קאנען זיין מיט ערען, און ווידער וועלן ברענען מיינע ליכט לכבוד שבת אין זיין הויז און איך וועל אים אפהיטן, און גאט וועט אונז ביידע אפהיטן.

— יא, פרומע, עס איז גוט, וואס איר זענט איצטער דא. איר וועט אים זייער צונוץ קומען. אבער דערמאנט אים נישט וועגן יענער. זיי האבן זיך געגט, איז שוין! מען דארף אויף אים רחמנות האבן. ער האט אזויפיל קאפ־דרייעניש און דאגות, — האט דער רב גערעדט.

— איך וויים, רבי, איך וויים, — האט פרומע געזאגט. — אלצדינג וויים איך, וואס עס טוט זיך דא אין בראנזוויל. אבער גאט האט פריער רחמנות געהאט, וועט ער ווידער רחמנות האבן. און ווידער, רבי, אבי דא אין שטוב איז שוין מער נישטא די קליפה און ערע האט צוריק זיין יידישן פנים, בין איך צופרידן אפילו, אז ער זאל נישט זיין אזא גביר!

שפעטער איז דער רב אוועקגעגאַנגען און ער מיט חיים־עלי זענען געזעסן אין ביבליאָטעק־צימער און ווען עפּעס פאַרזאָרגט געוואָרן, אָן די אַלטע פרומע איז געשלאָפן אין איר צימער.

מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט שטימען פון גאַניק. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— זיי קומען טאַקע! וואָס טוט מען? וווהין אַנטלויפט מען? ווו באַהאַלט מען זיך פון זיי? — האָט ער געקרעכצט און געקוקט מיט צעטומלטע אויגן אויף די פענסטער צום גאַניק.

חיים־עלי האָט זיך אַ הויב געטאָן מיט די ווערטער:

— איכל גיין זאָגן, אַז איר זענט נישטאָ אין דער היים.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָבן זיך אונטער אַלע דריי פענסטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צום גאַניק, זיך באַוויזן ווייבער און מאַנסבילן מיט געשרייען:

— ר' אהרון, אונזער געלט! מיר ווילן אונזער געלט!

ער איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן און חיים־עלי איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער, מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויף די פענסטער.

ער האָט דאָרט דערקענט מירקע די בעקערקע מיט איר טאָכטער און שרה־לאה די נייטערקע מיט אירע ביידע טעכטער, און די אַנדערע עטלעכע ווייבער און מאַנסבילן, וואָס זיי האָט געקומען געלט פון אים. אויך דער איינגעהויקערטער זעליג דער מלמד מיטן גרויען, שפּיציקן בערדל און מיט די וואַטע אין די אויערן, האָט דאָרט עפּעס געשריגן צו אים פון אונטער אַ פענסטער.

ער האָט זי דערנאָך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק.

— סטייטש, איך האָב דאָך ערשט נעכטן מיט אייך אָפּגעמאַכט עפּעס, — האָט ער געפּרוווט רעדן צו זיי.

איז מירקע די בעקערקע, מיט אַ טוך איבער אירע אַקסלען, צוגעלאָפן צו אים און האָט צו אים שטיל געזאָגט:

— איר זעט? אָט האָט איר דאָס!

און זי האָט זיך צעטענהט הויך אויפן קול:

— מער וואַרט איך נישט! אָט דאָ וועל איך שטיין און וויינען

און קלאָגן: גזלן, רוצח, מיינע יתומימס געלט! איך וועל אייך אייער געביין פאַרשעלטן, די אויגן וועל איך אייך אויסקראַצן, אויף די גאַסן וועל איך שרייען, איך וועל אייך נאָכלויפן, קיין רו וועט איר ביי מיר נישט האָבן, אין מיטן נאַכט, ווען איר וועט שלאָפן, וועל איך אייך אין די פענסטער קלאַפּן, איך וועל אייך איינגאַנצן די שויבן צעברעכן! גוואַלד, מיין געלט! גזלן! מיינע יתומימס בלוטיקע געלט, רוצח! — האָט מירקע מיט אַמאָל זיך צעיאָמערט הויך אויפן קול.

די אַנדערע ווייבער און די עטלעכע מאַנסבילן האָבן אויך גע־מאָנט ביי אָרען זייער געלט, אָבער שטיל, אָן געשרייען, מיט אויס־געשטעלטע הענט און בעטנדיקע מינעס, און אַן אַנדערע, ווי שרה־לאה די נייטערקע, מיט שטילן געוויין.

דער איינגעהויקערטער זעליג דער מלמד האָט געהאַלטן אַ בריוו אין אַ האַנט און געטענהט רחמנותדיק צו אָרען:

— האָט רחמנות, מיין ווייב און קינדער זענען אויפן וועג, אָט איז אַ בריוו פון זיי. זיי וועלן קומען און איך דאַרף פאַר זיי אַ דירה.

אָרע האָט געמורמלט:

— אָבער האָט איר אויף מיר אויך רחמנות. פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט? וויפיל איך האָב געהאַט האָב איך אייך נעכטן אוועקגעגעבן.

מירקע די בעקערקע האָט זיך מיט אַ זייט צוגערוקט צו אים און איבעררייסנדיק אויף אַ רגע איר הויכן יאָמער, האָט זי זיך איינגעבויגן צו אָרען און אים געזאָגט אויפן אויער:

— איז וואָס־זשע, האַ? איר ווילט נאָך אַלץ מיר נישט אָנ־שטעקן מיין געלט שטילנקערהייט? איר וועט חרטה האָבן!

— איר זענט אַ הולטאַיקע, מירקע! — האָט אָרע געענטפערט.

האָט מירקע דעמאָלט זיך ווידער צעיאָמערט הויך אויפן קול און זיך אַ קער געטאָן צו די איבעריקע:

— וואָס גוויאַנזשעט איר? וואָס זשאַלעוועט איר אַ קול אויפ־צוהויבן? שרייט גוואַלד, אַנישט וועט איר אייער געלט בי אים נישט אַרויסקריגן!

און מען האָט מירקען געפאָלגט: די ווייבער האָבן זיך צעשריגן העכער און די עטלעכע מאַנסבילן האָבן זיך צעליאַרעמט, אַז זיי וועלן אים דאָס הויז צעטראָגן.

זעליג דער מלמד האָט זיך משמעות דערשראָקן פאַר אָט דעם גוואַלד, האָט ער זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געקוקט אַרום זיך אַ צעמישטער, און נאָר פון צייט־צו־צייט האָט ער אַ טרעט געטאָן צו די אַנדערע, וואָס האָבן געליאַרעמט, אָבער באַלד זיך צוריק אָפּגערוקט פון זיי.

דער צעטומלטער אַרע האָט זיך דערנאָך אַ כאַפּ געטאָן פון זיין אָרט און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב און האָט צוגעריגלט די טיר.

איז דער עולם באַלד געוואָן אַרום די פענסטער און האָט גע־קלאַפּט אין די שויבן מיט אַ גוואַלד:

— אונזער געלט! אונזער בלוטיק געלט!

אַרע האָט פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אויערן און אַזוי איז ער געלאָפן פון איין צימער אין דעם אַנדערן און דער גוואַלד נאָך אים.

אין איינעם פון די צימערן זענען געשטאַנען חיים־עלי מיט זיין מאַמען. די אַלטע פרומע איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט. זי האָט שוין געוווּסט פון חיים־עלין, וואָס פאַר אַ גוואַלד דאָס איז געווען.

אַרע האָט אַ כאַפּ געטאָן חיים־עלין פאַר אַן אַקסל און אַרומ־געמורמלט:

— טראָג צו זיי אַרויס דאָס געלט. גיב זיי אַוועק ביז אַ פּעני, וואָס דו האָסט צונויפגעקליבן הייַנט דירה־געלט. אָבער ניין, וואַרט אַ ווייליטשקע. זעליג דעם מלמד דאַרף מען געבן. זיין ווייב מיט די קינדער קומען, אַ ייִד, קוים וואָס ער זשאַוועט.

פרומע האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ קול, וואָס האָט זיך געטרייסלט:

— זיי אַלעמען גיב וויפיל נאָר דו קאָנסט. קיין קאַטאַוועס נישט, מיין זון, געלט פון אַלמנות, פון יתומים. אַזעלכע געלט, מיין זון...

— אי, מאמע, וואס רעדסטו? איך וועל זיי נישט באצאלן? זאלן זיי נעמען אלצדינג, וואס אין הויז איז פאראן אויף זייער חוב. וואס דארף איך איצט האבן אזא הויז מיט... מיט...

און ער האט זיך איבערגעשלאגן:

— רוף זיי אלעמען אריין, חיים־עלי!

און נישט געווארט אויף חיים־עלין איז ער אליין אוועקגעלאפן זיי רופן.

— קומט אריין! קומט אריין! — האט ער געעפנט די טיר צום גאניק און זיי גערופן אלעמען, וואס האבן געפילדערט, צו אים אין שטוב. און ווען זיי אלע זענען אריינגעקומען האט ער זיי אריינגעפירט אין עס־צימער, געגומען א גרויס טישטוך און אויסגעשפרייט אויפן דיל, און נאכדעם געעפנט די קאמאדן און שאפעס און גענומען שלעפן פולע שופלאדן מיט זילבערוואַרג און מיט קלינגעריי עס אויסגעשאטן אויפן טישטוך. די טייערסטע חפצים, כלים־פארשידענע, גאלדענע און זילבערנע, — זאכן וואס רייטשל האט איינגעהאנדלט פאר דער צייט און וואס האבן אפגע־קאסט א סך טויזנטער, האט ער ארויסגעשלעפט פון די שאפעס און געלייגט אויף דעם אויסגעשפרייטן טישטוך.

— דאס איז פאר אייער חוב — האט ארע פארהאוועט גע־רעדט. — חיים־עלי וועט עס פארקויפן אדער פארזעצן און דאס געלט צווישן אייך צעטיילן.

דער גאנצער עולם האט איצט געשוויגן און געקוקט פארוווג־דערט אויף ארען און אויף די טייערע זאכן, וואס ער האט געלייגט אויף דעם אויסגעשפרייטן טישטוך, אפילו מירקע די בעקערקע האט איצט געשוויגן.

פונדערווייטנס זענען געשטאנען פרומע און חיים־עלי, ביידע פאראומערטע. ארע האט זיך א קער געטאן צו זיין בוכהאלטער:

— חיים־עלי, דו וועסט מארגן פארזעצן אדער פארקויפן און דאס געלט צווישן זיי פארטיילן. נעם אריין זעליג דעם מלמד אין אן אנדער חדר,— האט ער צוגעלייגט שטילער,—און באצאל אים פון דער דירה־געלט, וואס דו האסט ביי זיך. ביז א פעני באצאל אים. זיין גרינע ווייב און קינדער קומען.

חיים־עלי האט א רוף געטאן זעליג דעם מלמד און איז אוועק מיט אים אין אן אנדער צימער. די אלטע פרומע איז ארויסגעגאנגען נאך זיי און האט זיך באלד צוריקגעקערט מיט א פאר זילבערנע לייכטער און זיי דערלאנגט ארען.

— דאס ווארף איך צו אהין, — האט זי געזאגט.

(דאס זענען געווען די לייכטער, וואס רייטשל האט אין זיי געבענטשט ליכט).

ארע האט צוגעשאקלט דעם קאפ און גענומען די לייכטער ביי פרומען פון די הענט און זיי צוגעלייגט צו די אנדערע זאכן.

זעליק דער מלמד איז אריינגעלאפן צוריק אין עס־צימער מיט א צעלויכטענעם פנים, האט פארהאוועט געזאגט א „גוטן" און איז ארויסגעלאפן פון הויז.

דער עולם האט דערנאך אויסגעקליבן מירקע די בעקערקע און נאך איינעם פון די מאנסבילן, אז זיי זאלן מארגן גיין מיט חיים־עלין צו פארהאנדלען די זילבער און גאלדווארג און די אנדערע חפצים, וואס ארע האט איינגעפאקט אין טישטוך. דערביי איז פארשטאנען געווארן, אז ביז ארע וועט נישט האבן זיי באצאלט איינגאנצן, וואס עס האט זיי געקומען, וועלן זיי האבן א רעכט ביי אים צו מאנען.

* * *

אויף מארגן איז ארע געווען ביי חיים־זוסעס לויה. צווישן דעם קליינעם עולם אויפן בית־עלמין זענען אויך געווען יאכנעטשיק און אברהם גוטמאן. ביי יאכנעטשיקן זענען די אויגן און דער נאז געווען רויט פון געוויין. ער האט גארנישט אויפגעהערט צו וויינען מחמת אויפן הארצן איז געווען ביטער און עס האט זיך געוויינט. און א חוץ דעם איז חיים־זוסע געווען זיינער אן אייגענער נאנטער מענטש.

אברהם נוטמאן איז די גאנצע צייט ארומגעגאנגען צווישן דעם עולם, ווי א שאטן און האט מיט קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט. און שפעטער, ווען חיים זוסעס א זון האט גענומען זאגן קדיש, האט ביי ארען דאס הארץ זיך צעוויינט און יאכנעטשיקן האט אנגעהויבן צו שטיקן, מחמת ער האט געליטן אויף

אסטמע, און אברהם גוטמאן האט זיך ארויסגעגנבעט פון צווישן דעם עולם און איז ערגעץ נעלם געווארן.

און אין א וואך שפעטער, עטלעכע טעג פאר פסח, איז ארע געווען ביי אברהם גוטמאנס לויה. דער אלטער אברהם גוטמאן האט זיך אויך צום סוף דאס לעבן גענומען.

אויפן בית־עולם צו זיין לויה האט יאכנעטשיק דערציילט ארען, אז אברהם גוטמאן האט די גאנצע צייט גערעדט וועגן „אנטאן זיך א מעשה", אבער מען האט אלץ געמיינט, מאלע־וואס א מענטש רעדט, ווען אים איז שלעכט אויפן הארצן. ביז ער איז אוועק צו זיין לאיער, האט געפרווט, טאמער וועט ער קאנען דורך יענעם אפראטעווען דאס הויז, וווּ ער האט געוווינט, אז מען זאל אים פון דארט נישט קאנען ארויסזעצן. און אז ער האט דערזען, אז עס איז פארפאלן, אז זיין לאיער קאן אים נישט העלפן, האט ער זיך דארט ארויסגעווארפן דורך א פענסטער פון צענטן שטאק.

* * *

זעלטן־ווער פון אט די פריערדיקע גבירים האט זיך געקאנט העלפן. אנדערע האבן פארזעצט דאס מעבל פון זייערע הייזער, דאס צירונג פון זייערע ווייבער, פארקויפט זייערע פערד, זייערע אויטאמאבילן, כדי זיך צו ראטעווען, אבער דאס האט זיי נישט געראטעוועט, מחמת אין א וואך צי אין א חודש שפעטער, האבן זיי ווידער געמוזט רעקן מארטגיידזשעס, זענען זייערע הייזער סיי־ווי־סיי פארלוירן געגאנגען אין דער שווארצער טארבע, וואס זי האט נאר קיין גרונט נישט געהאט...

א באזונדער פינסטערן איינדרוק האבן געמאכט די נישט־דערבויטע הייזער, וואס מען האט געזען אויף יעדער גאס. די דאזיקע הייזער, אנדערע צוגעדעקט אויף א העלפט מיט א דאך, אנדערע מיט האלב־דורכגעהאקטע פענסטער און אנדערע מיט דורכגעהאקטע טירן, האבן אויסגעזען ווי מצבות אויף פרישע קברים, ווי אזעלכע ליכטיקע טעג און מענטשלעכע פריידן און שיינע חלומות זענען נעלעגן באגראבן.

די פריערדיקע יידן, וואס זענען אזוי פלוצים אויפגעקומען. זענען אזוי פלוצים ארונטערגעקומען נאך נידריקער, ווי פריער

זיי זענען געבליבן פשוט דערשטיקט. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע שיינע, טייערע הייזער און אַריינציען צוריק אין די אָרעמע הייזער, אין די אָרעמע גאַסן, ווו דער דלות, א סך א ביטערער איידער דער פריערדיקער, האָט געוואַרט אויף זיי.

בלויז א גאַנץ קליינע צאָל פון זיי איז געשאַנעוועט געוואָרן פון דעם דאָזיקן חורבן. נישט מחמת זיי זענען געווען קלוגער איידער די אַנדערע, נאָר פשוט זיי האָט אָפּגעגליקט: צופעליקער־הייט האָבן זיי פאַרקויפט זייערע הייזער אין דער ריכטיקער צייט און האָבן נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו שטעלן זיך בויען נייע, און צופעליקערהייט האָבן זיי דאָס געלט דערצו נאָך געהאַלטן אין אַזעלכע בענק, וואָס האָבן נישט באַנקראָטירט.

צווישן יענע, וואָס זיי האָט אַזוי אָפּגעגליקט זענען געווען אויך סעם בלום און דאָקטאָר זילבערשטיין.

* * *

נאָך א יאָר איז אוועק און אָרע האָט שוין נישט געוווינט מער אין דעם גרויסן הויז אויף פענסילווייניע עוועניו. ער אויך האָט אַלצדינג פאַרלוירן. ער האָט זיך אָבער געפילט רואיקער איי־דער אין דער לעצטער צייט ביי אים אין דעם גרויסן הויז אויף פענסילווייניע עוועניו.

אין דער אָרעמער דירה אויף האָוואַרד עוועניו האָט ער, לכל־הפּחות, געקאָנט שלאָפן.

מירקע די בעקערקע און די אַנדערע האָט ער באַצאָלט, וואָס זיי איז געקומען, מחמת א קונה אויף זיין הויז אין פענסילווייניע עוועניו האָט זיך געפונען, און מיט אָט דעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר דעם הויז, האָט ער באַצאָלט די דאָזיקע בלוטיקע חובות, וואָס האָבן נישט געלאָזט שלאָפן, נישט אים און נישט דער אַלטער פרומען.

יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך געדאַרפט אַרויסקלייבן פון זיין גרויסן הויז אויף פענסילווייניע עוועניו, האָט די אַלטע פרומע אים געטרייסט:

— מיין זון, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען, און אַז מיר וועלן ווערט זיין ביי אים, וועט ער אונז ווידער געבן.

און זי האָט צוגעלייגט און די אַלטע אויגן האָבן זיך צעלויכטן דערביי מיט פרייד:

— אָבער סיי־ווי־סיי, מיין זון, האָסטו אָפגעשפּאָרט גאָר־גאָר אַ סך, וואָס קיינער וועט עס ביי דיר נישט קאָנען אָוועקנעמען: דיין תּלמוד־תּורה און דיין בית־המדרש. דאָס, אָרע, וועסטו נעמען מיט זיך, נאָך הונדערט און צוואָנציק יאָר...

און מיט אַ פרומער מינע האָט ער געענטפערט אויף דעם:

— יאָ, מאַמע, אַ דאַנק גאָט דערפאַר.

מיט פּיניען, וועלכער איז איצט געווען דער נגיד אין דער משפּחה, האָט ער זיך איבערגעבעטן פאַר דער צייט און אויך מיט שרהקען און מיט עטלען און מיט זיין איידעם דעם דאָקטאָר, אָבער אויף זייער הילף האָט ער נישט אַרויסגעקוקט. ער וואָלט זייער הילף נישט אָנגענומען, ווי ער וואָלט זיך נישט גענויטיקט.

— פאַר די פאַר יאָר האָב איך אַ סך געלערנט, מאַמע, — האָט ער איר אַמאָל געזאָגט. — זאָל איך דאָס בעסער נישט דער־לעבן צו אָנקומען צו מיינע אייגענע קינדער. אַז דער טאַטע איז דער געבער און די קינדער זענען די נעמער, איז ווויל צום טאַטן און ווויל צו די קינדער, אָבער, חלילה־וחס, ווען פאַרקערט, איז אַז אָך און ווויי צום טאַטן און אַ קלאָג און אַ בראָך צו די קינדער!

ווי די מערסטע פון די פריערדיקע גבירים, האָט ער אויך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם: צו וואָס נעמט מען זיך און וואָס טוט מען צו פאַרדינען אויף חיונה? און אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין אַמאָליקן פּאַק סחורה, און פאַר די אויגן האָבן אויפגעטויכט די זאַמדיקע וועגן איבער וועלכע ער האָט זיך געשלעפּט מיט זיין פּאַק אויף די אַקסלען, און די פאַרמס, ווו זיינע קונדן האָבן געוווינט מיט די הינט און שקצים און מיט דעם וואַלד אַרום. אָבער איצט איז שוין קיין סימן דערפון מער נישט געווען: ווו די פריערדיקע פאַרמס און זאַמדיקע וועגן און דער פריערדיקער וואַלד זענען געווען, זענען געלאָפן איצט נייע פאַרבויטע גאַסן פאַר מיילן ווייט און זענען געווען איצט אינמיטן בראָנזוויל.

אָבער סיי ווי סיי וואָלט ער איצט נישט געפעדלט. ער האָט

געפילט, אז ער וואָלט איצט נישט געקאָנט, בפרט נאָך, ווען ער האָט געהאַט אַן איידעם אַ דאָקטאָר....

אַמאָל האָט ער זיך אויך דערמאָנט אַן רייטשלען, וואָס זי האָט איצט געאַרבעט אַלס אַ פאַרקויפערין אין אַ געשעפט פון פרויען־קליידער אויף גרענד־סטריט אין ניו־יאָרק, און האָט גע־טראַכט מיט בענקשאַפט:

— אַזוי ווי אין אַ חלום.

איינמאָל אַן אויפגערעגטער, באַלד נאָך מעריב־דאַווענען, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין בית־המדרש. אַ וואַרעמער אָוונט גע־ווען, ווי אין מיטן זומער, כאָטש דאָס איז געווען אין חודש אָקטאָ־בער.

מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט יאַבנעטשיקן. ער איז גע־שטאַנען אויף דעם טראָטואַר קעגנאיבער און האָט געקוקט אויף אַ דערביי־יאָיקן גרויסן טענעמענט־הויז מיט אַ פאַררוסענעם קאָפּ. ער איז צו אים צוגעגאַנגען.

— אַ גוטן אָוונט, מיסטער יאַבנעטשיק, — האָט ער זיך אָנ־גערופן,— וואָס שטייט איר עפּעס דאָ?

יאַבנעטשיק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף זיינע קורצע פיס און זיך אומגעדרייט צו אים.

— אָ, איר, אַרע? פאַרוואָס איך שטיי דאָ? אָט, געקומען אויף קבר־אבות. מיין לעצטע „פּראָפּערטקע", וואָס איך האָב געבויט. אַלע מאָל, ווען איך בין אין דער געגנט, שלעפּט מיך אַזוי ווי דער נישט־גוטער אַ קוק צו טאָן אויף דעם. איך קאָן זיך נישט העלפן. איך מוז אַ קוק טאָן אויף דעם. דאָס קאָסט מיך געזונט, אָבער אָפּ־שטעלן זיך קוקן מוז איך. אַזוי אויך, ווען איך בין אין די אַנדערע געגנטן, ווו מיינע הייזער שטעקן... זעט, זעט, אין איין יאָר צייט, וואָסער חורבן! עפּעס אַ חושך האָט זיך אָנגעטאָן אויפן הויז! אַזוי אָפּגעלאָזן! און ביי מיר האָט עס געלעבט און געבליאַסקעט! עס איז דאָך נאָך גאָר אַ ניי הויז!

יאַבנעטשיק האָט אויסגעזען דערשלאָגן און ער האָט גערעדט מיט ווייטאָג.

— און איך אַנטלויף פון יענע גאַסן, ווו מיינע פאַרלוירענע

הייזער שטייען, — האָט אָרע באַמערקט. — איך וויל גאָר נישט טראַכטן מער דערפון. בעסער זאָגט מיר: וואָס מאַכט איר אַזוי?

— וואָס זאָל מען מאַכן? — קיין שכל נישט געהאַט אָפּצו־לייגן אַ פּאָר צענדליק טויזנטער אין אַ זייט, לעבט מען דערווייל אויף די ברעקלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון דעם חורבן און אַז דאָס וועט זיך אויסלאָזן, וועט מען אָנהויבן צו פוכגען אויפן פּיסק.... און וואָס מאַכט איר, רבי אָרע?

— כ'וויס? איך זוך עפּעס, וואָס צו טאָן: עפּעס אַ שטיקל קרעמל, צי וואָס... קיין גליקן וויל איך נישט מער...

יאַכנעטשיק האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן:

— זעט, זעט, ר' אָרע! אָט איז דאָך אונזער אַמאָליקער פּאַרטנער!

און ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער מאַשין, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ דערבייאיקן הויז. אין דער מאַשין איז געזעסן סעם בלום אַ פּריילעכער און אַ שיינענדיקער מיט גאָך עפּעס אַ מאַן.

אָרע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַז ער האָט דערזען סעמקען, אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט.

דער מאַן איז אַרויס פון דער מאַשין און סעמקע איז ווייטער געפאָרן.

יאַכנעטשיק האָט זיך אָנגערופן מיט אַן אומעטיקן שמייכל:

— איצט לאַכט ער פון דער גאַנצער וועלט. געבליבן אַ גביר. ער וואָלט געקאָנט איצט אָפּקויפן האַלב בראַנזוויל מיט זיין געלט. איך האָב געהערט, אַז ער האָט אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ פאַר זיך אויף פּרעזידענט סטריט.

אָרע האָט אַ זיפץ געטאָן:

— נו, יאָ, גייט פרעגט קשיות ביי גאָט!...

נאָכדעם איז אָרע אַוועק אַהיים. יאַכנעטשיק האָט אים באַ־גלייט. אויף שריט און טריט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף נישט דערבויטע הייזער און מיט לעכער פאַר פענסטער, וואָס מען האָט געלאָזט אָפן, און מיט לעכער פאַר טירן, וואָס אַנדערע זענען אויך פאַרקלאַפּט געווען מיט ברעטער און אַנדערע זענען געבליבן אָפן

פאַר דעם ווינט, וואָס האָט אַהין פאַרטראָגן דעם שמועס פון די גאַסן און פאַר די קעץ, וואָס האָבן פון דאָרט ווילד געמיאַוקעט גאַנצע נעכט.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען האָפּקינסאָן עוועניו. דאָרט אויפן ראָג איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם אַרום אַ רעדנער און האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

דער רעדנער איז געווען סאַמועלסאָן. ער איז געשטאַנען אויף אַ וואָגן און האָט פון דאָרט גערעדט צום עולם.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון די וואַלן. סאַמועלסאָן האָט אַגיטירט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן.

צווישן עולם זענען אויך געווען מענטשן פון די „אַרונטער־געקומענע". זיי האָבן נאָך שטאַרקער אַפּלאָדירט זיינע רעוואָלו־ציאָנערע און סאָציאַליסטישע רייד, ווי די אַרבעטער, זיינע גענאָסן, וואָס האָבן אים איצט געהערט. קיין בעסערע צוהערער האָט דער סאָציאַליסט סאַמועלסאָן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. יעדעס וואָרט זיינס איז ווי פון זייערע הערצער אַרויס, ווי מיט זייער פילן דורכ־געפילט געווען. ווי רעוואָלוציאָנער זיי האָבן זיך דאָס געפילט אָט די „אַרונטערגעקומענע", וואָס האָבן געהערט איצט סאַמועלסאָנען!

יאַכנעטשיק און אָרע האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט צו הערן סאַמועלסאָנען.

— איר הערט, איר הערט, ר' אָרע? — האָט יאַכנעטשיק זיך באַלד אָנגערופן. — איר הערט, וואָס סאַמועלסאָן רעדט? ער איז גערעכט, זאָלן מיר ביידע אַזוי געזונט זיין!

אָרע האָט זיך איינגעהערט.

סאַמועלסאָן האָט גערעדט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט וואָלט אַזאַ קריזיס נישט געקאָנט געמאָלט זיין און אַזעלכע אומגליקן וואָלטן נישט געקאָנט געשען, און, אַז די איינציקע הילף קעגן אַזעלכע קריזיסן איז דער קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס זי איז באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום, אויף פּראָ־פיט און ספּעקולאַציעס.

יאַכנעטשיק האָט מיט חיות גענומען אַפּלאָדירן אַזוי ווי די אַנדערע.

— מיר ביידע זאָלן אַזוי געזונט זיין, ווי ער איז גערעכט, — האָט ער זיך ווידער אַ קער געטאָן צו אָרען. — איכ׳ל שטימען פאַר די סאָציאַליסטן, און איר, ר׳ אָרע, דאַרפט עס אויך טאָן!

אָרע האָט זיך געלאָסן אָנגערופן:

— און איר מיינט, אַז אַלצדינג, וואָס סאַמועלסאָן זאָגט איז כולו חכמה? איך האָב פריער אויך אַזוי געמיינט, צום סוף אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַזאַ חכם ווי מיר אַלע. איר געדענקט דאָך, ווי ער האָט אַליין געטענהט וועגן די גליקן אין בראָנזוויל? און ער האָט פאַרלוירן זיין געלט און זיינע הייזער פונקט ווי מיר אַלע!

יאַכנעטשיק האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויסגע־מורמלט:

— יאָ, אויך אמת. איז טאַקע זייער שלעכט און זייער ביטער.

און מיט אַמאָל האָט סאַמועלסאָן אויסגעשריגן:

— אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט מען קאָנען זיך באַגיין אינגאַנצן אָן געלט.

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? סיידן אָן געלט. ווען מען זאָל קאָנען מאַכן, אַז עס זאָל גישט זיין מער קיין געלט. ווארום איך האָב שוין לאַנג אויס־געפונען, אַז געלט איז די גרעסטע קללה!

יאַכנעטשיק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ רגע אָנגע־קוקט אָרען, דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— אוי, ווען מען זאָל מאַכן אָט אַזוי־אָ, דאָס הייסט, אַז אין דר׳ערד מיטן געלט, ווער דאַרף עס?...

אָט אַזוי האָבן געפילט און געטראַכט און גערעדט די נעכטיקע בראָנזווילער גבירים, וואָס זענען אומגעקומען אין דעם שטורעם פון יאָר 1907, אָבער די שטאָט בראָנזוויל אַליין איז פאַרבליבן אויסגעבויט, די הייַנטיקע גרעסטע יידישע שטאָט אין דער וועלט.

(סוף)

ערשטער טייל אין 1913; צווייטער אין 1934.